STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10836

SHUL-GRAMATIK

Yudel Mark

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Printed in Germany

יודל מאַרק

שול־גראמאטיק
אין ביישפּילן און אויפגאַבעס

ערשטער קאנצענטער

צווייטע פארבעסערטע אויסגאבע

פארלאג „ליכט“ קאוונע
1923

בוכדרוקעריי פעליקס וואלף ג. מ. ב. ה., בערלין, דרעזדענער גאס 43

הקדמה צו דער ערשטער אויסגאבע.

דער לימוד פון דער יידישער גראמאטיק איז, לויט מיינע דערפארונגען, אוועקגעשטעלט אין אונדזער יונגער יידישער שול אינגאנצן צופעליק, אן א פלאן און נעבעכדיק. ער ווערט באהאנדלט כלאחר־יד, אמאל אפילו מיט א געוויסן ביטול צום לימוד, עפעס ווי מען וואלט זיך אראפגעלאזט, גענידערט צו אים. שולדיק זיינען די פאראורטיילן און די פאלשע השגות, וואס מען האט ביי אונדז וועגן דעם לימוד פון גראמאטיק, די קנאפע פילאלאגישע ידיעות פון אונדזערע לערער און ועל־כולם — עס פעלן אונדז הן וויסנשאפטלעכע ווערק (וואס זאלן זיין צוטריטלעך פאר דעם לערער) הן פראקטישע שולגראמאטיקעס.

און לגמרי איז ניט בנמצא אט דער צווייטער מין ביכער, וואס זיינען אזוי נייטיק פארן געהעריקן אוועקשטעל פון אונדזער לימוד. אונדזער שול ווארט נאך אויף די מענטשן, וואס זאלן באזיצן א באמת־פילאלאגישע באהאוונטקייט אין אלע פראגעס, וואס זיינען צונויפגעבונדן מיט דער יידישער וויסנשאפטלעכער גראמאטיק, און וואס גלייכצייטיק זאלן זיי אויך זיין פעדאגאגן־פראקטיקער. נאר אזוינע מענטשן קענען און דארפן זיין די שאפער פון א שולגראמאטיק מיט א דויערנדיקן ווערט. ליידער קען דער מחבר פון דעם דאזיקן ביכל בשום אופן ניט פאררעכנט ווערן צווישן זיי, און דערום וואלט ער גאר קיינמאל ניט געהאט די דרייסטקייט זיך צו פארנעמען מיט אזא פאראנטווארטלעכער ארבעט. נאר אן א שום פארטיקן לכתחילהדיקן מיין צו שאפן א שולגראמאטיק, נאר עפעס פונזיכדיק, אין פראצעס פון טאגטעגלעכן גרייטן זיך צו די יידישע שעהן אין משך פון א גאנצן שוליאר, איז אויסגעוואקסן דאס ביכל. און אזוי ווי אויף דערווייל, אין דער פולקומער פוסטקייט, קען עס אפשר ברענגען עפעס א נוצן, לייגט עס דער מחבר פאר דעם משפט פון אונדזערע לערער.

איך האב זיך געפלייסט דורכצופירן אין מיין ארבעט פאלגנדעס: דער לימוד פון גראמאטיק מוז געפירט ווערן שטרענג אינדוקטיוו, די אלע כללים, ווי מען רופט עס געוויינטלעך, דארפן ווערן פון די שילער גופא אויסגעזוכט, אויסגע־פירט פון דעם מאטעריאל, וואס זיי באטראכטן. דער תלמיד לערנט ניט עפעס א פארטיקע זאך, ער איז ניט קיין מעלה־גרה־אפאראט — ער מוז זיין אליין דער פארשער און דער זוכער. די הויפט־אויפגאבע איז צוגעוויינען די תלמידים זיך צוצוקוקן און זיך פונאנדערצוקלייבן אין די שפראכפארמען און שפראכערשיינונגען. די שעהן פון גראמאטיק דארפן ניט זיין קיין טויטע, נודנע, פארטעמפנדיקע שעהן, דאס לערנען גראמאטיק איז עפעס אנדערש ווי האקן, „זוברעווען" „טשעסנאק, טשעסנאקא" א. אז. וו.

דאס אלץ איז קלאר, אויבנאויפיק און ממילאדיק. אבער ביים דורכפירן עס אין דער פּראַקטיק שטויסט מען זיך אן אויף א ריי שוועריקייטן. ראשית, מוז מען איינזען, אז דער געווינלעכער, דער סקארבאווער סדר פון פונאנדערטיילן דאָס לערנמאטעריאל *דארף אפגעווארפן ווערן*. דערום ווערט דא פארגעלייגט אן אנדער סדר, וואס איך האב אים אויסגעפּרוּאווט אויף תלמידים פון אונדזער ווילקאמירער רעאל־גימנאזיע. אזוי, למשל, דארף אין דער שול־גראמאטיק ניט עקסיסטירן קיין צעטיילונג אויף סינטאַקסיס און עטימאלאגיע. אויב מען וויל פירן דעם לימוד אינדוקטיוו, אויב מען וויל די גאנצע צייט האבן צו טאן מיט א באוואוסטזיניקער באציאונג מצד די שילער, דארף, דוכט זיך מיר, אנגעהויבן ווערן פון באטראכטן א גאנצן זאץ א. אז. וו. בכלל איז דער סדר פון פונאנדערטיילן דאס מאטעריאל דער שוועער־פונקט פון דער סיסטעם, און איך וואלט האלטן מיין אויפגאבע פאר געלייזט. אויב דאס ביכל וועט שטויסן דעם לערער צו קלערן אין דער ריכטונג. צווייטנס, דארף געדרונגען ווערן, אז די *וויכטיקסטע טיילן* פון א שול־גראמאטיק זיינען *די ביישפילן*, וואס זיינען צוגעגרייט פאר דעם באטראכטן און אנאליזירן, און *די אויפגאבעס*. דער אזוי גערופענער כלל איז פרינציפיעל איבעריק און אומנוציק. די אויספירן, וואס איך האב אבער זיי געגעבן אן ארט אין גראמאטיק, זיינען אפשר מער פאר דעם לערער ווי פאר דעם שילער. דערום שטרעבן זיי אויך ניט צו זיין קורץ, ס'איז ניט קיין געזעץ און ס'איז אויף דעם ניט חל דאס לאטיינישע ווערטל. מען טאר די דאזיקע אויספירן בשום אופן ניט באטראכטן ווי א מאטעריאל צו חזרן, צו „זובּרעווען". פונקט אזוי ווי עס זיינען אפשר איבעריק די אויספירן, וואלט מען זיך געקענט באגיין אן דעם אנווייז וואס צו טאן מיט דער אויפגאבע (א פאר אויפגאבעס זיינען טאקע פאראן אזוינע). בכלל זאל שוין דער לערער קלערן, זאל ער צופאסן עס צו די ידיעות, פעאיקייטן און אלגעמיינער אנטוויקלונג פון קלאס ביים פארווענדן דאס געזאמלטע מאטעריאל און ביים אויסוויילן אפשר נאר א טייל פון אים.

נאך א פאר באמערקונגען. דאס גאנצע מאטעריאל פאר ביישפילן און אויפגאבעס איז גענומען נאר פון ליטעראטור. ס'איז כמעט אומעטום אנגעוויזן געווארן דער מקור. מיינע אייגענע ביישפילן זיינען דארטן ניט בנמצא. פארשטייט זיך, אז דאס האט אפגענומען מוראדיק פיל צייט און געפאדערט א סך גערולד. ס'רוב זיינען די ביישפילן אזוינע, אז זייער אינהאלט זאל ניט זיין פרעמד דעם קינד, אז עס זאל קענען אפילו וויסן, פון וואנעט זיי זיינען גענומען. ס'איז אבער אויך פאראן א קליינע צאל צופעליקע ביישפילן. די טערמינאלאגיע איז כמעט אינגאַנצן אן אלטע. נאר א פאר טערמינעס זיינען אומגעביטן, ס'רוב פארגרינגערט געווארן. די ארטאגראפיע איז שטרענג און כשר זלמן רייזענס, ניט ווייל זי איז מסיני אדער ווייל מען קען און מען דארף צו איר קיין טענות ניט האבן, נייערט ווייל זי איז מער פארשפרייט אין אונדזערע שולן און אפשר אויך מער אויסגעהאלטן. איין קליינע נפקא־מינהלע: נאך „נג" און „נק" קומט ביי מיר אן „ע" פאַר דעם „ן" אפילו אין בייווערטער אויך. (למשל: *די יונגען* און *דעם יונגען מענטשן*. פארגלייך זלמן רייזענס „גראמאטיק פון דער יידישער שפראך" 157 §). א ביסל געוואגט איז אפשר אין דער פראגע וועגן אפשטעלצייכנס, צו וועלכע מען

באציט זיך ביי אונדז מיט א פריקרער גלייכגילטיקייט און אפגעלאזנקייט. אין דער פראקטיק שטעלט מען זייי סתם אזוי ווי ס׳פאלט איין, איטלעכער נאך זיין שיטה אדער גאר אן א שיטה — און אין דער טעאריע האלט מען זיך שטרענג אן דער רוסישער סיסטעם. ס׳איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, אז דער קאנסעקוועגטער לאגיזם מיט זיין פיל־כללימדיקייט און גאַנצן האמעטנעם קלאפערגעצייג פון דער רוסישער פונקטואציע איז לחלוטין ניט צוגעפאסט צו דער רירעוודיקייט און אומלאנישקייט פון אונדזער יידישן סטיל. מען דארף טאקע טעארעטיש, פונקט ווי ס׳איז טיילווייז אויך דורכגעפירט אין דער פראקטיק, זען צו דערנענטערן די כללים וועגן אפשטעל־צייכנס צו דער פראנצויזיש־ענגלישער סיסטעם. אין דעם ביכל איז נאך ניט אויסגעקומען צו געבן א פולקומע זאמלונג פון כללים וועגן אפשטעלצייכנס, וואס מען קען עס בשום אופן ניט נעמען אויף זיך, אבער שוין דא איז באוואוסטזיניק אפגעווייכט פון א טייל „רוסישע" כללים. אויב מיר באציען זיך אזוי שטרענג צום דייטשמעריש, דארפן מיר אבער אויך ניט דערלאזן קיין רוסיציזמען, וואס זיינען ניט צוגעפאסט צו דעם כאראקטער פון יידיש.

לסוף מוז איך אויסדריקן מיין דאנק מיינע חברים פון פעדאגאגישן ראט פון דער ווילקאמירער יידישער רעאלגימנאזיע, מיט וועלכע ס׳איז אויסגעקומען זיך צו בעראטן אין משך פון דער ארבעט, און א ריי תלמידים פון דער זעלביקער גימנאזיע, וואס האבן אויף פארשיידענע אופנים מיר געהאלפן. א באזונדערן דאנק קומט ה׳ ז. קלמנאוויטש פאר א גאנצער ריי זייער וויכטיקע אנווייזונגען און תיקונים ווי אויך פארן איבערקוקן דאס גאנצע ביכל.

יודל מאַרק.

ווילקאמיר, אווגוסט, 1921.

הקדמה צו דער צווייטער אויסגאַבע.

די צווייטע אויסגאַבע שיידט זיך אונטער פון דער ערשטער בלויז אין קלייניקייטן: די יסודות, דער סדר, די מעטאָדן זיינען געבליבן די פריערדיקע. עס זיינען עיקרשט פאַרבעסערט געוואָרן גרייזן און אומגעלונגענע אויסדרוקן, וואָס זיינען בטעות אריינגעפאַלן אין דער ערשטער אויסגאַבע. די אָרטאָגראַפיע איז צוגעפאַסט געוואָרן צו די החלטות פון פוילישן שול־צוזאַמענפאָר (ווייל די דאָזיקע אָרטאָגראַפיע איז איינגעפירט אין אונדזערע שולן), הגם דאָרטן האָט מען זיך ווידער אַמאָל פאַרנומען מיט דעם פאַרערגערן דעם יידישן אויסלייג. עס זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן ביישפילן, וואָס וואָלטן געקענט זיין פרעמד פאַר קינדער. עס זיינען אויסגעשטריכן געוואָרן די אָנווייזן פון מקורים אין די אַלע פאַלן, וואו מיר האָבן צו טאָן מיט זאַצן, וואָס דריקן ניט אויס קיין שום באַזונדערקייט, קיין שום אינדיווידואַלישקייט פון מחבר. עס איז צוגעקומען אין דער ערשטער מדרגה אַ ביסל גענויערע באַטראַכטן די אָפּשטעלצייכנס, און אין דער צווייטער — פאַראַגראַפן וועגן צונויפגעזעצטן זאַץ און וועגן משפחות פון ווערטער.

בפרטיות דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף די שינויים אין דער טערמינאָלאָגיע. אין דער ערשטער אויסגאַבע האָב איך אָנגענומען כמעט אין גאַנצן די

רייזען־וויינגערשע טערמינאָלאָגיע. נאָר דער גרעסטער טייל איינווענדונגען, וואָס איך האָב באַקומען פֿון לערער־פּראַקטיקער, איז געווען קעגן אָט דער טערמינאָלאָגיע און בפֿרט קעגן די נעמען: „הויפּטוואָרט", „זאַכוואָרט", „זאָגוואָרט". באמת, די דאָזיקע טערמינען זיינען ניט געלונגען, הגם מען האָט זיך שוין צוגעוויינט צו זיי. דעריבער מאַך איך אצינד דעם פּרואוו זיי צו פֿאַרבייטן מיט אַנדערע: אַנשטאָט „זאַכוואָרט" און „זאָגוואָרט" — „זאַכטייל" און „זאָגטייל" (זיי זיינען דאָך לחלוטין ניט מחויב צו זיין אויסגעדריקט דורך איין וואָרט!) און דערפֿאַר באַפֿרייט זיך דאָס וואָרט — זאַכוואָרט אויף צו באַצייכענען מיט אים דאָס „הויפּטוואָרט", וואָס איז אין תוך אַ פֿאַלשער טערמין (צייטוואָרט, למשל, איז פּונקט אַזאַ הויפּט־וואָרט ווי „הויפּטוואָרט"). עס זיינען פֿאַרבליבן נאָך אַפּאָר טערמינען, וואָס מען קען ניט זיין צופֿרידן מיט זיי: א) „פּאַרנאָמען" (pronomen), געגעבן פֿון ז. קלמנאָוויטש. קיין בעסערעס האָב איך ניט געפֿונען. „פֿירוואָרט" (ווייל אין דייטש הייסט עס Fürwort) האָט דאָך גאָר קיין שום זינען ניט; מען האָט מיר פֿאָרגעלייגט „אַנשטאַט־וואָרט", „במקום־וואָרט", „נאָמען־וואָרט", וואָס איז ניט אָנצונעמען — איז פֿאַרבליבן דער „פּאַרנאָמען" פֿון דער ערשטער אויסגאַבע. ב) „אומשטאַנדוואָרט" און „אומשטאַנדבאַשטימונג" קלינגען ניט גוט מחמת דעם, וואָס „אומשטאַנד" איז ניט יידישלעך. נאָר במקום שאין איש...

אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן סדר:

איך האַלט ניט דעם סדר, וואָס איז געגעבן אין ביכל, פֿאַר אַן אומבאַווירלעכן. פֿאַרקערט, לדידי קומט אויס, אַז יעדער לערער מוז צופּאַסן דעם סדר פֿון דורכנעמען געוויסע אָפּטיילן צו דער צייט, וואָס געפֿינט זיך אין זיין רשות, צו דעם טיף פֿון דער שול, צו דער אַנטוויקלונג פֿון די קינדער וכדומה. כדי בולטער דאָס אונטערצושטרייכן, איז אין מאַנוסקריפּט פֿון דער ערשטער אויסגאַבע ניט געווען קיין שום נומעראַציע ביי די קאַפּיטלען, וואָס דער פֿאַרלאַג האָט שפּעטער פֿון זיך געפֿונען פֿאַר נייטיק צוצוגעבן. דער לערער מוז האָבן פֿרייע הענט און אַ ברייטן שטח ביים צונויפֿשטעלן פֿאַר יעדן פֿאַל באַזונדער דעם סדר פֿון לערנמאַטעריאַל. מהאַי טעמא בין איך אויך איצט ניט איינגעגאַנגען אויף דעם פֿאָרשלאָג פֿון פֿאַרלאַג ארויסצולאָזן יעדע מדרגה באַזונדער, וואָס דאָס וואָלט געווען מאַטעריעליש זייער באַקוועם פֿאַר אונדזערע פֿאָלקשולן, אָבער דאָס וואָלט געשטערט דעם לערער פֿריי צו קאָמבינירן דעם מאַטעריאַל פֿון דער ערשטער מדרגה מיט דעם פֿון דער צווייטער.

אַ חסרון איז די צעבראָקלטקייט און צעשפּליטערטקייט פֿון דעם מאַטעריאַל פֿאַר די אויפֿגאַבעס. נאָר אין תוך קען מען דאָס ניט אויסמיידן: פֿאַר דעם גרעסטן טייל עלעמענטאַרע אַנאַליזן איז אוממיגלעך צו נעמען גאַנצע שטיקער מיט אַן אָפּגעשלאָסענעם אינהאַלט. ליידער שרייבט מען ניט ספּעציעל, כדי עס זאָלן זיין גוטע ביישפּילן פֿאַר דער גראַמאַטיק. איך האָב זיך געפֿליסט צו געפֿינען אַזוינע גאַנצע שטיקער, און וואו דאָס האָט זיך געלאָזט משום מעטאָדיש־דידאַקטישע טעמים, האָב איך אַזוינע טיילן אַריינגעשטעלט, אָבער דאָך איז פֿאַרבליבן דער מאַטעריאַל פֿאַר דעם רוב אויפֿגאַבעס אַ רעזולטאַט פֿון מאָזאיק. ווי זשע דען זאָל מען פּאַקטיש מאַכן, ווען מען

דאַרף האָבן מאַטעריאַל אויף אויסצולערנען עלעמענטאַר אונטערשיידן דעם זאַכ־טייל און זאָגטייל א. ד. גל.?

דאָס ביכל איז לפי דעתי די ויותר פאַר די ערשטע פיר לערניאָרן. פאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס דער לערער מעג זיי דורכלאָזן, פונקט ווי ער קען אויס־נוצן בלויז אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל פאַר די אויפגאַבעס. ביי די אויפגאַ־בעס גופא האָב איך דורכגעלאָזן אַ סך מער אָנוויזן, וואָס צו טאָן מיט דער אויפגאַבע. זאָל דער לערער האַנדלען כרצונו׃ די אויספירן זיינען נאָך ניט אויס־געטיילט געוואָרן באַזונדער, הגם דאָס איז פּרינציפּיעל נייטיק. מען האָט גע־מאָנט ענטפערס אויף די רעטעניש, איך האָב עס דאָך ניט געגעבן, ווייל צו דעם כאַפּט זיך דער שילער פריער פאַר אַלץ, ווען דאָס ביכל קומט אַריין אין זיינע הענט. בלויז אַ פּאָר שווערע ענטפערס זיינען געבראַכט נאָכן אינהאַלט.

געזעסן אין ווילקאָמיר, האָב איך וויניק געהערט אָפּרופן וועגן מיין גראַמאַטיק און אפשר אפילו ניט אַלע רעצענזיעס געזען. מיר איז אויסגעקומען ביי דער צווייטער אויסגאַבע זיך צו רעכענען מיט הערות פון ז. קלמנאָוויטש (אין „נייס" און אין אַ פּעדאַגאָגישן ביולעטען פון דער ליטווישער קולטור־ליגע) און מיט אַ טייל באַמערקונגען פון ה׳ זאַרעצקי (אין אַ ביולעטען פון קיעווער לערער־פאַרבאַנד). אַ דאַנק ח׳ עטקין פון רעזשיצע פאַר די עצות, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט.

ליידער האָט מען זיך גאָר וויניק אָפּגערופן אויף מיין ווענדונג צו די יידישע לערערס פון ליטע מיר צוצושיקן זייערע אָנוויזן און תיקונים.

יודל מארק

ווילקאמיר, דעם 17־טן יוני, 1923.

פאַרקירצונגען.

אַד. — אַדלער.
איינ. — איינהאָרן.
ביאַל. — ביאַליק.
בערג. — בערגלסאָן.
גר. ביימ. — „גרינינקע ביימעלעך“.
דינ. — דינעזאָן.
וואַרש. — וואַרשאַווסקי.
וויים. — וויסנבערג.
מ. ל. — מאַני לייב.
מ. מ .ס. — מענדעלע מוכר־ספרים.
מרד. — ר׳ מרדכילע.
נאָמ. — נאָמבערג.
נייד. — ניידוס.
סעג. — סעגאַלאָוויטש.
ספּ. — ספּעקטאָר.
פ. ליד — פאָלקסליד.
פרט. — פאָלקסרעטעניש.
פיכ. — פיכמאַן.
קאַצ.. — קאַצנעלסאָן יצחק.
קוו. — קוויטקאָ.
קול. — קולבאַק.
ר. מ. — ראָזנפעלד מאָריס.
ריוו. — ריוועסמאַן.
ר. — רייזען אַברהם.
ש.־ע. — שלום־עליכם.
שפר. — שפּריכוואָרט.

ערשטע מדרגה

פּשוטער אומפּאַרבּרייטערטער זאַץ.

וועגן געדאַנק.

בייִשפּילן:

1. אויסנוצן אַ האַרבסטבילד.
2. שטעלט זיך פֿאָר דעם פּסחדיקן סדר. דערציילט וועגן אים.
3. דערמאָנט זיך אָן דעם לעצטן שפּאַציר, אָן דעם פּאַראיאַריקן שולאָוונט. דערציילט וועגן זיי.
4. נעמט זיך אַריין אַ צאָל אין קאָפּ; כּפֿלט עס אויף 5 און פֿון רעזולטאַט נעמט אַראָפּ 5. לאָמיר זאָגן, אַז איצט האָבן מיר באַקומען די צאָל 60. וויִיס איך שוין, וואָסער צאָל איר האָט געהאַט אין זינען.
5. אויף אַ האַלבן דאַך דאַרף מען הונדערט שינדלען. וויפֿיל דאַרף מען אויף אַ גאַנצן דאַך?
6. אַ ייִד האָט געדאַרפֿט אַריבערפֿירן איבער אַ טייך אַ ציג, אַ וואָלף און אַ קעפּל קרויט. אין שיפֿל האָט געקאָנט אַריינגיין פֿאַר אַמאָל נאָר דער ייִד מיט איינער פֿון די דריי זאַכן. איבערלאָזן אויף איין זייט דעם וואָלף מיט דער ציג האָט ער ניט געקאָנט, ווייל דער וואָלף וואָלט אויפֿגעגעסן די ציג. איבערלאָזן די ציג מיטן קעפּל קרויט האָט ער אויך ניט געקאָנט, ווייל די ציג וואָלט אויפֿגעגעסן די קרויט. ווי אַזוי האָט ער פֿונדעסטוועגן אַריבערגעפֿירט אַלע דריי זאַכן?

אויספֿיר § 1.

ווען מען באַשרייבט, וואָס מען זעט אויף דעם בילד, באַקוקט מען עס, באַקומט מען אַ קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם בילד און מען באַקלערט וואָס און ווי אַזוי צו באַשרייבן. ווען מען גיט די ריכטיקע תּשובֿה אויף די רעטענישן, באַטראַכט מען עס פֿריִער פֿאַר זיך, מען דענקט נאָך. אַלעמאָל ווען מיר זאָגן עפּעס אָדער מיר שרייבן עפּעס אויף, שטעלן מיר זיך עס פֿאָר, מיר דערמאָנען זיך וועגן דעם ענין אָדער מיר באַקלערן וואָס צו זאָגן, וואָס אויפֿצושרייבן.

אויפֿגאַבעס.

1 אַנו, טרעפֿט אָט בייִדע רעטענישן:

אַ) אַלץ גייט אין דעם אַריין. וואָס איז דאָס?

ב) וואָס איז די גיכסטע זאַך אויף דער וועלט?

2. ווי מיינט איר, אַז מען גיט פֿאַלשע תּשובֿות אויף די רעטענישן, קלערט מען טאַקע גאָרנישט אָדער אפֿשר האָט מען אַ טעות איבער אַן אַנדער סיבה? צי איז ריכטיק, וואָס מען זאָגט וועגן אַ גיכער און פֿאַלשער תּשובֿה: „האָסט געענטפֿערט ניט געקלערטערהייט“?

זאַך און וואָרט.

ביישפּילן.

1. עס איז דער האַרבסט געקומען.
געלע בלעטער וואַלגערן זיך אום.
די גיכסטע זאַך אין דער וועלט איז דער געדאַנק.
קומט גיכער אַהער!
— דו וועסט קומען צו מיר?
— ניין.
זאָלן אונדזערע קינדער וויסן פון אַ לעבן אויף דער וועלט.
אין זינען גייט אַלץ אַריין.
דער ייד האָט פריער גענומען מיט זיך די ציג.
איך האָב אַריינגענומען די צאָל 13.
ראַטעוועט!
גיי ניט!

2. עס זיין האַרבסט קומען. דו גיין ברענגען פירן קו הערנער פּאַשע. משקע רעטעך בוידעם ציבעלע שפּרינגען. אַנע וואַנע טאַטעניע, סיע וויע קאָמפּאַניע, סאַלעוו ראַקע, טיקע טאַקע, סיע וויע וואָן (פ. ליד). ניטאַזוימאַכטזיכוויעסטראַכט זיך (שפּר.)

אויספיר § 2.

אַט דאָס אַלץ (בייש. 1) זיינען זאַצן.

אַ זאַץ דאָס איז אַ פאַרבינדונג פון ווערטער (אָפט איין וואָרט), וואו עס דערציילט זיך וועגן עפּעס אָדער וואו עס ווערט אַרויסגעזאָגט אַ וואונטש, אַ באַפעל, אַ פראַגע, אַ פאַרבאָט וכדומה.

די מענטשלעכע רייד באַשטייט פון זאַצן. אָבער אַ מישמאַש פון ווערטער אָן אַ סדר און אָן אַ זינען איז ניט קיין זאַץ. דער זאַץ מוז האָבן עפּעס אַ באַטייט, אַ זינען. די ווערטער אין זאַץ מוזן שטיין אין אַ געוויסן סדר. (בייש. 2)

ניט אַלץ, וואָס מען קען אויסריידן אָדער אויפשרייבן, איז אַ וואָרט. איטלעכס וואָרט באַזונדער האָט זיך אויך זיין באַטייט. די ווערטער אין זאַץ ווערן געשריבן אָפּגעטיילט איינס פון צווייטן.

אויפגאַבעס.

3. טיילט אָפּ איין וואָרט פון צווייטן (געדענקט אַגב וועגן כ—ך, מ—ם, נ—ן, פ—ף, צ—ץ).

אַפּלעקעלעאַריינאַפּלעקעלעאַרויס — דימעשהאיזאויס. — משהאיזמיינער! — וואוהאָטמענאימגעפונען? — אונטערנקעלער. — וואָסהאָטמענאימגעגעבנצועסן? — דריימייזאויפאַטעלער (פ. ליד). אַזמענציטצופילאָנאַסטרונעפּלאַצטזי. גיכאַראָפּ־דימיצעלעך! פּאַרדונערלעכפּאַרבליצעלעך — שטייפּאויסגעגלייכטוויאַפּלאָקסן.

זאָלרעֶגנגעֶצנקעֶפּעֶלעֶכוויבּארעֶלעֶכוויעֶפּעֶלעֶך — וועֶלנמירניכעֶרוואַקסן ! (קוו.).
ארעֶגנדלאיזגאטסגעֶנאד, קומטארויסאונטאנצטאראד מיטבּלויזעפּיסאונקעפּעלעך.
גארנישטקלערנגארנישטפּרעגן, קינדערוואַקסנאויפנרעגן ווידיבּלומעןווידיזאנגען !
נאקעטעקעפּעלעכנאקעטעפּיס—וואקסטפּוניעֶדנקינדארייזבּיזנהימלצודעֶרלאנגעֶן (פּרץ).

4. א). שטעלט צונויף זאַצן פון אָט די ווערטער.

פון, זי, אַ, האָט, שטורעם־ווינט, אויפגעוועקט, שלאָף, שטאַרקער, זיסן. שבתדיק, אויפן, באָבע, די, געקליידט, זיצט, פריזבע. האַרבסטצייט, וואַלד, שפּאַצירן, זיי, פאַרנאַכט, איבער, גייען. אין, אַמאָל.

שטיין, נאַר, קלוגע, קענען, וואַסער, אַ, אַ, אין, ארויסנעמען, צען, וואַרפט, ניט, אַז, אריין.

גוט, גוט, דער, דער, לעבן, לעבן, זיצן, וואוינען, איז, צו, זון, איז, מאַמען, צו.

ב)

קליינע	גאָט	פּאַר	רעגן
העֶנטלעך	די	גיב	אין
אַ	געֶטרייעֶר	שיינעֶ	זינגעֶן
קינדעֶרס	רינגעֶן	פּאַר	די
קינדעֶר	קליינעֶ	די	וועֶגן

קענט איר עפּעס פאַרשטיין פון דעם, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן?
(גר. ביימ.).

זאַכטייל און זאַגטייל.

ביישפּילן.

1. די גרעזעלעך בליען. דאָס בינעלע זשומעט. חיים שרייט. יאָסל קייכט זיך. זיי זעען. אַ ווינט פייפט. עס איז געווען דער משוגענער. דער פרילינג, דער פרילינג וועט קומען.

2. איך גיי, איך קום, איך וועל היילן וואונדן (ביאל.). דאָס טייבעלע וואָרקעט. דאָס טייבעלע רופט (פרוג). יידן זיפצן. יידן קרעכצן. יידן וויינען (ש.־ע.). עס טריקענען די גראָזן. די צורה איז אַ בלייכע. בלוי איז געווען דער הימל. אַ רעגן טריפט און טריפט. ס'פייפט און ברומט דער ווינט (נאָמ.). לייבל ווערט באַשטראָפט.

אויספיר § 3.

אין זאץ זיינען פאראן צוויי הויפטטיילן: ז א כ ט י י ל און ז א ג ט י י ל.

דער ז א כ ט י י ל באצייכנט די ז א ך וואס מען רעדט וועגן איר. דער זאכטייל ענטפערט אויף דער פראגע: ווער? אדער וו א ס?

דער ט י י ל זאץ (א ווארט אדער א פאר ווערטער), וואס זאגט אונדז, וואס טוט דער זאכטייל אדער וואס איז דער זאכטייל, הייסט דער ז א ג ט י י ל (אדער דער אויסזאג).

דער זאגטייל ענטפערט אויף די פראגעס: וואס טוט די זאך? וואס האט זי געטאן? וואס וועט זי טאן? וואס איז די זאך? וואס ווערט געטאן מיט דער זאך?

אויפגאבעס.

5. א) טראַכט צו און שרייבט אויף אַ פּאָר זאַצן, וואָס יעדער פון זיי זאָל באַשטיין פון צוויי טיילן: פון זאַכטייל און זאָגטייל.

ב) קלערט צו אַ פּאָר אַזוינע זאַצן, וואו דער זאַכטייל מיט דעם זאָגטייל זאָלן זיין צונויפגעשמאָלצן אין איין וואָרט.

6. צו די געגעבענע זאַכטיילן צוטראַכטן געהעריקע זאָגטיילן און צונויפשטעלן זאַצן:

לייבעלע, די שול, דער אמת, אַ גזלן, עפּל, דער חבר, רעכענען, פּרק, „דער קונצנמאַכער", דער זאַטער, דער שנייהאַר, אַ מעשהלע.

7. צונויפשטעלן אַזוינע זאַצן, וואָס זאָלן פאַרמאָגן אָטאָ די זאָגטיילן:

שרייט, קלאַפּט, וועט פאַרבייגיין, האָט גערעדט, איז געווען שיין, איז אַ בהמה, איז אַ שרייבער, איז אַ קינדערזשורנאַל, איז געווען זיס, ווערט באַשטראָפט, איז אַ ליגן, ווערט פינסטער.

8. די טייבעלעך ברומען. די פישעלעך שווימען. די ווייַנשלבוימער בליען. אַ רעגן גייט. ער רופט. זיי דרעמלען. דער עולם שלאָפט. עס שפּראָצן די בלומען. עס ציען זיך וואָלקנס. עס טונקלט דער הימל. די פייגעלעך דרעמלען. די באָבעניו שוויַגט. דאָס לעמפּעלע צאַנקט. אַ וועכטער גייט. איך שפּרינג אויף. די לבנה שווימט. עס קלעמט דאָס האַרץ. שטיל איז דער ים. עס גיסן רעגנס. עס בלאָזן ווינטן. שיין איז דער פרילינג. עס איז זומער געווען. ווערט דאָס מיידל שטיל. יאַנקעלע וויל אַ יעגער זיין.

9. די שול ברענט. האַמערס קלאַפּן. זעגן זשומען. דער אויוון הייצט זיך. עס קאָכט זיך וועטשערע. עס טרילערט דער קאַנאַריק. עס שעפּטשעט די מאַמע. דער האַרבסט איז גרוי און קאַלט. ס'איז גרויס די סכנה. די ערד האָט זיך באַנייט. איך קוק זיך איין. דער סאָד איז שטיל. דער חלף האָט געגלאַנצט. אַ שטיפמוטער איז אַ שטאָכמוטער (שפּר.). עס איז די צייט געקומען. דער טאַטע איז קראַנק. סוחרים זיינען זיי. ער איז אַ כעסן. די מיידל איז בלייך געוואָרן. דער ווינט האָט זיך געלייגט. די קינדער זיינען געווען אויפגערוימט.

10. די רעדער שטייען. דער טייך איז טרוקן. עס שלעפּט זיך אַ פורל. עס סקריפּעט אַן אַקס. פייגעלעך זינגען, טייבעלעך ברומען. דער טומל וואַקסט. עס שוויַגט דער ווינט. די פישעלעך דרעמלען. אַן אלול-ווינט ווייט. די פעדערלעך פליען אוועק. דאָס פרעסטעלע שימערט. עס איז געווען אַ נאַכט.

עס פאַלט אַראָפּ די נאַכט. דער וועג איז פאַרווייט. קעצל האָרכט און קייט.
ס׳ווערט דאָס פערדל אויסגעשפּאַנט. די לופט איז הײס און ווירציק.

די שטוב איז קלײן, די שטוב איז קאַלט,
דער שניידער נייט, די נאָדל דרייט,
ס׳איז גרויס די נויט, ניטאָ קיין ברויט (אַנסקי).

אַפּשטעלצייכנס.

בייישפּילן.

די נאַכט איז שטיל. די נאַכט איז פינסטער. די גערטנער שלאָפן.

די ביימעלעך בליען, די יאָרעלעך פליען. דאָס מיידל וויינט און איר חבר טרייסט זי.

וואו ביסטו געווען? אין שול.

וואו באַהאַלט מען דאָס? אַהאַ, אויפן בוידעם!

ראַטעוועט! עס ברענט!

ער ליבט זי ניט. ער ליבט, זי — ניט.

דו וועסט גיין אַהין. דו וועסט גיין אַהין? דו וועסט גיין אַהין!

אויספיר § 4.

פונקט אזוי ווי עס איז נויטיק אפצעטיילן איין ווארט פון צווייטן, דארף מען אויך שטענדיק אין שרייבן באנוצן אפשטעלצייכנס, וואס ווייזן אן, ווען מיר שטעלן זיך א ביסעלע אפ ביים ריידן. די אפשטעלצייכנס זיינען אויך מסוגל אנצואווייזן, אז מיר האבן אונדזער שטים אנגעשטרענגט, אז מיר האבן העכער ארויסגעזאגט, מיט מער אויפרעגונג אדער געלאסענהייט. די וויכטיקסטע אפשטעלצייכנס זיינען: פּינטל, קאמע, פרעגצייכן און אויסרופצייכן.

ווען עס ענדיקט זיך דער זאץ, שטעלט מען א פּינטל. אפטמאל טיילט מען אפ איין זאץ פון צווייטן דורך א קאמע. דאס טוט מען יעמאלט, ווען די שייכות צווישן די זאצן איז א נאענטע. עס טרעפן זיך אפולע זאצן, וואס ווערן ניט אפגעטיילט אפילו ניט מיט א קאמע. א זאץ, וואס אנטהאלט אין זיך א פראגע, ענדיקט זיך מיט א פרעגצייכן. א זאץ, וואס אנטהאלט אין זיך אן אויסרוף, ענדיקט זיך מיט אן אויסרופצייכן.

אויפגאבעס.

11. טיילט אָפּ מיט א פּינטל איין זאַץ פון צווייטן.

דאָס גראָז שמעקט די זשאַבעס קוואַקען (ש.—ע.). די זון פאַרגייט דער טייך ווערט פוסט (בערג.). אין שטיבל ווערט פינסטער אין שטיבל ווערט שטיל (אד.). די שול איז באַלויכטן אַ יאָרצייטליכט ברענט (סעג.). די זון זעצט זיך די לופט ווערט קילער (ש.—ע.). עס פינקלען די שטערן עס סקריפּעט דער שניי. ברענט דאָס פייער שייטלעך קנאַקן (מ. ל.). ס׳רייטלען זיך בעקלעך עס פינקלען די אייגלעך. ער וועט העלפן איר וועט טויגן (מ. ר.). ס׳וויינט אַ קינד די וועלט איז וואַך (נייד.). דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט בר־כוכבא איז שוין טויט (וואלט). עס ציטערן די הענט עס קלאַפּט דאָס האַרץ (ש.—ע.). עס זשוזשעט די פליג עס שפּרינגט משה־רבינוס קיעלע (מענדעלע). לאַנג וועט

דויערן דערווינטער זומער איז נאָך ווייט (ר.). דאָס וויגעלע וויגט זיך דאָס לעמפּעלע בּרענט די באָבעניו זיצט (פרוג). עס ציטערט די נאַכט דאָס פאָלק דערוואַכט דער שונא גייט (פרק), דאָס נעזל גלאַנצט דער שטערן שוויצט דער טאָג איז קורץ דער וועג איז ווייט. (פרוג).

12. טיילט אָפּ איין זאַך פון צווייטן מיט א קאָמע.

עס ליאַרימט דער ווינט עס הייבן זיך כוואַלעס (מ. ר.). עמעץ פרייט זיך עמעץ לאַכט (טייטש). אַ קלאַפּ פאַרגייט אַ וואָרט באַשטייט (שפר). די נאַכט איז שטיל די לופט איז פריש (ש.—ע.). דער קבר איז פאַרטיק דער קבר איז אָפן (אַנסקי). די אַלטע לערנט דאָס מיידעלע שטיקט און העפט (פרק). די אייגעלעך גלאַנצן די בּעקעלעך רויט די פיסעלעך טאַנצן. די בּעקעלעך בּליען דאָס הערצל הייבּט זיך. און זיי וואַרעמען און גלעטן און זיי קושן און זיי בּעטן (ר.) דער גאָרטן האָט געבליט די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשאָכטן (בּיאַל.). דער מלך איז אָפּגעשטאָרבּן די מלכה געוואָרן פאַרדאָרבּן דער צווייג איז אָפּגעבּראָכן דאָס פייגעלע אַנטלאָפן (פ. ליד.). איך בּין אַ וועלפּעלע פון וועלדל קום איך איך בּין אַ שעפּסעלע דערפאַר אָ ברום איך.

13. שטעלט צונויף אַ פּאָר בריוו, אַ שמועס מיט אַייערן אַ חבר, מיטן לערער, און פאַרגעסט ניט דערביי וועגן אָפּשטעלצייכנס.

14. — וואו ש ט י י ס ט ו?
— אויפן גאַס.
— וואָס ט ר י נ ק ס ט ו?
— עפּלקוואַס.
— וואָס ע ס ט ו?
— בּייגעלעך.
— וואָס כ א פּ ס ט ו?
— פייגעלעך (פ. ליד).

הענט אויף מיינע אייגעלעך.
אַ שטימע הינטער מיר.
זאָג, ווער איז דאָס, מאָטעלע,
ווער שטייט דאָ הינטער דיר?
כ׳וויים ניט, מומע זעלדעניו.
דו האָסט דאָך מיך פאַרבלענדט!
ווי זשע קען איך ווייסן, אז
דו נעמסט ניט צו די הענט? (לאה קאָפּילאָוויטש-האָפּמאַן)

פאַרבּרייטערטער און אומפאַרבּרייטערטער זאַץ.

בּ י י ש פּ י ל ן.

1. די גרעזעלעך בּליִען (וואו? ווי?)
די גרעזעלעך בּליען א י ן פ ע ל ד אַ ל ע ג ל י י ך.
זיי שווימען (וואוהין?)

זיי שווימען צום ברעג.
גזלנים האָבן געלעבט (ווען? וואָסערע? וויפיל?)
צוויי אַלטע גזלנים האָבן אַמאָל געלעבט.

2. גייסט? יאָ, איך גיי.
גייסט אַהיים? שפּעטער.

אויספיר § 5.

דער זאכטייל און דער זאגטייל זיינען זאצטיילן. אחוץ זיי קען נאך דער זאץ האבן אנדערע זאצטיילן, וואס דערקלערן, וואס באציען זיך צום זאכטייל אדער צום זאגטייל.

א זאץ, וואס פארמאגט בלויז דעם זאכטייל און זאגטייל אדער וואו דיביידע טיילן זיינען צונויפגעשמאלצן אין איין ווארט, הייסט אומפארברייטערטער זאץ. א זאץ, וואס האט אחוץ דעם זאכטייל און זאגטייל נאך אנדערע זאצטיילן, הייסט פארברייטערטער זאץ.

אויפגאבעס.

15. טראַכט צו אַ פּאָר אומפאַרברייטערטע זאַצן, לייגט צו צו זיי נאָך זאַצטיילן, זיי זאָלן ווערן פאַרברייטערטע. באַקלערט די זאַצן פון די ביישפּילן 2. די אומפאַרברייטערטע זאַצן פון דער אויפגאַבע 8 מאַכט איבער אין פאַרברייטערטע; שטרייכלט אונטער די זאַצטיילן, וואָס איר לייגט צו.

16. אויפן שלאַכטפעלד אונטן, אויבן פליען קוילן. מענטשן ליגן, מלכים שלאָגן זיך ווי לייבן. כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן. פאָנען רוישן. שאָסן קראַכן. און די מחנות ציען ווייטער. ס'האָט אַ קויל געטראָפן סטאַכן. ס'קומט אַהיים דער מלך הייטער.

האַרבסט.

ס'איז דער האַרבסט געקומען,
ס'וועלקן בוים און בלום.
געלע בלעטער, זע איך,
וואַלגערן זיך אום.
ס'קומט א ווינט אַ קאַלטער,
פּייפט אַ לידל צו,
און די אָרעמע בלעטער
האָבן ניט קיין רו,
הייבן זיך און טאַנצן
טויטערהייט אָן מאַכט.
און דער ווינט דער בייזער
פּייפט און שפּילט און לאַכט.

(רייזען).

זאַך. איינגשאפּט. טואונג.

וועגן זאַך.

ביישפּילן.

1. און דער זמר ווערט אַלץ העכער און די קלאַנגען פעסטער, שטאַרקער, און עס באָמבלט צו דער טאַטע מיט די פינגער אויף אַ טעצל; און די טעלער און די מעסער און די גאָפּלען און דער בלאַנקער קידוש־בעכער זינגען מיט דעם ניגון (אד.)

2. לאָז אַ הונט אויף דער באַנק, שפּרינגט ער אויף דעם טיש (שפּר.). די פיש אין טייבעלע איז נאָך ווייט פון בייכעלע (שפּר.) אַלע שוסטער גייען באָרוועס (שפּר.). אויף אַן איינגעבויגענעם בוים שפּרינגען אַלע ציגן (שפּר.). אַ ליגנער מוז האָבן אַ גוטן זכרון (שפּר.).

שטול, קוימען, רויך, הימל, ליד, ריח, חלום, ווייטאָג. מענטש, שוועסטער, גזלן, גאַרבער, פליג, הערינג, שלמה.

אויספיר § 6.

וואו איך זאל זיך ניט געפינען, אין קלאס, אויפן פעלד אדער אנדערשוואו — אומעטום זע איך ארום זיך פארשיידענע זאכן. שטענדיק בין איך ארומגערינגלט מיט זאכן. אלצדינג וואס עס איז פאראן אין דער וועלט איז א זאך. ס'זיינען אויך פאראן זאכן אויסגעטראכטע, געמיינטע, וואס נאר אין זינען קען איך זיי האבן.

דאס, וואס עס איז דא אין דער וועלט, דערקען איך דורך מיינע חושים. פאראן זאכן, וואס מען קען זיי אי זעען אי, למשל, אנטאפן. סייזענען אבער אויך פאראן אזוינע זאכן, וואס מען קען זיי נאר זעען אדער נאר הערן, אדער אפילו ניט זעען, ניט הערן, ניט אנטאפן, נאר מערנישט דערפילן.

טייל זאכן אויף דער וועלט לעבן, טייל זיינען ניטלעבעדיקע. דעריבער טיילן זיך טאקע אלע זאכן אויף באלעבטע זאכן און אומבאלעבטע זאכן.

אויפגאַבעס.

17. רעכנט אויס די זאַכן, וואָס איר זעט אויפן בילד. רעכנט אויס די זאַכן, וואָס מען קען זעען אין פעלד סוף זומער.

18. נעמען פון זאַכן.

ביי מיר באַקומט איר מעל און באָב, אַ לולב און אַ טשאָלנטטאָפּ, אַ פאָן אויף שמחת־תורה און אַלץ—די בעסטע סחורה . . . דער קאָפּ פאַרדרייט . . . איך בלייב אָן הענט . . . דער האַנדל גייט, דער האַנדל ברענט—מיט פעך, מיט בלעך, מיט האָלץ, מיט גלאָז, מיט פייגלמילך, מיט טשוועקעס, מיט קמיעות . . . וואָס ווילט איר נאָך? איך האַנדל אויך מיט בשמים, מחזורים און סידורים און גרעגערלעך אויף פורים; מיט זאַלץ, מיט שמאַלץ, מיט ווינט, מיט רויך און מיט אתרוגים, אויך מיט ווייץ, מיט לייז, מיט וואַקס, מיט פלאַקס, מיט אַלע מיני תבואות, מיט פרישע גרינס אויף שבועות. ביי מיר באַקומט איר: עסיק, טיי, טליתים־קטנים אלערליי, און זייף, און יאַרמולקעס, און היי און אויב איר ווילט — הבדלות, לאַנגע ווי דער גלות (פרוג). שכנות קריכן איינע צו דער

אַנדערער נאָך אַ קויל פֿייער, לײַען אַ האַקמעסער, אַ ריבאַײַזן, אַ כּשרשטײן, אַ פֿאַרעווען טאָפּ, אַ ווייקשעפּל און אַן איי אויף שמירן חלה (מענדעלע).

19. נעמען פֿון אומבאַלעבטע און באַלעבטע זאַכן.

עטליכע מייל פֿון דאָרף, אין אַ גרויסער הויז מיט אַ גרויסן הויף, האָט גע־וואוינט אַ רייכער ייד. וואָס איז געבענטשט געוואָרען פֿון זיין ליבן נאָמען מיט פֿעלדער פּעטע, פֿרוכטבאַרע גערטענער און גאַנצע וועלדלעך איילבערטן און מיט סטאַדעס שאָף און רינדער, מיט מויל־אייזלען און קעמלען (פּרק). די צוויי ברידער־לעך פֿלעגן אין חלום זעען זייער שטעטעלע, זייער געסל, דאָס שטיבעלע, דעם טאַטען מיט דער לאַנגער באָרד, די מאַמען מיטן לאַנגען בלייכן אומעטיקן פּנים, די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך (ר.). אין אַ גאָלדענער קרוין, אויף אַ גאָלדענעם שטול איז שלמה געזעסן אַרומגערינגלט מיט שרים און זקנים און פֿאָלק, און ער האָט פֿאַר זיי תורה און חכמה געזאָגט; פּערל האָבן זיך אים פֿון מויל געשאָטן (פּרק). אויפֿן טאָוול פֿון פֿויק זיינען קינדיש אויסגעמאָלט קייקעלעך און דריידעלעך. דאָס גרעסטע קייקעלע מיט פּינטעלעך אַרום איז די זון מיט די שטערן. איבער זיי פֿליט אַ גאַנצע און לויפֿט אַ האָרנדיקער הירש. דער גאַנצע טאָוול איז פֿול מיט פֿיש און פֿויגלען, חיות און מענטשן, און איז אַרומגעצירט אין אַלעווינקעלעך מיט אַ הייליקן צייכן פֿון לעבן . . . דער רייף פֿון פֿויק איז באַהאַנגען מיט בלעכלעך און אייזנדלעך (ווייטער).

20. טרעפֿט דאָס רעטעניש: וואָס קאָן מען זעען און ניט אָננעמען?

21. אפֿשר וועט איר אָנרופֿן אַ פּאָר נעמען פֿון אַזוינע זאַכן, וואָס מען קען זיי בלויז פֿילן; אַ פּאָר נעמען פֿון זאַכן, וואָס מען קען זיי נאָר באַנעמען מיטן שכל, אָבער ניט מיר זעען זיי, ניט מיר הערן זיי א. אז. וו.

22. וואָס באַקומט זיך, ווען מען רופֿט אָן אַ נאָמען פֿון אַ זאַך און מען איז מוסיף, וואָס די זאַך טוט?

23. פֿרילינג.

די פֿרייד און דער מאָרגן,
דער טאָג גאָר אָן זאָרגן,
דער הימל אָן וואָלקן, די בלוי,
דער טומל, די זמירות,
די נעסטן — די דירות —
בעריאָזע און ווערבע און טוי;

די לוסט, דאָס באַגערן
די טראָפּנס ווי טרערן,
די קוויטן, דער פּוך — ניט דאָס בלאַט,
די בערג און די טאָלן,
פֿון דונער דאָס גראָלן,
מעלאָדיעס פֿון ווינטל, דעם כוואַט;

די פייגעלעך, בינען,
דער אומרו אין זינען,
דער זיפץ און דאָס בענקען פון היינט,
דאָס מורמלען פון וועלן,
די קלאַנגען, די טרעלן, —
דאָס אַלץ איז דער פרילינג, מיין פריינט.
(כאַצקל פּראַקער *).

וועגן אייגנשאַפט.

ביישפּילן.

1. שווערע עפּל, רויטע עפּל בייגן צו דער ערד די צווייגן (ביאַל.). דער ווייסער שניי איז ראָז געוואָרן און גרייפּעלעך שניי ווייסינקע, ראָזינקע, בלויאינקע האָבן געפינקלט אויף אַלע פעלדער (קול.). גיב אין זכות פון קינדער קליינע וואַסער לויטערע און ריינע (פּיכ.).

2. און וואָס זעט מען דאָרטן? — אַ וואַנט. אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גרויע, אַ נאַסע וואַנט (ש.—ע.). איך טאַפּ אָן עטלעכע קליינע, גלאַטע, גליטשיקע הויזן־קנעפּלעך (ש.—ע.). און לעבן זאָל דער גרויסער, ליכטיקער יצחק־לייבוש פּרץ אין אייך, ליבע יידישע קינדערלעך (דינ.)

אויספיר § 7.

אט האבן מיר א פאר שטיקלעך פאפיר פון איין לענג און ברייט. אלץ איז ביי זי גלייך, נאר דער קאליר איז פארשיידן: איין שטיקל פאפיר איז רויט, דאס צווייטע ווייס, דאס דריטע בלוי א. אז. וו. רויט, ווייס, בלוי זיינען די אייגנשאפטן פון די שטיקלעך פאפיר. אט האבן מיר א פאר האלטערס פון גלייכער פארב און לענג. נאר איין האלטער איז א גראבער, דער צווייטער — א דינער. גראב, דין — זיינען די אייגנשאפטן פון די האלטערס.

איטלעכע זאך האט זיך אירע אייגנשאפטן. די אייגנשאפט פון א זאך ווייזט אן, מיט וואס איין זאך אונטערשיידט זיך פון דער צווייטער. איין זאך קען האבן א סך אייגנשאפטן.

די אייגנשאפט באציט זיך שטענדיק צו דער זאך. דאס ווארט, וואס באצייכנט די אייגנשאפט, ענטפערט אויף די פראגעס: וואסער זאך? וועלכע זאך?

אויפגאבעס.

24. טראַכט צו פּאַסיקע אייגנשאַפטן צו די געגעבענע זאַכן:

הונט, רויבער, בוך, העפט, וואָלקן, צוקער, האַרבסט, בוים, פיש, היי, שבת, סוכות, מלך, מילך, נאַכט, קאַרש, ים, אַמעריקע, לאָנקע, חבר, לערער, יאָר, יאַגדע, צרה, ליד, וואָרט, שלום־עליכם.

25. שרייבט איבער די געגעבענע נעמען פון אייגנשאַפטן צוזאַמען מיט פּאַסיקע נעמען פון זאַכן.

שאַרפער... ליבער... געטרייע... די ווייכע... אַ צאַרטע... דער ווייטער... אַ הילצערנער... די ליימענע... אַ ווינטערדיקע... דאָס גלע־

*) א שילער פון ווילקאמירער גימנאזיע, וואס איז דערטרונקען געווארן 16 יאר אלט.

זערנע... אַ מילכיקע... דער פּליישיקער... אַ שעדלעכע... דער טרוקענער..., די בלויע... אַ פרישׂ... אַ ליבלעך... אַ דינינקער... דער בעסטער... נארישע..., אַ וואונדערלעכע... פּאַרביק... זינדיק... דאָס שענסטע...

26. קלערט צו ווייניקסטנס דריי אייגנשאַפטן, וואָס זאָלן זיך פּאַסן צו די געגעבענע זאַכן:

טאָג, זומער, פּנים, מוראַשקע, הימל, מיידעלע, מענטש, שטאָט, פאָלק.

27. נעמען פון אייגנשאַפטן.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין!
אַ גוטן חבר נעמען מיר,
אַ שלעכטן לאָזן מיר גיין. (פ. ליד).

זילבער־וואָלקן, פּערל־וואָלקן! נישט געאיילט זיך, נישט געלאָפן! כ'וויל אַ טובה ביי דיר בעטן: ווען דו וועסט נאָר איבערשווימען יענע הויכע בלויע פעלזן, וועלכע דרעמלען אין די נעפּלען; און די פעלדער מיט די יונגע קאָרן־זאַנגען און די טייכלעך מיט די דראָבנע זילבער־וועלן, און דעם גרויסן ים דעם טיפן — זאָלסטו קומען אין מיין שטעטל אין דעם שטילן, אין דעם שיינעם, וואו די ווייסע קליינע הייזלעך מיט די גרויע שינדל־דעכער שטייען אין די גרינע גערטלעך, אויסגעצירט מיט קאַרשנביימער, באַרנביימער און מיט הויכע און מיט שלאַנקע טענענביימער. דאָרטן, אין דעם שטילן שטעטל, איז אַ הייזל האַלב צעבראָכן מיט פאַרקלעפּטע קליינע שייבלעך, מיט אַ ברונעם אין דעם גערטל, — אָט אין דעם אָ אַלטן הייזל זיצט מיין גוטע טרייע מאַמע מיט פאַרוויינטע אַלטע אויגן און מיט קנייטשן אויף דעם פּנים און מיט בלאַסע טויטע ליפּן, און אַ האַרץ מיט טיפע וואונדן, — אַן אַלמנה אַ פאַרצאָגטע! — ווען דו וועסט, אָ זילבער־וואָלקן, זען מיין גוטע, ליבע מאַמע גריס איר האַרציק אין מיין נאָמען! און פאַרגעס ניט, זילבער־וואָלקן, איר צו זאָגן, אַז מיר בענקט זיך נאָך דעם שטילן, נאָך דעם ליבן קליינעם שטעטל, וואו מיין ווינקל איז געשטאַנען, וואו זי האָט מיך איינגעשלעפערט מיט אַ זיסן קינדערלידל (י. אדלער).

28. טרעפט דאָס רעטעניש: אַ ווייסער מויער און אַ געלער מויער; וויל מען צוקומען צום געלן, מוז מען צעברעכן דעם ווייסן. (פרט.).

29. נעמען פון זאַכן און פון אייגנשאַפטן.

נ ע מ י ל ע.

אַ ליבעס קינד איז נעמילע, אַ קליינע בלאָנדע מיידעלע,
דער פינפטער פרילינג גייט איר שוין אַנטקעגן פון דער ווייט.
זי האָט צוויי בלויע אייגעלעך און ברעמען לאַנגע, איידעלע,
וואָס ציטערן ווי פעדעמלעך, ווי פעדעמלעך פון זייד.
דער קאָפּ אין העלע פרענזעלעך, אין גאָלד־געלאָקטע גלעקעלעך,
צעשטראַלטע ווי אַ יוני־טאָג און לייכטע ווי אַ טרוים;

זיי קרייזלען זיך און קושן קוים די ראָזקייט פון די בעקעלעך,
וואָס לויכטן זיך ווי עפּעלעך, געפאַלן ערשט פון בוים.
אַ קורץ פאַרריסן נעזעלע פאַרמאָגט די בלאָנדע נעמילע
און דינע־דינע ליפּעלעך ווי ראָזער אָוונט־שניי...
איר ביינעוודיקער קערפּערל איז ווי אַ פרילינג־בוימעלע,
וואָס רוישט פון מינדסטן ווינטעלע און ווייס נאָך ניט קיין וויי.
דעם טאָג דעם גאַנצן שפּילט זי זיך אויף ביימן פאַרביק־בלומיקע,
דעם טאָג דעם גאַנצן באָדט זי זיך אין בלומען ווי אַ בלום.
עס קוקן ווי פאַרוואונדערטע די בלומען די ארומיקע
און גלעטן זי און בעטן זי און רופן ליבלעך: „קום“!
זי חברט זיך אַ גאַנצן טאָג מיט שמעטערלינגען לופטיקע,
וואָס שטעלן אָפּט זיך אָפּ אויף איר און מיינען — ס׳איז אַ רויז.
זי שפּילט מיט זיי, ביז ס׳קומען אָן די אוונט־ווינטלעך דופטיקע
און פירן זי מיט פעלד־ריחות אהיים, צו זיך אין הויז.
און דאָרט אין ווייסן בעטעלע שטיל שלאָפן איין די אייגעלעך,
די קליינע בלויע הימעלעך, ווי יונגע מינדע שאָף.
אַ נאַכט אַ גאַנצע טרוימען זיי פון בלומען און פון פייגעלעך —
דער פינפטער פרילינג שמייכלט עס צו איר אין קינדער־שלאָף.
(לייב ניידום)

וועגן טואונג.

ביישפּילן.

1. דער שניידער נייט. און דא לויפט אַ טויבע. איך וועל היילן וואונדן. מיט די פליגלען פּאַטשן הינער. זיי זיינען אהיים געגאַנגען.

2. קינדער פליושקען זיך און שפּרינגען, שפּריצן וואַסער, שאַלן, זינגען, לאָזן שלאַנגען פון פּאַפּיר (נייד). אלע דריי רייניקן און שמירן, וואַשן און רייבן, שייערן און כשרן אויף פּסח (ש.—ע.).

3. ריידן, זינגען, טראכטן, שיקן, קוקן, הערן, קלאָגן. בענקען.

אויספיר § 8.

וואס טוט דער שניידער? דער שניידער נייט. וואס טוט די טויבע? די טויבע לויפט. די ווערטער נייט, לויפט ווייזן אן, וואס די זאך טוט. די ווערטער באצייכענען די טואונג פון זאכן.

די ווערטער, וואס באצייכענען א טואונג, ענטפערן אויף איינע פון די פראגעס: וואס טוט די זאך: וואס האט די זאך געטאן? וואס וועט די זאך טאן?

אזוי ווי איין זאך קען טאן א סך ארבעטן, קענען אפולע טואונגען זיך באציען צו איין זאך.

אויפגאבעס.

30. רעכנט אויס אַלצדינג, וואָס עס טוען די זאַכן וואָס איר זעט אויפן בילד.

31. צו איטלעכן פון די געגעבענע נעמען פון זאַכן שרייבט צו אַ פּאַסיקן נאָמען פון אַ טואונג.

דער שמיד, דאָס פּערד, אַ ווינט, דער וואָלקן, אַ רעגן, די בין, דער סאָלאָוויטשיק, אַ קו, אַן אָרימאַן, דער בוים, די זעג, דער יעגער, די באָבעניו, די זון, אַ חזיר, אַ שרייבער, חיים־משה, דאָס פּאָלק.

32. צו איטלעכן פון די איבערגערעכנטע נעמען פון טואונגען שרייבט צו אַ פּאַסיקן נאָמען פון אַ זאַך.

פּילדערט, ברעכט, טרייסט, האָט געבעטן, האָט אויסגעבעט, סאָפּעט, וועט געבן, וועלן שפּילן, וועט וויגן, האָט געקויפט, לייזט, האט באַרעכנט, פּישטשעט, פּייפט, האַמערט, האָט פּאַרמאַטערט, הרגעט, היילט.

33. קלערט צו וויניקסטנס דריי טואונגען, וואָס זאָלן זיך פּאַסן צו די געגעבענע זאַכן.

דער פּאָטער, אַ פויער, דער הונט, אַ שוסטער, דאָס קעלבל, די שול, אַ שטראַל, דער גאַסט, ענטלעך, דער האַמער.

34. ווערטער וואָס באַצייכענען אַ טואונג.

גאַנצע צוויי חדשים ניט דאַרפן קיין זאַך לערנען, ניט מאַכן קיין אויפגאַבעס, ניט זיצן אין הייסן פאַרשטיקטן קלאַס, נאָר פריי לויפן, שפּרינגען, הוליען, שפּילן זיך, באָדן זיך, קלעטערן אונטערן שטאָט אויף די בערג, גיין אין די וועלדער — אַ מחיה! (דודל). הויב אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע פאַבריקן, וואו אַרבעטער זעגען און הובלען און וועבן און נייען און שטריקן און שמידן און פיילן און גלעטן און פוצן און שאַפן פראָדוקטן און שאַפן דעם רייכטום צום מענשלעכן נוצן (באָוו). גאַנצע טעג איז ער פאַרנומען געווען אין שטוב, אין הויף, אין גאָרטן, אויפן שייער — געראַמט, גערייניקט, געגראָבן, געדראָשן, די פערד מיט די קי עסן און טרינקען געגעבן (פרוג). נייג דיין אויער, פרוי, און הער: מיין שפּייכלער איז איצט פוסט. די הונדערט זעק מיט די ווייסע ווייצנמעל ווי שניי האָב איך, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, קיין ירושלים אָפּגעפירט צום מלך שלמה אין פּאַלאַץ אַריין. און די ברעטער, וואָס האָבן זיך אונטער די זעק געבויגן, זיינען פריי. אָבער ווייס, גאַנץ ווייס זיינען די ברעטער, באַדעקט מיטן שטויב פון די מעל... גיי אין שפּייכלער אַריין, וויש די ברעטער אָפּ, שאַר צונויף דעם שטויב פון די ווייסע ווייצנמעל ווי שניי, נעם אַהיים, לייג אַ פייער, קלייב שפּענדלעך אויפן וועג — און באַק זיך דיך דיינע קיכלעך. זאָל זיין ליבער נאָמען אַריינשיקן די ברכה אין די שטויב פון מעל, און עס און דערקוויק זיך און לויב גאָט (פרק). אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך און געקנייטשט זיך און געקרימט. פּלוצים האָט ער זיך צעבייזערט און ער וויגט זיך און ער ברומט (ביאַל.).

35. אויב מיר וועלן צונויפפאָרן אַ נאָמען פון אַ זאַך מיט אַ פּאַסיקן נאָמען פון אַ טואונג, קען זיך באַקומען אַ פאַרברייטערטער זאַץ? און אויב מיר וועלן אויך אָנווייזן אַן אייגנשאַפט פון דער זאַך, וועלן מיר יעמאָלט שוין האָבן אַ פאַרברייטערטן זאַץ?

36. איינעם האָט זיך געחלומט, אַז ער פאָרט אויף אַ שיף מיט זיין פאָטער און מוטער. די שיף טרינקט זיך און ער קאָן ראַטעווען נאָר זיך אַליין

מיט נאָך איינעם, אָדער דעם פאָטער אָדער די מוטער. וואָס דאַרף ער טאָן צו ראַטעווען אי דעם פאָטער אי די מוטער? (פּרט.)

37. נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן,
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן זיי צו מאָלן.
הייבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן־פליגעל דרייען.
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסע מעל.
קנעט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקן.
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.
קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגן אויף די טישן.
עסן קינדער פרישן ברויט,
זיינען זיי געזונד און רויט (מאַני לייב).
קומסט פון סטעפּעס אָן א וועג,
קומסט פון ימען אָן א ברעג,
וואו די גראָזן סודן זיך,
וואו די כוואַליעס הוידיען זיך (פּיכ.).

זומערליד.

אין א פרישן קראַנץ פון זאַנגען,
פריי פון טרויער און פון קומער,
אויף די טאָלן, אויף די פעלדער
שוועבט דער שיינער ליבער זומער.
זומערפייגעלעך פון גאָרטן
סטאַיעס בינען פון די שטאָקן
פליען אום און טאַנצן, שפּרינגען
איבער זיינע שוואַרצע לאָקן.
און די ביימער הויכע שטייען
שוין באַוואַקסן און באַהאַנגען;
אויף די פרייע גרינע פעלדער
שוין די הויכע שיינע זאַנגען
בייגן אָן די שטילע קעפּלעך
איינס צום אַנדערן און זשומען:
„אַך ווען וועלן זיי, ווען וועלן
שוין צו אונדז די שניטערס קומען!” (פרוג).

װעגן אײנצאָל־מערצאָל.

בײשפּילן.

1. אײן אויג האָט מער גלויבן װי צװײ אויערן (שפּר.)

2. און אַזוי גײט שטיל און רואיק טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר. (פרוג)
3. אַנטקעגן לאָזט זיך אַמאָל אַראָפּ אַבושל. (מ. מ. ס.)
   אײן שװאַלב קען קײן זומער ניט מאַכן (שפּר.)
4. אַ קלײן קינד איז אַ שפּילכל, אַ גרױס קינד — אַ מילכל. (שפּר.)

2. גײען זיך אַזוי אַװעק יאָרן, װאָכן, נעכט און טעג (דודל)
3. בושלעס שטײען שױן אויף דעכער, שװאַלבן רױשן שױן אין לופט (נײד.)
4. קלײנע קינדער — קלײנע פרײדן, גרױסע קינדער — גרױסע לײדן. (שפּר.)

5. און קױמענס האָט די שטוב צװײ — גרױסע, הױכע, ברײטע, שװאַרצע קױמענס (ש.—ע.). אין די חורבות בלײבן שטײן הױכע, שװאַרצע קױמענס (אַש).

אויספיר § 9.

אויב מען רעדט נאר װעגן אײן זאך, — איז דער נאמען פון דער זאך אין אײנצאל. רעדט מען אבער װעגן צװײ אדער מער גלײכע זאכן, באנוצט מען דעם נאמען פון זאך אין מערצאל.

די װערטער, װאס באצײכענען טװאונגען, האבן אויך בײדע צאלן. אויב דאס װארט באצײכנט א טװאונג פון אײן זאך — איז עס אין אײנצעל. אויב עס באצײכנט א טװאונג פון צװײ אדער מער זאכן — שטײט דאס װארט אין מערצאל.

אויך די נעמען פון אײגנשאפטן שטײען אין מערצאל, װען מיר האבן צו טאן מיט צװײ אדער מער גלײכע זאכן, װאס פארמאגן די זעלביקע אײגנשאפט.

אויפגאבעס:

38. צי קען דער זאָגטײל שטײן אין אײנצאָל, אויב דער זאַכטײל איז אין מערצאָל? שרײבט אויף אַ פּאָר אומפאַרברײטערטע זאַצן אין אײנצאָל און נאָכדעם דיזעלביקע זאַצן אין מערצאָל.

39. די פּאָנע איז גרײט. שלאָפן װיל מײן ײנגעלע. אַ נאַר איז אַ נביא. אַ גוט װאָרט ברענגט אַ גוטן ענטפער. אַ בײזע צונג איז ערגער װי אַ שלעכטע האַנט. ס׳ברענט דער פראָסט און שנײדט. בעסער אַ פּאַטש פון אַ חכם אײדער אַ קוש פון אַ נאַר. דאָס אײבערשטע קלײד פאַרדעקט די אונטערשטע לײד. שװערער בעזעם קערט זיך איבער און דער יעגער פאַלט אַריבער. דער גנב פאַר דער טיר איז דער בעסטער שומר. אַ פוילער שלאָפט זיצנדיק און אַרבעט ליגנדיק. דאָס אויג איז קלײן, דאָך זעט עס די גאַנצע װעלט. אַז דער באַלעבאָס איז אַ שלימ־מזלניק, איז דער גנב אַ בריה.

גײען מחנות. צײטן בײטן זיך. לאַנגע שאָטנס שפּרײטן זיך. דאָרטן זײנען דאָ אביונים, דאָרטן זײנען דאָ יתומים. קלײנע שקצים קרײען װי יונגע הענער. נײע פרײנט באַקומען, אַלטע ניט פאַרגעסן. אויף די גרינע צװײגעלעך שלאָפן שוין די פײגעלעך. אַז נאַראָנים האָבן ליב זיסע — האָבן קלוגע אויסגעטראַכט.

בענדער, סטענגעס פאַלן, אַלע פאַרבן שטראַלן. וועלדער אויף די הויכע בערג שטייען פאַרגאַפטע און קוקן.

מלכים שלאָגן זיך ווי לייבן.
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן.
פאָנען רוישן, שאָסן קראַכן.
און די מחנות ציען ווייטער.

41. רעטעניש: וואָס רוישט שטאַרקער ווי אַ מיל?

דאס זאכווארט.

איינצאל און מערצאל אין זאכווערטער.

א. באגריף וועגן זאכווארט.

ביישפילן.

1. קענט איר, קינדער, אָט דעם זקן
מיט דער ווייסער באָרד און לאָקן,
אָט דעם אַלטן גרויען גייער?
דאָס איז ער, דער פעטער שנייער!
טראָגט ער מיט אַ פולן הויפן
זילבער־פערעלעך אַ סך,
און פארהילט אונדז הייזער, הויפן
ביימער, צווייגן, פלויט און דאַך.
גאַסן, געסלעך, שטוב און מויער,
וואַלד און גאָרטן, טיר און טויער
אין אַ ווייסן כלה־שלייער! (דודל).

2. אָבער דאָס ווײנט ניט קיין קינד
אינם וואַלד,
דאָס פערד שטייטביים שליטן
פאַרבונדן.

מען לאָזט ניט אין וועלדער קיין
קינדער (מ. ל.)
ביי די שליטנס פאַרבונדן שטייען
די פערד.

אויספיר § 10.

דאס ווארט, וואס באצייכנט א זאך, הייסט זאכווארט.

פארשטייט זיך, אז דאס זאכווארט קאן באנוצט ווערן אדער אין איינצאל אדער אין מערצאל. ווען מיר פארגלייכן דאסזעלביקע ווארט אין איינצאל און מערצאל, זעען מיר, אז דאס ווארט אין מערצאל איז געוויינטלעך לענגער פאר דעם ווארט אין איינצאל. אט דער צוגאב, דער צוּוואוקס, וואס דאס ווארט באקומט אין מערצאל אין פארגלייך מיט דעמזעלביקן ווארט אין איינצאל, הייסט די ענדונג פון מערצאל. פאראן ווערטער אן א באזונדערער ענדונג אין מערצאל.

אויפגאבעס:

42. וואָסער שייכות איז פאַראַן צווישן זאַכוואָרט און זאַכטייל?

43. שטרייכלט אונטער די זאַכווערטער, וואָס שטייען אין מערצאָל; טיילט אָפּ מיט אַ שטריכעלע דעם טייל וואָרט, וואָס איז פֿאַראַן אויך אין איינצאָל; שרייבט אויס די ענדונגען פֿון מערצאָל, וואָס עס האָבן זיך דאָ אייך געטראָפֿן.

דערהערן עס בערגער און טאָלן און וועלדער און פֿעלדער און טייכן. קיין רעגנס זיינען ניט געגאַנגען, און די ברייטן אויף די פֿעלדער האָבן אָנגעהויבן טריקענען. מען האָט אָנגעטראָפֿן פֿיל וועגן, פֿערד, אַווטאָמאָבילן. פֿאַר מיינע אויגן פֿליען שטיבער, וויאָרסטן, ביימער, מענטשן, פֿעלדער, וועלדער — ס'איז ניט צו באַשרייבן. זיינען זיך געלעגען חתנים, מענער, זין און טאַטעס. פּייפֿעלעך, טרומייטן בלאָזן אַלע טענער. דאָ שפּיגלען אין טייך זיך פֿיל בערג און פֿיל סעדער. אָ, איר קליינע ליכטעלעך, איר דערציילט געשיכטעלעך, מעשהלעך אָן צאָל. אַ חוק אונדז פֿאָרן נאָך אַ סך פֿאַרשווינען, יידן און קריסטן. אַוועקגעשיקט דעם קהלשן גולם נאָכן פּראָסטן עולם; פֿערד מיט שקאַפּעס, ציגן, צאַפּעס, קעלבער, האָזן, קינד און קייט (מרד.). אַהער, פֿאַני! וועבלנע טיכלעך, לייוונט, שלייקעס, מעסערלעך, קאָלאָשן אַמעריקאַנישע, ים־שוימענע שטעקלעך, מאַנדלזייף, פּאָמאַדע! (מענדעלע) — קנישעס! קניידלעך! באַבקעס! שטשיפּקעס! טייגלעך! לאַטקעס! פּאַמפּושקעס! ווערטוטן! טייגעכצער! וואַרעניקעס מיט קרעפּלעך! — גוואַלד, עס פּלאַצן אַלע קנעפּלעך! (מרד.). אונדזער לאַנד האָט טיפֿע טייכן, קלאָרע טייכן פֿול מיט פֿיש; זיינע בערג דערגרייכן הימלען, זיינע טאָלן זיינען פֿריש.

44. שרייבט אויף: א) אַ פּאָר זאַכווערטער, וואָס האָבן די מערצאָלענדונג „ן“, ב) אַ פּאָר זאַכווערטער, וואָס האָבן די מערצאָלענדונג — „ס“, ג) אַ פּאָר זאַכווערטער מיט דער מערצאָלענדונג „עס“, ד) אַ פּאָר זאַכווערטער מיט דער ענדונג „ים“ אין מערצאָל, ה) — מיט „עך“ און ו) זאַכווערטער מיט דער ענדונג „ען“ אין מערצאָל.

45. ווי איז די מערצאָלפֿאָרם פֿון אַט די זאַכווערטער?

טיש, שלאַנג, באַנק, שניי, מיידל, צעטל, נאַרעלע, אָרט, פּוס, שפּאָן, טעות, שבת, האַרץ, הויז, בוידעם, נאָז, אויג, באַק, בעקער, דאָקטאָר, וואָרט, יום־טוב, צרה, קאַץ, לעפֿל, קו, ענגלענדער, טראָפּן, הערינג, פּראַגע, פֿינגער, שטערן, טישטעך, אויוון, טורעם, פֿיינד, קבר, דרוקערייַ, ווינקל, לופֿט, מוח, צווילינג, געביי, סטרונע.

46. די וויטערדיקע זאַכווערטער אַוועקשטעלן אין דער פֿאָרם פֿון איינצאָל.

פּויערים, אַמעריקאַנער, ווילנער, הענער, רעדער, וועגענער, ברעגעס, לייכטער. קלעזמער, קערב, ליכט, קעפּ, פֿערד, העק, פּנימער, פּאָליטיקער, פֿיס, פֿיש, זין, זונען, הערכט, דאָקטוירימלעך, ווייבלעך, וועווערקעס, טראָפּנדלעך, טראָפּעלעך, איידעמלעך, שקצים, צונגען, מענער, קייסאָרימלעך, צינגער, מאַגען, צרות, נאָדלען, געזאַנגען, דרשות, רוחות, גענג.

47. שרייבט אויס אַלע זאַכווערטער אָן אַן ענדונג אין מערצאָל, וויפֿיל איר קענט זיי נאָר געפֿינען.

48. אפשר ווייסט איר אַ פּאָר זאַכווערטער, וואָס האבן צוויי באַזונדערע ענדונגען אין מערצאָל.

ב. דאָס געשלעכט (דער מין) פֿון זאַכוועטער.

ביישפּילן.

1. א)	דער פֿאָטער,	די מוטער,
	דער זון,	די טאָכטער,
ב)	דער לערער,	די לערערין,
	דער חבר,	די חברטע.

ג) דאס קינד האט וויינענדיק צוגעהאָלפֿן.

2. געבענטשט זאָלן זיין דער וואַרשטאַט, דאָס שפּינדל, דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג. (פֿרוג.) די נאַכט איז ווי דער טאָג דאָרט ליכטיק (ריוו.) דאָס אויג דערציילט וואס דאָס האַרץ מיינט. (שפּר.)

אויספֿיר § 11.

באלעבטע זאכן געהערן צו איינעם פון צוויי פארשיידענע געשלעכטער, זיי זיינען אדער מענלעך אדער ווייבלעך, אדער „ער" אדער „זי". די נעמען פון די באלעבטע זאכן טיילן זיך דעריבער אין צוויי מינים: די נעמען, וואס עס האבן זאכן פון מענלעכן געשלעכט, געהערן צום מענלעכן מין און די נעמען פון באלעבטע זאכן פון ווייבלעכן געשלעכט — צום ווייבלעכן מין.

אין פארגלייך מיט די געהעריקע זאכן פון מענלעכן געשלעכט, האבן די זאכן פון ווייבלעכן געשלעכט צום טייל גאר באזונדערע נעמען (ביישפּ. 1א). דאס רוב אבער האבןביידע זאכן פון דערזעלביגער פאר ענלעכע נעמען, און דערביי איז דער נאמען פון דער ווייבלעכער פערזאן לענגער. דער נאמען פאר דער מענלעכער פערזאן באקומט א צוגאב — און מיר האבן שוין א נאמען פאר דער „זי" פון אונזער פאר (ביישפּ. 1ב).

ס'איז פאראן נאך א דריטער מין — דער מיטעלער. דאסווארט קינד געהערט צום מיטעלן מין.

צו הויפּטווערטער פון מענלעכן מין קען מען צושטעלן דאס ווערטל „דער", צו ווערטער פון ווייבלעכן מין — דאס ווערטל „די", און צו הויפּטווערטער פון מיטעלן מין — דאס ווערטעל „דאס".

§ 12. די הויפּטווערטער, וואס באצייכענען אומבאלעבטע זאכן, ווערן איינגעטיילט אין אלע דריי מינים. האט דאס הויפּטווארט צו זיך דאס ווערטל „דער" — איז עס מענלעך, דאס ווערטל „די" — איז עס ווייבלעך א. אז. וו. (ביישפּ. 2).

באמערקונג: פאראן אזוינע הויפּטווערטער, וואס קענען געהערן צו צוויי מינים, למשל, דער קאפּ, די האלדז א. אז. וו.

אויפֿגאבעס:

49. ווי זיינען געקומען אַלע באַשעפֿענישן צו נוחן אין זיין תּיבֿה? דערציילט עס טאַקע געניי און באריכות, ווער מיט וועמען זיינען געקומען.

50. שרייבט איבער די געגעבענע נעמען פֿון מענלעכע פּערזאָנען און צו יעדען פֿון זיי לייגט צו דעם נאָמען פֿון דער געהעריקער ווייבלעכער פּערזאָן. שרייבן זאָלט איר עס אויף אַזאַ אופֿן:

דער טאַטע — די מאַמע, דער שוסטער — די שוסטערקע א. אז. וו.

דער זיידע, דער יונג, דער שילער, דער האָן, דער איידעם, דער קרעמער, דער בעקער, דער קאָטער, דער טאָטער, דער דאָקטאָר, דער שרייבער, דער

גראַף, דער לייב, דער זאָגער, דער אָקס, דער גאַרבער, דער שוחט, דער בער, דער ליגנער, דער האַר, דער ישובניק, דער באַלעבאָס, דער קלעזמער, דער פעטער, דער ווילנער, דער פאַרבער, דער גנב, דער וואָלף, דער בעדער, דער גביר, דער קריסט, דער סאָלדאַט, דער טרייפניאַק, דער וועכטער, דער אַרבעטער, דער העלד, דער שמש, דער אייזל, דער גענעראַל, דער הירש, דער בושל.

51. שרייבט איבער די געגעבענע נעמען פון זאַכן פון ווייבלעכן געשלעכט צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון דער געהעריקער זאַך פון מענלעכן געשלעכט. (שרייבן לויט דעם שטייגער פון דער פריערדיקער אויפגאַבע).

די שוועסטער, די מכשפה, די גאַנדז, די שוויגער, די הענדלערקע, די גבאיטע, די דינסט, די ציצערקע, די יחסנטע, די קאַטשקע, די שלימעזאַלניצע, די יידענע, די שיקסע, די גויע, די פויערטע, די ליטוואַטשקע, די כל־בוניצע, די רביצין, די שכנה, די שדכנטע, די כלה, די אונטערפירערקע, די מחותנתטע, די קרובה, די אלמנה, די פרומאַטשקע, די שוועגערין, די שותפטע, די ענגלענ־דערין, די ציג, די קליאַטשע.

52. וועלכע ענדונגען פאַר נעמען פון ווייבלעכע פערזאָנען האָבן זיך אייך געטראָפן?

53. שרייבט אויף אַ ריי נעמען פון אומבאַלעבטע זאַכן, וואָס זאָלן געהערן צו פאַרשיידענע מינים.

54. שטעלט אריין אַנשטאָט די פינטעלעך — דער, די אָדער דאָס. ד . . נאָדל נייט. ד . . סוכות איז געקומען. ד . . ים וויגט זיך. צו לאַנג איז געווען ד . . נויט. אָט־אָט רוקט זיך אָן ד . . ווינטער. ד . . עולם האָט זיך אַ ריר געטאָן. ס'איז מיט זון ד . . לאַנד באַגאָסן. ד . . וואַסער ברעכט אַלץ. ד . . כוואַליע שלאָגט אין שיפל אַריין. עס עקט ד . . נאַכט, ד . . וועלט דערוואַכט. ד . . טאַכטער שטראָפט מען און ד . . שנור מיינט מען. ערנסטער ווערט ד . . פנים ביי זיין אַלטן שכן. ד . . מאַמע ביים אייוון, ד . . טאַטע ביי ד . . שאַכטלען. ד . . העמד איז מיר נענטער ווי ד . . קלייד. און שטיין שטייט ד . . שטוב אויפן וואַסער. ד . . קאָפּ אין ד . . הענט אַלץ און שטום ווי ד . . וואַנט. ד . . ברויט פאַלט שטענדיג מיט ד.. פוטער אַראָפּ. ד . . זייגער איז דאָ גאָט ד.. נשמה שולדיק, שולדיק איז ד . . וואָג. ד . . קינד האָט נעבעך שרייענדיק ד . . גאַל אויסגעריסן. ד . . אָטעם ווערט ביי מיר פאַרכאַפּט. ד . . קריגל גייט אזוי לאַנג נאָך וואַסער, ביז ד . . אויער ברעכט זיך אָפּ. ד . . שבת־קודש גייט אַוועק פון אונז און ד . . וואָך מיט ד . . זאָרג קומט אָן. מיין קעצל הערט ד . . פיינע דרשה און רייבט ד . . סעודה גאָר נישקשה. ד . . וואָלף איז זאַט און ד . . ציג איז ניט צעריסן. ד . . קינד האָט געמיינט, אַז ער איז מקדש ד . . לבנה. ד . . קאָפּ איז דול, ד . . בויך איז פול, ד . . מאָגן ווייס ניט וואָס צו זאָגן. ד . . טייכל האַלט דאָך אין איין לויפן. נאָר אָפּגעלאָזט האָט זיך ד . . האַנט און אויסגעלאָזט האָט זיך ד . . מאַכט. ד . . אתרוג קאָסט ד . . גאַנצע געלט און איבער דעם לולב מאַכט מען ד . . ברכה. ד . . קעז,

פאַרשטייט זיך, פאַלט אַראָפּ, ד . . פוקס פאַרכאַפּט עס און ציט אָפּ. וואָס ווייטער ווערט ד . . כריפּען גרעסער און ד . . קלינגען שטילער און אומעטיקער. און ערגעץ פונם שייער הערט זיך ד . . קוואַקטשען פון אַן עוף. ד . . קאַפּאָטקעלע זינגט, ווי איך בין אַ ייד, סע זינגט! ד . . ווינטער איז לאַנג, נאָר ד . . שניי וועט צעגיין, ד . . גאָלדענער פרילינג וועט קומען.

דאס צייטווארט.

וועגן צייטן.

ביישפּילן.

1. און אַז די לבנה
אין פענסטערל שיינט,
דאַרף ס׳קינד גיין שלאָפן,
ביז מאָרגן ווערט היינט.

אז מין האט נעכטן געגעסן, איז מען היינט ניט זאַט. דער מענטש זאל ניט זארגן, וואס עס וועט זיין מארגן; לאז ער בעסער היינט פאררירכטן, וואס ער האט קאליע געמאכט נעכטן. היינט איז פורים, מארגן איז אויס. צייטן בייטן זיך (שפּר.)

2. זעסט, דער הימל לאַכט מיט טרערן,
ועסט איינגיכן אַ כּלה ווערן. (פּרץ.)
ס׳האָט דער רעגן אויפגעהערט.
דער הימל האָט זיך אויסגעקלערט.
נאָך די דעכער זייגען נאַס,
רינען טייכלעך אין גאַס. (פּרץ).

אויספיר § 13:

רייד איך וועגן עפּעס א טואונג, קאן דידאזיקע טואונג געשען איצט, אין דער צייט ווען איך רייד וועגן איר: די טואונג האט אבער שוין געקענט געשען פריער, איידער איך האב אנגעהויבן צו ריידן וועגן איר, למשל: נעכטן, פאראיארן, אין מלך סאבעצקיס צייטן א אז. וו.... ס׳קען אויך זיין, אז די טואונג, וועגן וועלכער איך רייד, געשעט דערווייל ניט און איז נאך ניט געשען, נייערט זי וועט ערשט געשען, למשל: שפּעטער, מארגן, איבעראיאר, אין משיחס צייטן אז. וו.

הכלל, די טואונג קען געשען איצט, היינט א. אז. וו.
" " האט געקענט געשען פריער, נעכטן א. אז. וו.
" " וועט ערשט געשען שפּעטער, מארגן א. אז. וו.

דעריבער אונטערשיידן מיר דריי צייטן, אין וועלכע עס קען געשען די טואונג:
די איצטיקע צייט (בשעת איך רייד וועגן איר),
די פארגאנגענע צייט (איידער איך רייד וועגן איר),
די קומענדיקע צייט (נאכדעם ווי איך רייד וועגן איר).

אויפגאבעס.

55. קלערט צו אַנדערע נעמען פאַר די דריי צייטן, אויסנוצנדיק די ווערטער: פריער, שפּעטער, נעכטן, היינט, מאָרגן.

56. דערקלערט פאַרוואָס מיר באַנוצן דווקא די צייט און ניט קיין אַנדערע.

די קינדער זיי זיינען צופרידן
און לויפן ארום מיט געשריי,
פון הימל אַ גאַסט אַ געגאַרטער
עס שיט זיך אַ קלאָר־ווייסער שניי.
די ביימער זיי זיינען שוין פוילע,
די צווייגן און ריטלעך צעדאַרט,
זיי האָבן דעם ווינטער גערופן,
זיי האָבן דעם ווינטער געגאַרט.
ער וועט זיי אין ווייסן אויסצירן
און ווייסינקע וועלן זיי שטיין,
ביז קומען צוריק וועט דער פרילינג,
ביז קומען וועט פרילינג צוגיין. (שרה רייזען).

57. טרעפט דאָס רעטעניש: וואָס איז געווען מאָרגן, וואָס וועט זיין נעכטן? (פרט).

58. ווען וועט זיין מארגן?

מאַמע האָט געזאָגט, אַז מאָרגן
וועט זי אויספוצן מיך פיין.
פרעג איך פאַפּאַ, ווען איז מאָרגן
און אויך ווען וועט נעכטן זיין.
„נעכטן איז געוועזן נעכטן"
זאָגט דער פאַפּאַ און ער לאַכט:
„מאָרגן קומט ווען דו, מיין קינד, וועסט
איבערשלאָפן גוט די נאַכט."
בין איך גוט ביינאַכט געשלאָפן
און די זון אין פענסטער שיינט.
גיי איך צו דעם פאַפּאַ פרעגן:
„פאַפּאַ, ס'איז שוין מאָרגן היינט?"
(לאה קאפעלאוויטש — האפמאן).
ס'שוין ניטאָ קיין נעכטן,
ס'נאָך ניטאָ דער מאָרגן.
ס'איז נאָר דאָ אַ פידעלע היינט —
שטערט אים ניט מיט זאָרגן. (פ. ליד).

ביישפּילן. באַגריף וועגן צייטוואָרט. די צאָלן.

ס'שטייט אַ שליטן פאַר דער טיר,
ס'קלינגט דאָס גלעקל דין־דין־דין!

קום, מיר זעצן זיך אריין —
פיר אונז, פורמאַן, גיך אַהין . . .
וויפיל ליכטיקייט ארום!
טויזנט קליינע שטיקלעך שניי
טאַנצן, פליען אין געזיכט,
ליגן, גלאַנצן אויפן שניי!
ס'לויפט דער שליטן ווי אַ פייל —
שטענדיק פריילעך איז די וועלט;
פריי זיך זומער מיטן גרינס,
הוליע ווינטער אין דער קעלט. (יעקב שטיינבערג.)

2. ער רעדט. אַלע ריידן. נישט אַלע הערן. איך הער און איך גיי. עס בליען די קאַרשן, דער עפּעלבוים בליט. נאָר ס'לויפן טעג און וואָכן. ס'וועלקן בוים און בלום. עס פליען, פליען פייגעלעך און זינ־גען שירה דאָרטן.

א פרעמדער פעלץ וואַרעמט ניט.
פרעמדע קליידער וואַרעמען ניט.

אויספיר § 14.

דאס ווארט, וואס דריקט אויס א טואונג, הייסט צייטווארט (פארוואס?) דאס צייטווארט האט, פארשטייט זיך, צוויי צאלן. דריקט דאס צייטווארט אויס א טואונג פון איין זאך, שטייט עס אין איינצאל, פון צוויי אדער מער זאכן — שטייט עס אין מערצאל. דאס צייטווארט קען שטיין אין מערצאלפארם אויך יעמאלט, ווען עס באציט זיך צו א פאר זאכווערטער אין איינצאל.

אויפגאבעס.

59. זעט, אַז דער זאָגטייל, וואָס שטייט אין קלאַמערן, זאָל שטיין אין דער ריכטיקער צאָלפאָרם.

אַ ליגנער (גלויבן) קיינעם נישט. דער לוח (טרעפן) אויך אַמאָל. די רבנים (האָט זיך צעהיצט, צעשריען). אַ יונגביימל (בייגט) זיך. די חברים (לויפט) צו צו אים. הינט (בילט), מחותנים (פּאָרט). פּלוצלונג (דערהערן זיך) אַ ליד און אַ פייערל (צאַנקט) פונדערווייטן. נויט (ברעכן) אַייזן, דלות (ברעכט) שלעסער. קראָקע (זיינען ניט) אין איין טאָג (געבויט געוואָרן). פון אַלע זייטן (האָבן) אונדז (אָפּגעענטפערט) דאָס ווידערקול. אייניקע געזעלן (האָב) ער שוין (געטראָפן). זאָרג און יאָר (מאַכט) גרוי די האָר. פּאָטערס און מוטערס ברכה (ברענגט) דעם קינד הצלחה. אַ חזן, אַ בעטלער און אַ מאַרשאַלעק (זינגט). פּאָר צרות. פייגל (האָבן) עס באַמערקט און (פרעגן), וואָס אים (זיינען), און ווידער שוין (ברענט) די ליכט אויפן דאַך און (ס'דרייט זיך) דער ווינט מיט אַ פריילעכן לאַך. די פּיס (טראָגט), וואו דער קאָפּ (זאָלן) רוען. פּאָטער און מוטער (האָט) גלעזער־נע אויגן. וואו צוויי (עסט) פון איין שיסל, (קאָן) זיך דער דריטער אָנעסן אַ ביסל.

60. שטעלט צונויף זאַצן, אין וועלכע אָט די צייטווערטער זאָלן זיין זאָג־טיילן, נאָכדעם שטעלט אַוועק די זאַצן אין מערצאָל.

איז פאַרמאַטערט, ווערט פאַרקלערט, סאָפּעט, שיסט, ווערט ניט געבאָרן, איז אַנטלאָפן, צעגייט, גייט צו, האָט צוגעמאַכט, וועט בטל מאַכן, פלעגט ליידן, זאָל ריידן.

די דריי פּערזאָנען.

ביישפּילן.

1. — זאָג, שוועסטערל, — גיט יענע זי אַ פרעג,
האָסטו געהאָרעוועט כאָטש אין די גוטע טעג?
— וואָס רעדסטו? ווער האָט דאָס פון דעם געטראַכט?
כ'האָב אַלץ געזונגען און געלאַכט . . .
— הייסט דאָס האָסטו . . .
— איך האָב אַ זומער אָפּגעשפּילט אַ גאַנצן!
— נו, אויב אַזוי, טאָ גיי, זיי מוחל, טאַנצן! (ריוו.).

2. נאָר אויפן טורים דער וועכטער וואַכט: ער הערט (פרק). שטייט אין פעלד אַ ביימעלע, האָט עס גרינע צווייגעלעך (פרק). זעט נאָר, ווי עס קוועלט אָן יעדער בוים און יעדעס בלעטל (ביאַל.). אויף די פעלדער איז עמעץ אַ ווייסער געפלויגן (סעג.). עס האָט ווער געעפנט די אוצרות פון שנייען ביי נאַכט (טייטש). די פייגעלעך פאַרמאַכן די אייגעלעך, זיי זיצן אויף די צווייגן און שווייגן.

אויספיר § 15.

די טואונג, וואס איך רייד וועגן איר, קען דורכגעפירט ווערן, קען געטאן ווערן:
א) אדער דורך מיר גופא, דורך דעם, וואס רעדט וועגן איר,
ב) אדער דורך דעם, מיט וועמען איך רייד וועגן איר,
ג) אדער דורך גאר אן אנדערן, וואס האט ניט גענומען קיין אנטייל אין דעם שמועס מכוח דער טואונג.

אויב איך רייד און איך טו — איז דאס צייטווארט אין דער ערשטער פערזאן.
” ” ” ” דו טוסט — ” ” ” ” ” צווייטער ”
” ” ” ” ער, יענער. אן אנדערער טוט — איז דאס צייטווארט, וואס דריקט אויס די טואונג, אין דער דריטער פערזאן.

די ווערטלעך: איך, דו, ער, זי, עס, מיר, איר, זיי, וואס שטייען צוזאמען מיט די צייטווערטער, ווייזן אן די פערזאן פון די צייטווערטער.

אויפגאבעס

אויב דו רעדסט וועגן אַ זאַך, וואָס דו טוסט, אין וועלכער פּערזאָן דאַרף שטיין דאָס צייטוואָרט, וואָס דריקט אויס די טואונג? און אויב דו רעדסט וועגן אַ טואונג, וואָס איך פיר עס אויס?

62 ווי איז מערצאָל פון „דו“? ווען באַנוצט מען „איר“ זיך ווענדנדיק נאָר צו איין מענטשן? וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּריכוואָרט: „אין דער שטאָט אין וועלכער מען איז געבאָרן געוואָרן, פעלט תמיד אַ חודש“?

63. ווייזט אָן די פּערזאָן פון צייטוואָרט און דערקלערט, פאַרוואָס זי ווערט דאָ באַנוצט. ווייזט אָן ווער עס רעדט דאָ.

— איך בעט דיך, ברודער־לעב, בייס עפּעס צו.
— כ'בין זייער זאַט. הלואי ביז מיין ענד לעבן.
— עט, ברודערל, לאָז מיך צורו,
וואָס טויג דיר מעשיות מיר דערציילן
און יעדע לעפּעלע צו ציילן!
— — — — — — — — — — —
— שוויג, שוועסטערל־לעבן, לאָז,
אָט גיב איך זיך אַ פּיינעם בלאָז...
נו קוק, נאָר גיב ניט קיין עין הרע.
וואָס זאָגסטו איצט?
—די אַלטע צרה...
מיין זשאַבעלע, פאַרשטייט איר,
איז ניט געוואָרן ברייטער
און בלאָזנדיק זיך האָט מיין פּיק־חכמה
אַרויסגעבלאָזן די נשמה.
— — — — — — — — — — —
— ר' וועלוועלע! הערט אויס גערולדיק!
מיט וואָס בין איך דאָ שולדיק?
— שטום, עזות־פּנים! האָסט פאַרגעסן,
אַז איך וויל עסן?...
געזאָגט — און באַלד
אַנטלויפט ער מיט דעם שעפּס אין וואַלד.
(ריוועסמאַן)

64. אויב דאָס צייטוואָרט איז אין דער ערשטער פּערזאָן, שטעלט עס איבער אין דער צווייטער און דריטער; אויב דאָס צייטוואָרט איז אויסגעדריקט אין דער צווייטער פּערזאָן — שטעלט עס איבער אין דער ערשטער און דריטער, אויב עס איז אין דער דריטער — דריקט עס אויס אין דער ערשטער און צווייטער פּערזאָן.

איך קום צו אייך פון ברייטע פעלדער. מיר זינגען לידער, אונזער הילף ביסטו אַליין. ער וועט העלפן, איר וועט טויגן. אַז ער וואָלט קענען, וואָלט ער זיי אַלעמען צעריסן. ווייס איך, וואָס ער בעבעט דאָרטן? וואָס האָסטו אַזוי האָלט בשתיקה גנבנען די הינער? מיר טאָרן אויף דעם נס ניט האָפן. איך גיי אַראָפּ און טו אַ קוק. ער דאַרף דאָרטן ישבענען אַ גאַנצן ווינטער. זי וואַרט, זי גאַרט, זי וויל שוין זוכה זיין די ניס צו עסן. סקראַבעט ער זיך צו צום פענסטער און קוקט אין דרויסן אַרויס. וואָס גלאָצטו אויף מיר מיט די אויגן ווי אַ קאָטער? זי שווייגט, אָבער עפּעס האָט זי זיך מאָדנע פאַרקלערט. לאָמיר אַלע אינאיינעם די כלה מקבל פּנים זיין. הייב איך אָן אַזוי און זאָג.
טאָ לויבט זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט,
זינגט, גריסט זי פון האַרצן מיט ליבשאַפט און הייס.

65. וואָס איז אַזוינס אַ שאַראַדע? פּרוווט טרעפן אַט די שאַראַדע:

ס'איז מיין ערשטער טייל אַ גייער,
שלעפּט זיך אום איבער דער וועלט!
טראָגט מיט זיך משאות שווערע,
רעגן, וואַרעמקייט און קעלט.
פייפט אָן ליפּן, פליט אָן פליגלען,
אָפט פּאַמעלעך, אָפט מיט האַסט,
ברענגט קיין שאָדן, ווען ער מילד איז,
מאַכט חורבנות, ווען ער כעסט.
ס'ווערט מיין צווייטער העלפט אין ריידן
זייער אָפט באַנוצט ביי לייטן,
כדי סיי מיר, סיי אייך, סיי יעדן,
ווער עס פעלט נאָר צו פאַרבייטן.
און אַליין בין איך אַ זיידע
מיט גרייז־גרויע באָרד און האָר,
אין אַ פעלץ אַ ווייסן קום איך
צו אייך, קינדער, יאָר אין יאָר.

(דודל).

די בייגונג פון צייטווערטער.

בייש פּילן.

איצטיקע צייט.

	איינצאָל.	מערצאָל.
1־טע פּערזאָן.	איך שרייב.	מיר שרייב—ן.
2־טע פּערזאָן.	דו שרייב—סט.	איר שרייב—ט.
3־טע פּערזאָן.	ער שרייב—ט.	זיי שרייב—ן

פאַרגאַנגענע צייט.

	איינצאָל.	מערצאָל.
1־טע פּערזאָן.	איך האָב געשריבן.	מיר האָבן געשריבן.
2־טע פּערזאָן.	דו האָסט „	איר האָט „
3־טע פּערזאָן	ער האָט „	זיי האָבן „

קומענדיקע צייט.

	איינצאָל.	מערצאָל.
1־טע פּערזאָן.	איך וועל שרייבן.	מיר וועלן שרייבן.
2־טע פּערזאָן.	דו וועסט „	איר וועט „
3־טע פּערזאָן.	ער וועט „	זיי וועלן „

§ 16. אויספיר.

דאס צייטווארט בייט זיך אין דער איצטיקער צייט לויט די פערזאנען און צאלן. די צוגאבן סט, ט, ן, וואס עס קריגן צו די פארשיידענע פערזאנען אין פארגלייך מיט דער ערשטער פערזאן אין איינצאל — רופט מען פערזענלעכע ענדונגען.

פארגלייכן מיר די איצטיקע צייט מיט די איבעריקע צוויי זעען מיר, אז די איצטיקע צייט באשטייט נאר פון איין טייל און די איבעריקע צוויי פון צוויי טיילן, זיי זיינען צונויפגעזעצטע צייטן. דערביי בייט זיך לויט די פערזאנען און צאלן נאר דער ערשטער טייל פון צונויפזעצונג. דער טייל, וואס בייט זיך אין דער פארגאנגענער צייט איז געוויינטלעך די איצטיקע צייט פונם צייטווארט האבן. אין אנדערע ווערטער קומט אנשטאט „האבן" די איצטיקע צייט פון צייטווארט „זיין". די צייטווערטער האבן און זיין, וואס העלפן מיט בילדן צייטן פון אנדערע צייטווערטער ווערן אנגערופן הילפצייטווערטער.

די ענדערונג פון די צייטווערטער לויט די צייטן, צאלן און פערזאנען רופט מען אן די בייגונג פון צייטווערטער.

אויפגאבעס.

66. וועלכע פּערזאָנען האָבן אין דער איצטיקער צייט גלייכע פּערזענלעכע ענדונגען? וואָס פאַר אַ הילפסצייטוואָרט האָט די קומענדיקע צייט?

67. בייגט די הילפסצייטווערטער „האָבן" און „זיין". גיט אַ פּאָר ביישפּילן פון אַזוינע צייטווערטער, וואָס זייער פאַרגאַנגענע צייט זאָל זיך בילדן מיט „זיין".

68. אַנשטאָט די פּינטעלעך שטעלט אַוועק די ווערטלעך, וואָס באַצייכענען די פּערזאָנען (איך, דו, ער, א. אז. וו.)

... האָבן פון מיר געלאַכט. מיך רופט ... „פּופּיק"... האָב אַ קליינעם ייִנגעלע ... האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. האָב ... שוין געהאַט אַן אמתדיק מעסערל ... וועל ניט לאָזן ניין צום גרונד. שפּילן זיך האָט ... ניט מיט וועמען ... שפּילט מיט זיי ... נעמט מיך אָן פאַרן אויער און זאָגט ... פאָרסט אַוועק ... זאָלסט, מיין קינד, נאָר שלאָפן באַלד ... ווייס ניט, פון וועמען ... קומסט אַלס שליח ... שווערן באַזיגן די פינסטערע מאַכט ... ביסט ביי מיר נעכטן געוועזן ... האָט געהערט אַמאָל אַ שטאָט זאָל הייסן אַנטווערפּן? אַז ... ווילט, קאָן ... אייך אויסלערנען. דאָס לאַכט ... פון מיר, אַ פּנים, ...לאַך אָבער פון זיי אַלע. אָט באַלד וועלן ... אַלע גיין שלאָפן, וועל ... מיך דעמאָלט אַרויס־כאַפּן אין הויף אַרויס ... געזעגענען זיך מיט גאָלדעלען און ... זאָג איר צו, אַז מאָרגן אין דער צייט וועלן ... זיך דאָ ווידער אַמאָל זען.

69. פון דער איצטיקער צייט, וואָס אין איר שטייען די צייטווערטער, שטעלט זיי איבער אין דער פאַרגאַנגענער און קומענדיקער.

מיר זיינען נאָך יונגינקע קנאָספּעלעך בלויז,
מיר גלויבן, מיר האָפן, מיר שטרעבן (קינדערשאַפונג).

און שפּרינגט אַרום דאָס פייגעלע פון צווייגעלע אויף צווייגעלע און טאַנצט און ווערט ניט מיד. פרייט זיך וואלקנדל ביז נאָר, רייבט זיך דורך די אויגן. טו איך זיך אָן, וואַש זיך איין, עס אָפּ און קלייב זיך אין וועג אַריין. איך זע — מיין שוועסטערל איידל שלאָפט נאָך געשמאַק. קען איך זיך ניט איינהאלטן. גיי צו צו איר און גיב איר אַ שנעל אין נאָז. נאָר (אָסור אויב איך ווייס

פּאַרוואָס) פּאַררייסט זי מיט אַמאָל די נאָז, פּאַרטיפט זיך אין רעיונות, פּאַר־געסט אָן די מזונות. די אַרבעט — זי מאַטערט און מוטיקט און פרייט. אַ שטראַל טוט אַ שיין און ווערט פּאַרשעמט און לאָזט אַראָפּ די ברעמען. שמערקע זיצט הויך אויף דעם בוים און רייסט און קנאַקט און בייסט. אויף די כוואַליעס ציסטו זיך, ווי אַ פויגל פליסטו גיך. אַז איר דראַפּעט זיך אַרויף צו אונדז אויפן בוידעם און שטעלט אַרויס אַ פוס פונם קליינעם פענסטערל, אַזוי זייט איר שוין ביי מענדל דעם שוחטס אויפן דאַך. דאַרטן לייגט איר זיך אַוועק, ווי אַזוי איר ווילט: אָדער מיטן פּנים אַרויף אָדער מיטן פּנים אַראָפּ, יעדנפאַלס לייגן זיך מוזט איר, אַניט קען מען אייך חלילה דערזען (ש.—ע.). יונגע קעפּלעך אַרבעטן, יונגע נשמות רייסן זיך (ש.—ע.). און זיי וואַרימען און גלעטן און זיי קושן און זיי בעטן (ר.). איך הער קיין וועלט נישט. איך צעשפּיליע די קאַפּאָטע און איך לויף אויף נאָטס באַראָט טאַנצן מיט אַ שטראַל אין בלאָטע (כ״אל.).

70. פון דער פאַרגאַנגענער צייט, וואָס אין איר שטייען די צייטווערטער, שטעלט זיי איבער אין דער איצטיקער און קומענדיקער.

אַ זומערפייגעלע האָט זומער געלעבט זיך גאָר אָן קימער, געזונגען פריילעך, מונטער און האָט פאַרגעסן אָן דעם ווינטער. אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך און געקנייטשט זיך און געקרימט. פלוצלונג האָט ער זיך צעבייזערט. זיינען זיי געזעסן זיך גאָר שטיל, געשמועסט מיט געפיל. איז געגאַנגען סטאַק זיך שלאָגן, האָט דער טייך גענומען קלאָגן. געבאַלעוועט האָט מען מיך כּלל נישט, מען האָט מיך נישט נעקושט, נישט געגלעט, נישט געהאַלדזט ווי אַנדערע קינדער. מיינע תּחינות האָסטו געלייענט. איר זייט אויסגעוווען א וועלט. איר האָט געהערט אַמאָל, אַ שטאָט זאָל הייסן אַנטווערפּן? ס׳האָבן אַנדערע געבעטן, די שטעל געוואָלט פּאַרטרעטן, און אויסגעפירט האָט ער, ד. ה. דער בער. איך בין ביי זיי געווען אַ מוטער, איך האָב זיי געצויגן, געוואַשן, זיי געגעבן עסן, טרינקען, נאָכגעקוקט, געהיילט די וואונדן (אַנסקי).

דער האַרבסט האָט די אויגן די מידע פּאַרמאַכט.
ס׳האָט עמעץ באַזילבערט די ערד ביי דער נאַכט
און האָט אונדז די שויבן מיט בלומען באַדעקט.
עס האָט אינם צימער מיט שנייען פאַרשמעקט (טייטש).

71. פון דער קומענדיקער צייט, וואָס אין איר שטייען די צייטווערטער, שטעלט זיי איבער אין דער איצטיקער און פאַרגאַנגענער.

וועל איך זיין אַליין, וועל איך לעבן שיין. פריילעך וועלן מיר זיין, טרינקען וועלן מיר ווייַן. איך וועל אייך מיט גאָטס הילף מאַכן אַ שטיקל אַרבעט, וועט איר צופרידן זיין. וואָס וועט זיין פון אים? דאָרטן וועט דיין אייגעלע שטראַלן מיט א גלאַנץ, דיינע מאַטע פיסעלעך הייבן זיך צום טאַנץ.

נישט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס׳וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען,
נייע נעסטן, נייע פויגלען

וועלן נייע לידער זינגען.
די קעלט וועט זיין פאַרשוואונדן
און די וואָלקנס אויך צערונען.
בלוי וועט ווייטער זיין דער הימל —
נייע שטערן, נייע זונען.
נייע רויזן, נייע בלומען
וועקט דעם פרילינגס זיסער הויך.
עס וועט בליען, שמעקן, זינגען —
און אויף אונדזער הייפל אויך (פרץ).

שטאם און ענדונג.

ביישפילן.

1.	פעלד;	חברטע;	טויער;	יונג;
	פעלד—ער;	חברטע—ס;	טויער—ן;	יונג—ען.
2.		איך באַשולדיק	מיר באַשולדיק—ן.	
		דו באַשולדיק—סט.	איר באַשולדיק—ט.	
		ער באַשולדיק—ט.	זיי באַשולדיק—ן.	

אויספיר § 17. (זע §§ 10, 16)

די מערצאלפארם באקומט א צוואוקס, א צוגאב, און אויך די פערזאנען ביים בייגן דאס צייטווארט. אין ביידע פאלן הייסט דער דאזיקער צוואוקס — די ענדונג. דער טייל ווארט אן דער ענדונג איז דער שטאם פון ווארט. דער שטאם בלייבט דער זעלביקער אין ביידע צאלן, ער איז דערזעלביקער אין אלע פערזאנען.

אויפגאַבעס.

72. טיילט אָפּ מיט אַ שטריכעלע דעם שטאַם פון דער ענדונג.

רייכערסט, פראַגעס, שמייכלען, רעדט, טיילט, טרעט, טריט, שיסט, שאָטנס, פּענעס, ברענט, פאַלן, באַזילבערן, יידענעס, שלעסער, שליסט, וויינען, טישן, שלאַנגען, קוקסט, באַקרוינט, מעסט, בריוו.

73. צייכנט אָן עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס זאָל האָבן אַ געוויסע ענלעכקייט, וואָס זאָל אונדז אפשר דערמאָנען אָן אַ שטאַם מיט ענדונגען, וואָס קומען צו צו אים.

פאַרקלענער־ווערטער, פאַרצויגענע און פאַראכטלעכע נעמען.

ביישפילן.

1. שניי און שניי און שנייעלעך,
פיצינקעלעך, טייבעלעך,
פליען, פליען זעצן זיך
אויף דער גאַנצער וועלט.

ווערט די וועלט א ווייסינקע,
פול באַזעצט מיט טייבעלעך.
שניי און שנייעלעך.
פרישינקע ווי קעלט (קוויטקאָ).

2. שטייט אַ ביימעלע אין וואַלד, האָט דער בוים אַ צווייגל. עס וואַגט ניט אַ בלעטל אַ ריר טאָן אַ בלאַט. ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך.

3. א) כלהניו, וויין זשע וויין. לכבוד חתן־כלהשי טוט, פייגעלעך, אַ שפּיל. אַך, טאַטינקעס, מאַמינקעס!

ב) גיי שוין, גיי וואַש זיך, דו פוסטער בחור איינער, דו גוי־גויעק. אַזאַ יונגאַטש, קען ניט נעמען קיין ספר אין האַנט!

4. א) עס לייגט זיך אַנידער דער אָוונט אין רויטלעכן נעפּל פאַרהילט, אין וואַרעמע צערטלעכע פאַרבן (וואַלט). און דער הימל ווערט וואָס אַמאָל מערער גרוילעך ווי בלוילעך (פּרץ).

ב) זעט נאָר, ווי ווייסינקע בלעטעלעך פאַלן, זעט נאָר ווי צאַרטינקע פליטערלעך פליען. אַזוי זאָגט צו מיר דער אַלטיטשקער.

לייבע, לייבל, לייבעלע, לייבקע, לייבעניו, לייבטשיק, לייבטשע, לייבוק.

קליין, קליינלעך, קליינינקער, קליינטשקער, קליינטשיק.

אויספיר § 18.

דאס ווארט, וואס איז א נאמען פאר א זאך אדער אן אייגנשאפט, קען אויך גלייכצייטיק אנווייזן אויף אונדזער באציאונג צו דער זאך אדער צו דער אייגנשאפט. עס קען אנווייזן, וואסערע געפילן עס רופט ארויס ביי אונדז: צערטלעכקייט אדער ביטול וכדומה. דעריבער זייגען פאראן אין די זאכווערטער:

א) פארקלענער־ווערטער, וואס ווייזן אן אויף א זאך מיט א לפי־ערך קלענערן פארנעם (בײַשפּ. 2).

ב) פאַרצויגענע נעמען, וואס ווייזן אן אויף דער ליבשאפט און צערטלעכקייט, מיט וועלכע מיר באציען זיך צו דער זאך, אויף דעם פארציען דעם מענטשן, וועמעס נאמען מיר דער־מאנען (בײַשפּ. 3א).

ג) פאראכטלעכע נעמען, וואס ווייזן אן אויף דעם ביטול און דער פאראכטונג, מיט וועלכע מיר באציען זיך צו דער זאך (בײַשפּ. 3ב).

די בייווערטער פארמאגן אויך פארקלענער־פארמען (בײַשפּ. 4א) און פארצויגענע נעמען (בײַשפּ. 4ב).

פארקלענער־ווערטער דריקן אפט אויס אדער צערטלעכקייט אדער ביטול.

אויפגאבעס.

מערקט אָן, ווי עס שרייבן זיך די פאַרקלענער־ווערטער, פאַרצויגענע און פאַראַכטלעכע נעמען.

74. וואָסערע זאַכווערטער פאַרמאָגן פאַרצויגענע און פאַראַכטלעכע נעמען? צי קענען אַלע בייווערטער האָבן פאַרקלענער־ווערטער? צי האָט איר זיך אָנגעמערקט די ענדונגען פון די פאַרקלענערווערטער, פאַרצויגענע און פאַראַכטלעכע נעמען?

75. ווי זיינען די פאַרקלענער־פאָרמען פון אָט די ווערטער:

צווייג, מויד, שטול, באַנק, קו, פאַפיר, יונג, גאָרטן, ביין, קול, מעסער, מויל, וואָלקן, זים, בלאָס, נאָס, נעל, קיל, הילצערן.

76. פאַרציט זיי אָדער זייט זיי מבטל:

חנהן, משהן, ציפען, דעם בחור, דעם שניידער, יאָסלען, בערלען, רויזען, דעם שוסטער.

77. שיידט אונטער צווישן פאַרקלענערווערטער, פאַרצויגענע און פאַראַכטלעכע נעמען. וואָס קומט דאָ אָנשטאָט דעם פרעגצייכן? ווייזט אָן די ענדונגען פון די פאַרקלערנערווערטער, פאַרצויגענע אין פאַראַכטלעכע נעמען.

1. אין אייוועלע — קיין פענדעלע, אין שטייגעלע — קיין הענדעלע, אין בייטעלע — קיין רענדעלע (שפר.) ווען די שיף איז געבליבן שטיין, איז אַ קליין שיפל צוגעפאָרן. פייכטער קאַלטלעכער באַגינען. ווי ליבלעך, ווי וואַרעם, ווי פריילעך איז מיר. דאָס זיינען אַזוינע קליינע ברעקעלעך מענטשעלעך מיט פיסעלעך און הענטעלעך. געלעבט האָט אַמאָל אַ באָבעשי מיט אַ זיידעשי. ניסעלעך גרויסינקע, ניסעלעך קליינינקע, ניסעלעך פיל. און דו, כל־בוניק, טרייפענער ימח־שמוניק — די גאַנצע וועלט איז דיר אַלץ וויייניק (מרד). דו הולטיי איינער, דו אַפיקורוס, טרייפניאַק איינער. לאהניו לאָזט, זי האָט מורא. יאַנקעלע איז אַ דאַרינקער, אַ בלייכינקער. ער שפּאַנט דאָס איין פּאַוואָלינקע אין פעסל. און ווייס איז די שטוב, ווייס ווי מילך, מיט קליינטשקע פענסטערלעך אַ סך.

2. עס גיבן בלוי?נקע, עס גיבן רויט?נקע, עס גיבן געל?נקע — ווי אייך געפעלט. איך ליב אים דעם קאַלט?נק?ן שוואַרצ?נק?ן פערדל ביז גאָר. זעסט, ס'אַראַ קעפ?ל?, ס'אַראַ דינ?נק? פיס?ל?ך, און די אויגן אַזוי גרויס און גרוי. מיר וועלן שרייבן קליינינקע אותיותל?ך, מאָנטש?נק?. זי פויקט מיט די דיקל?כע פינגער אין דער שויב. חוה?ל?, שיינ?נק?, גיב אַ בים, ס'עפ?ל? ס'קליינ?נק? איז צוקערזים. צעשניידן מיין חלק ברויט אויף קליינ?טשק?, קליינ?טשק? שטיקעלעך (ש.־ע.). דעם שור־הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודהני? (פ. ליד). אין חדר אַריין, ימח־שמונ?קעס. איך וועל אייך צושטעלן, ליידאַקעס. אַ בענק?ל? ביים רביך! אין חדר אַריין פוסטע־פאַסנ?קעס, כל־בוניקעס, אין חדר אַריין! (ש.־ע.). ס'איז שיטערל?ך און ביטערל?ך. און עס גייען זיך אַזוי די שטילע, ריינע וואַסערל?ך, ריינ?נק? און שטילע (נסתר). דו בחור?ק, דו שייג?ק איינער! ס'רירט זיך אַ ווייכ?נק?ר גלעק?ל? ... פריש?נק? גלעק?ל?ך ליב איך ביז גאָר!

3) אונטער די גרינינקע ביימעלעך
שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך,
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פאהלעך,
יידעלעך פריש פון די אייעלעך.
נופעלעך — שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גלידערלעך —
כאַפּן זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און עס צעטראָגן זיי פיינעלעך (ביאַל.).

אין אַ קליינעם שטיבעלע ביי אַ לאַנגען טיש זיצן דאָרטן מיידעלעך דרייען מיט די פיס. דרייען די מאַשינדעלעך פון דער פרי ביז נאַכט, און אַזוי ווערט טוצנווייז העמדעלעך געמאַכט. העמדעלעך, איר ווייסינקע, זאָגט, וואָס זייט איר נאָס? מיידעלעך איר שיינינקע, זאָגט, וואָס זייט איר בלאַס? העמדעלעך און מיידעלעך ריידן נישט קיין וואָרט, אויסער די מאַשינדעלעך הודזשען...

(ש. הורוויטש).

חנהלע,
ברײנעלע —
אוי אַ דימענט יעדע.
רחלע,
ברכהלע —
הימלשטערן בײדע!
כינצעניו,
שפרינצעניו
קענען נאָר נעפעלן;
ריקעלע,
מיקעלע —
פאַרן קייסער נאָר צו שטעלן! (וואַרשאַווסקי).

קלאַנגען און אותיות.

וועגן טראָף און נגינה.

ביישפילן.

1. האָס - טיק, לאָס - טיק צי זיך אויס, טו זיך אַן באַלד, גיי אַ - רויס! ווייל דער טאָג דאָך האַלט שוין ווייט, טאַנצט און פיל־דערט פון אַ צייט (קוו.). וויג זיך, צע - וויג זיך, מיין הוי - דע, וויג זיך אַ - הער און אַ - הין. ס'ווינט זיך צו - זאַ - מען דער הי - מל, ס'ווי - גן די ביימ - לעך זיך גרין (נייד.).

פיר - קאַנ - טיק,
צע - וואָר - פע - נע,
פאַר - טרוי - ער - טער - הייט,
צו - נויפ - גע - קו - מע - נע,
אַ - רונ - טער - גע - שאָ - קל - טע,
פו - נאַנ - דער - גע - שפי־ליע - טער - הייט.

2. עס האָט מיך נעפאַנגען דער אָטעם, וואָס שוועבט אויף די טונקעלע פעלדער און רוט אויף די אײנזאַמע ביימלעך, וואָס שטייען צעוואָרפן אויף זיי; דער בלויער פאַרטרויערטער הימל, וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער אַרונטער, דורך ווייסלעכע זיידענע נעפלען, דערפילט מיט אַ צערטלעכן ווי (איינ.).

אויספיר § 19.

טייל ווערטער קענען פון אונדזער מויל ארויסגעבראכט ווערן מיט איין מאל, אנדערע אבער ווערן ארויסגערעדט אין צוויי מאל. מיר זיינען, אזוי צו זאגן, א רגעלע מפסיק אין מיטן ארויסזאגן דאס ווארט. פאראן ווערטער, וואס ביי זייער ארויסזאגן זיינען מיר צוויי מאל מפסיק, דריי מאל און אזוי ווייטער. דער טייל ווארט, וואס קען ארויסגעזאגט ווערן מיט איין מאל, הייסט טראף. סיזיינען פאראן ווערטער איינטראפיקע, צווייטראפיקע. דרייטראפיקע א. אז. וו., לויט דער צאל טראפן אין ווארט.

אויב דאס ווארט באשטייט פון צוויי אדער מער טראפן, ווערט איין טראף ארויסגערעדט מיט מער כוח, שטארקער, געצויגענער. דער טראף, וואס ווערט ארויסגעזאגט געצויגענער, קלארער, האט אויף זיך דעם טראפ אדער די נגינה (אקצענט). איינטראפיקע ווערטער קענען האבן אויף זיך א נגינה, בפרט ווען אן איינטראפיק ווארט קומט פאר אדער נאך א מערטראפיקן, און אויב מיר פארן צונויף אין אונדזער רייד א ריי איינטראפיקע ווערטער. ווערטער, וואס האבן אפולע טראפן, קענען האבן צוויי נגינות (פונאנדערגעטריבן).

דאס רוב צווייטראפיקע ווערטער האבן די נגינה אויף דעם ערשטן טראף.

אויפגאבעס.

78. לייענט פאמעלעך דאָס ווייטערדיקע, אפטיילנדיק איין טראף פון צווייטן.

ווי מילד זי איז, ווי פול מיט פראַכט, עס הערשט ניט איצט קיין מענטש קיין גאָט. לאָז מיך פריי, וואָס אַרט עס דיך, אַז איך וועל דאָ זיין? אין וואַלד גלייך קומט, נעמט נאָר מיט די פאָן! האַלט זיך נאָר פעסט פאַר די שטריק. עס איז דער וועג גאָר אָן אַ ברעג. שפּאָר, שפּאָר, קומט דער שוואַרץ יאָר און נעמט צו גאָר. עס ווייס נאָר נישט, ווי און ווי אַזוי דאָס וואַקסט. בינד אויף דעם זאַק, אָט גיב איך דיר אַ קנאַק. און ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט אַזוי שטאַרק, אַז עס טוט מיר וויי. איך לאָז נישט קיין טרער, נאָר איך פיל, אַז עס פלאַמט מיר אַ באַק און דאָס האַרץ איז מיר שווער ווי אַ שטיין. איך קלער נישט פון דעם פסק. מען כאַפּט פון איר אָפּט אַ זעץ, אַ שטורך אין זייט, אַ דריי פאַר די אויערן (ש—ע.).

פעלדער גרינען, וועלדער רוישן, קלינגען גלעקער, קלינגען גלאָקן. פויגעלעך בויען נייע נעסטן. טייכלעך פליסן, פליסן זשומען. פויגעלעך טרילן, שאַלן. מענער, ווייבער, קינדער — אלע זיינען זינדער. איז אַ ייִנגל צוגעלאָפן און דער פויגל איז אַנטלאָפן. איינגע, ביינגע, סטופּע, ציינגע, אַרצע באַרצע, גאָלע שוואַרצע, אוימעלע, ריימעלע, בייגעלע, פיינעלע — האָפּ! (פ. ליד) באָרגעלע לאַכעלע, צאָלעלע וויינעלע (שפר). ציגעלע, מיגעלע, קאָטעניו, רויטע פּאָמעראַנצן.

79. שרייבט אויף 5 דרייטראפיקע, 5 פירטראפיקע, 5 פינפטראפיקע, 3 זעקסטראפיקע, און אויב ס'וועט זיך אייך איינגעבן, 1 זיבנטראפיקן און 1 אכטטראפיקן וואָרט. ווען דאַרף מען נעמען אין אכט ביים שרייבן די צעטיילונג אין טראפן?

80. טיילט אָפּ מיט שטריכעלעך די טראַפן.

און פיצעלע שטעטעלע הויקערט זיך ווידער איין און שוויינגט נאָך מערער. און ווילסטו — וועט די גוטע געבענטשטע צייט קומען ערשט צום סוף פון דיינע יאָרן, און דו וועסט אַוועקגיין פון דער וועלט דער גרעסטער גביר. עס בלאַנקען קופערנע אָפּגעפּוצטע קעסלען. און געפירט האָט מען זיי דאָ אַהער

און אויסגעשיקט פריער אויסצוגעפינען דעם פיינד. פריילעך סווישטשען די וואָראָבייטשיקלעך, אונטערשפּרינגענדיק מיט די דינע פיסלעך אויף די דעכער (מענדעלע). איך האָב מענטשעלעך, פּאַיאַצעלעך, וואָס ברעכן זיך און שפּרינגען, פּאַיאַצעלעך און שמענדריקלעך מיט פּייקעלעך און גלעקלעך. מיט רויטע, געלע הויזעלעך, מיט אָנגעפּאַרבטע בעקלעך (נסתר). פּאַרן, פּאַלן פליטערלעך! פּאַלן ווייסע שפּליטערלעך, ציטערן און גלאַנצן — און מיר אַלע טאַנצן.

דיינע בלומען און מתנות
האָב איך היינט צעטיילט,
דיינע ווילדע שטיפעריען
אַלעמען דערציילט;
איצטער וועלן אַלע מיידעלעך
אָפּלאַכן פון דיר,
איצטער וועסטו לאַנגע שעהן
וואַרטן ביי מיין טיר (סעג.).

81. אויף דעם טראַף, וואָס טראָגט די נגינה, שטעלט דאָס צייכנדל׳.

ווייסע בריאָזענע וועלדער,
איינזאַמע ביימלעך אין פעלד,
שטיקער צעריסענע וואָלקנס
הענגען אַראָפּ אויף גאָטס וועלט.

ערשט דאָ דערזעט מיך די חברה און וואונדערט זיך: עפּעס אַ נייער, ניט קיין קענטלעכער פּאַרשוין! און דערנאָך געלאַסענע, מיד ווי נאָך אַ חתונה, קומען זיי ווי געסט — יעדער אין נעסט. נאָר פרייטאָג־צונאַכטס ווערט זי באַ־לויכטן פון חלבדיקע בענטשליכט אין מעשענע לייכטער אויפן טיש און אין דעם זעקס־רערנדיקן קופּערנעם הענגלייכטער אויבן מיט אַן אָדלער (מ. מ. ס.) עס הילכן געלעכטערס פון קינדער, עס שפּריצן די וועלן מיט זילבערנעם שוים, די פייגלעך פון ברעג ווערן אַלע פּאַרשוואונדן, די פישלעך אין וואַסער באַהאַלטן זיך קוים, די שטיפערס זיי יאָגן נאָך איינער דעם צווייטן... אָט ווערט פון זיי איינער אין וואַסער פּאַרשוואונדן, דאָ בלייבן זיי אַלע צערשראָקן און שטיל, דאָך באַלד שוין דערהערט זיך אַ קוויטש, אַ געלעכטער — די וועלן צעהוליען זיך ווילד פונדאַסניי. עס באַווייזט זיך אַ קאָפּ און אַ ראָזעווער קערפּער, צוויי הענט ווי צוויי פליגל באַוועגן זיך פריי (סעגאַלאָוויטש).

ב) געריעדטע און געשריבענע שפּראַך.

ביישפּילן.

1. וויפיל וועט זיין: איינס און צוויי און אַנדערהאַלבן, צוויי און דריי און דריטאַלבן? (פּרט).

2. וואָס איז בעסער כאַלאָנקעס (חלה אָן קעז) צי כאַלעמיטקעס (חלה מיט קעז)? (פּרט.).

אויספיר § 20.

דאס, וואס איך טראכט, קען איך אדער ארויסזאגן אדער אויפשרייבן. די מענטשלעכע שפראך איז בכן א צווייערלייאיקע: א גערעדטע שפראך אדער א געשריבענע. די גערעדטע שפראך איז די, וואס איינער רעדט און דער צווייטער הערט; די געשריבענע — וואס איינער שרייבט, דער צווייטער זעט. די באמת לעבעדיקע שפראך איז די גערעדטע. זי איז דער יסוד, זי לערנט מען זיך אויס פריער, זי קענען אלע מענטשן פון קינדוויַיז אויף. די געשריבענע שפראך — דאס זיינען נאר די אלע אנזיכטיקע צייכנס און סימנים, וואס זיינען נויטיק איבערצוגעבן אונדז דעם זינען פון דער גערעדטער שפראך; די געשריבענע שפראך לערנט מען זיך אויס א סך שפעטער, און ניט אלע קענען זי.

אלע, חוץ שטומע, קענען אן שום קונצן באנוצן די גערעדטע שפראך. פאר דער געשריבענער שפראך מוז מען שוין האבן געוויסע מכשירים: א פענע, א שטיקל קרייד, א טאוול, א העפט, א דרוקעריי א. אז. וו.

אויפגאבעס.

82. וואָסער מין שפּראַך באַנוצט דער לערער און וואָסער מין שפּראַך באַנוצן די שילער ביים שרייבן דיקטאַט? וועלכער מענטש קען באַנוצן די געשריבענע שפּראַך און קען ניט באַנוצן די גערעדטע? צי קען זיין אַ געשריבענע שפּראַך פאַר בלינדע און ווי דאַרף זי זיין?

83. וועלכע מעלות האָט די גערעדטע שפּראַך אין פאַרגלייך מיט דער געשריבענער? וועלכע מעלות אָקענן האָט די געשריבענע שפּראַך?

84. ווייסט איר וואָס דאָס איז אַ גראַמאָפאָן? האָט איר אַמאָל גערעדט דורכן טעלעפאָן?

85. טרעפט די רעטענישן: א] ניט קיין העמד — און דאָך נעגייט; ניט קיין בוים — און פול מיט בלעטער; ניט קיין מענטש — און רעדט צו דער זאַך. ב] אַזוי לאַנג ווי איך נעם ניט קיין טרונק, קען איך ניט ריידן. ג] וויים געשפּריַיט, שוואַרץ געזייט, וואו מען שיקט, דאַרט ניין ניט (פרט.).

86. 1) ווייסט איר, ווער דאָס איז „טאָפּעלע טוטאַריטוטו"?

2) מאַמע, דויסן דיין מיט מי,
זען דעם פּאַפּע דיין.
פּאַפּע בענדען דעלט אַ סך,
טויפן מי אַ דוטע זאַך,
דאָס זיין אַזוי שיין,
דיין דויסן דיין.
מאַמע, זע דאָט טינדעלעך
פילן זיך אליין.
מאַמע, טום מי דיין צו זיי,
איך אויך וואַפן זיך מיט שניי!
מאַמע, אָ ווי שיין,
דיין דויסן דיין! (לאה קאַפּילאָוויטש־האָפּמאַן)

ג. וועגן קלאַנג און אות.

ביישפּילן.

1. שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער (פּרץ).
שטילער, שטילער, דאַנקען, וויל, ער.
שטי־לער, שטי־לער, דאַנ־קען וויל ער.
ש, ט, י, ל, ע, ר, ש, ט, י, ל, ע, ר, ד, א, נ, ק, ע, ן, וו, י, ל, ע, ר.

2. א) בּ, ג, ד, ט, פּ, ק.
ב) אַ, אָ, ו, ײ, ײַ, י, ע, ו, ל, נ, מ, ר, וו, ז, זש, ס, ש, פ, צ, טש, כ, ה, י.

3. א) אַ, אָ, י, ײַ, ײ, ו, ע, וי.
ב) בּ, ג, ד, ה, וו, ז, זש, ט, י, כ, (ך) ל, מ, ם, נ, (ן) ס, פּ, פ, (ף) צ, (ץ) טש, ק, ר, ש, ב, ח, כּ, ת, ה.

אויספיר § 21.

דער געֶרעדטער טראַף באַשטייט פון קלאַנגען, די קלאַנגען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אויף איין מאָל בילדן עס דעם טראַף. דער אָנגעצייכנטער, דער אָנגעשריבענער טראַף באַשטייט פון אותיות. קלאַנג — איז דאָס, וואָס מען רעדט אַרויס און מען הערט. אות — וואָס מען שרייבט אויף און וואָס מען זעט. דער אות, דאָס איז דער סימן, דער אָנזיכטיקער צייכן פאַר דעם קלאַנג. די געשריבענע שפּראַך צעפאַלט זיך אויף אותיות, די גערעדטע — אויף קלאַנגען.

די קלאַנגען צעטיילן זיך אויף א) מאָמענט־קלאַנגען (2 א), דאָס הייסט אַזוינע, וואָס קענען אַרויסגערעדט ווערן נאָר גיך, אין איין מאָמענט, און ציִען זיי לענגער קען מען ניט, און ב) געדויער־קלאַנגען (זע 2 ב), ד. ה. אַזוינע, וואָס קענען ווערן לאַנג געצויגן, וואָס מען קאָן זיי דויערנדיק אַרויסברענגען פון אונדזער מויל.

די אותיות צעטיילן זיך אויף א) הילף־צייכנס אָדער אַליין־הילכער [זע 3 א] ד. ה. אַזוינע אותיות, וואָס ס'איז גרינג, לייכט זיי דורכצולייענען אַליין, פאַר זיך, אָן אַנדערע אותיות, און ב) מיטהילכער, ד. ה. אַזוינע אותיות, וואָס אַליין, פאַר זיך, אָן אַן אַליינהילכער, איז זיי שווערער דורכצולייענען. (זע 3 ב).

אויפגאַבעס.

87. צייכנט אָן, ווי זעט אויס אייער מויל בּיים אַרויסזאָגן די קלאַנגען אַ, אָ, ע, י, ס, זש, טש, ט.

88. וועלכע קלאַנגען איז שווער אַרויסצוברענגען, בּעת איר פאַרקוועטשט מיט די פינגער אייער נאָז? וועלכע קלאַנגען זיינען קלינגעוודיקע?

89. א) ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע, שרייבּ אָן ניך מיט דריי אותיות (גר. בּיימ.). ב) מיט וואָס הייבּט זיך אָן דער טויט און מיט וואָס לאָזט ער זיך אויס? (פּרט.). ג) אין אַ מינוט איז עס איין מאָל, אין אַ מאָמענט — צוויי מאָל, אין הונדערט יאָר קיין מאָל ניט. וואָס איז דאָס? (גר. בּיימ.).

90. שטרייכלט אונטער די אַליינהילכער מיט אַ שטריכעלע.

צוגעדעקט די פּיסעלעך — איך בּרענג דיר מאָרגן ניסעלעך, פרישע ניסע־לעך פון וואַלד, זאָלסט מיין קינד נאָר שלאָפן בּאַלד. דרימלט איין מיין קינדעלע פעסט, קומען בּאַלד די ליבּע געסט: קומען, קומען אָן צופליִען מלאַכימלעך מיט

זיסע אויגן. די פליגעלעך פון לויטער גאָלד, זיי האָבן שטילע קינדער האָלט. און זיי קומען צו באַהיטן, צו באַהיטן און באַשיצן מיט חלומות שטילע, שיינע, ווי עס פּאַסט פּאַר קינדער קליינע. מאַך נאָר צו די אייגעלעך! זיי פליען אָן ווי פייגעלעך. הערסט, מיין קינד, הערסט, מיין קרוין, די פליגעלעך זיי רווישן שוין! זיי פליען אָן ווי פייגעלעך, מאַך נאָר צו די אייגעלעך. שטיל, די אייגעלעך פאַרמאַכט, האָב אַ גוטע, זיסע נאַכט (פּרץ).

91. וואָס ווערט געשטעלט אין העברעאיש אַנשטאָט נקודות? וועלכע נקודות זיינען פאַראַן און וואָסערע אַליינהילכער פאַרבייטען זיי? ווען שטעלט מען אין יידיש נקודות?

92. טרעפט די שאַראַדע:

1) ווען מען לייענט צי מען לערנט,
קענסטו זען מיין ערשטן גליד,
לייג צום צווייטן צו אַן „ע״
זעסטו אים ביי יעדן שמיד.
און אינגאַנצן איז מיין אָרט
אין מיין ערשטן האַלבן וואָרט. (גר. בייט.)

2)

ג	י	יי	י	ז
ז				ז
ע				ע
ר				ר
נ	י	יי	י	ג

שטעלט פונאַנדער די אותיות אין די קוואַדראַטן אַזוי, אַז מען זאָל קענען איבערלייענען פון אויבן אַראָפּ און פון רעכטס אויף לינקס די נעמען פון צוויי יידישע שרייבער.

93. 1) בעט דעם לערער דערציילן די געשיכטע פון אלף־בית.

2) צי ווייסט איר ניט, אויב אַלע שפּראַכן פאַרמאָגן די זעלביקע קלאַנגען אָדער ניט.

טראַפּיקער אדער לעבעדיקער „למד״ און „נון״.

ב י י ש פּ י ל ן.

1. א) אַ בי—סל און אַ בי—סל ווערט אַ פולע שי—סל. לע—פל, ליי—בל, בלי—מל, שליי—פל, בלע—טל, שלענ—גלט; פעלד—פידל, געלט—גיטל; טישל—טישעלע.

ב) מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן ניט האָבן.
נאַ—שן, נו—צן, ני—סן, נאַ—רן; ריידן— ריי—דנ—דע, ריי—דע—ניש;
האָ—פן, האָ—פע—נונג; טרו—קן, טרי—קע—נען; טוי—זנט, טוי—זנ—טער.

2. קו—מען, קוי מען; ברענען, בי נען; שלאַנגען, ברענגען;
פונקען, בלאַנקען; מאַנדלען, האַנדלען, טובלען.

אויספיר § 22.

די קלאַנגען, וואס ווערן פאַרצייכנט דורך אלייניהילכער, בילדן שטענדיק טראַפן. „למד" און „נון" קענען אמאל בילדן טראַפן, אמאל ניט. אויב זיי בילדן טראַפן — הייסן זיי טראַפיקע אדער לעבעדיקע, דער „למד" און דער „נון" וואס בילדן ניט קיין טראַפן — הייסן טויטע.

נאָך א מיטהילכער זיינען „ל" און „נ" לעבעדיק, נאָך אן אלייניהילכער — טויט (ביישפ. 1).

קיין טראַפיקער „נון" קען ניט קומען נאָך א מ, נ, נג, נק, און נאָך א „למד", וואס פאַר אים קומט א מיטהילכער (ביישפ. 2).

אין שרייבן דאַרף מען געדענקען, אז פאַר די לעבעדיקע „ל" און „נ" קומען ניט קיין אלייניהילכער און פאַר די טויטע „למד" און „נון" מוז קומען אן אלייניהילכער (ע).

אויפגאַבעם.

94. שטרייכלט אונטער די לעבעדיקע „ל" און „נ".

מיר איז די מעשה מיטן בערגל, מיטן שענקל, מיטן וועלדל שטאַרק געפעלן. און צוליב די קינדערס תפילה זאָלן קוואלן פליסן קילע. ווי שטאָלק און ווי מיד מען באַגעגנט דעם אָוונט. דאָרטן בליען בלימעלעך, בלומען אַלערליי, פייגעלעך פיל גאָלדענע שושקען זיך מיט זיי. האָסטו אין דיין קרעמל פון גן־עדן העט אַ בלימל? און דאָס טעלערל פון הימל? שטראַלן גאָלדענע אַ בינטל, גיב אַ פרישן, לינדן ווינטל. עס פעקלט זיך דער זומער שוין און זיפצנדיק זיך זעגנט. די שוואַלבן פליען מחנותווייז אַוועק אין דרום־געגנט. איך וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן, איך וועל ניט לאָזן גיין צו גרונד. צייט שוין צו ליגן אין וויכן, אין וואַרעמען בעט. און אַז וועגן דעם די קלאַנגען זיינען אין דער שטאָט דערגאַנגען, קומען קינד און קייט צו לויפן צו די פרויען, בעטן, קויפן, זיינען אָפּגעבן אַלץ גרייט פאַר דעם מינדסטן שטיקל ברויט. די זונען־שטראַלן פאַלן קרום און קילע לופטן בלאָזן. דאָס רעגנדל טריפט אַזוי פינקלדיק פיין. ניטאָ ווער ס'זאָל זייען און פלאַנצן און פירן דעם אַקער. שפרינגענדיק און טאַנצנדיק פינקלענדיק און גלאַנצנדיק, קומען ווייכע שנייעלעך אויף דער ערד צו גיין.

95. פאַראַנדערשט די ווייטערדיקע ווערטער אַזוי, אַז די לעבעדיקע „ל" און „נ" זאָלן ווערן טויטע.

רעכן, צייכן, בענקל, גאָרטן, מעסערל, געבויגן, געשליפן, שטערן, איידל. טונקל, צימבלט, מיטל, ביכל, יאָגן, געריסן, קיצלט, דריידלט, געוואונטשן, געהויבן, גאַרטל, גריבלט, מיידל, פענסטער, באַדאַרפן, ווינטשן.

96. וואו מען באַדאַרף, שטעלט אַוועק אַנשטאָט דעם פרעגצייכן אַן ע.

די אויג?ן פאַרמאָג?ן צוויי פינטעלעך, וואָס גלי?ן און פינקל?ן און טוק?ן זיך, פאַרטראַכט?ן זיך טיף און פאַרקוק?ן זיך (ביאַל). שופרות בלאָז?ן, רויש?ן,

בּרומען, אַז ער זאָל בּשלום קומע?ן (ר.). אויף די גערטנער, אויף די פּעלדער הער איך זיסע שטימ?ן זינג?ן, ווי די פרישע בּלויע וועל?ן רויש?ן, גיס?ן זיך און קלינג?ן (פרוג). איינער פון די קנויט?ן פינקל?ט שוואַכער, שוואַכער, ווערט פאַרטונק?לט, צאַנקט און ציטערט און זיך ראַנג?לט, ווי עס וואָלט אים לופט געמאַנג?לט (יהואש). און רייד איך מוז?ן הימל?ן שטומען . . . די שטיינער קייקל?ן זיך און קומ?ן און שלינג?ן דאָרשטיק גאָטס אַ וואָרט (בּיאל).

גאָרנישט קלער?ן, גאָרנישט פרעג?ן,
קינדער וואַקס?ן אויפ?ן רעג?ן
ווי די בּלומ?ן ווי די זאַנג?ן (פּרק).

דער פלאַק איז באַיידל?ט,
אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ.
עס שוויבל?ט און גריבּל?ט
אַרויף און אַראָפּ.
דער עולם ירידל?ט
אין פול?ן גאַלאָפּ (מרד.).

און ס'לייגט זיך אַנידער דער אָוו?נט
אין רויטלעכ?ן נעפּ?ל פאַרהילט,
אין וואַרעמע צערטלעכע פאַרב?ן
און פינק?לט און טונק?לט און שפּילט.

עס פינק?ל?ן און טונק?ל?ן די הימ?ל?ן
און שפּיל?ן און שאַפּ?ן אין שיין;
עס פינק?ל?ן און טונק?ל?ן די וועל?ן
און רוימ?ן פיל סודות זיך איין (וואלט.).

אַ זון מיט אַ רעג?ן! אַ זון מיט אַ רעג?ן!
עס לאַכ?ן מיר גאָלד?נע טראָפּנס אַנטקעגנ?ן,
זיי לויכט?ן אין לופט?ן און פאַל?ן אויף מיר,
ווי גאָלד?נע פונק?ן אויף זייד?נע שניר . . .
אַ זון מיט אַ רעג?ן! אַ זון מיט אַ רעג?ן!
עס צאַנק?ן די גראָז?ן ביים ראַנד פון די וועג?ן,
עס שמייכל?ן די בּלומ?ן, צעקושטע פון ווינט,
אַזוי ווי עס שמייכל?ט דורך טרער?ן אַ קינד.

(לייב ניידוס).

דומפּע און הילכיקע קלאַנגען.

בּיישפּיל.

הילכיקע	בּ	וו	ג	ד	ז
דומפּע	פּ	פ	ק	ט	ס

זינגען - ליבן - וועלדער - ווייזן - פעלד - זייד - טאָגן.
זינקען - ליפן - פעלדער - ווייסן - פעלט - זייט - טאָקן.

2. איך האָב אים געשיקט הונדערט בריוו, און ער האָט קיין שום באַגריף, אַז מיינע וואונדן זיינען טיף. אַ בריוועלע דער מאַמען זאָלסטו ניט פאַרזאמען. ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך. און ער גייט פון שטוב צו שטיבל. אַ חכם עסט כדי ער זאָל לעבן, און אַ נאַר לעבט כדי ער זאָל עסן.

אויספיר § 23.

פאראן אזוינע פארלעך קלאנגען, וואס די גלידער פון פארל אונטערשיידן זיך דערמיט, וואס איין קלאנג ווערט ארויסגעזאגט העכער, שטימיק, הילכיק, און דער צווייטער — שטילער, נישט הילכיק, דומפ. (למשל ב און פ: אונדזערע ליפן, אונזער צונג טוען דיזעלביקע ארבעט און פארנעמען דיזעלביקע לאגע, נאר „ב" איז א הילכיקער קלאנג און „פ" א דומפער).

אפטמאל, ביים נישט גענוג קלארן אויסשפראך, קען זיך טרעפן, אז אונדזער אויער זאל האבן א טעות, אנשטאט אהילכיקן קלאנג קען זיך אים אפדוכטן, אז ער הערט א דומפן — און אויב מיר דארפן שפעטער דאס ווארט אויפשרייבן, וועלן מיר אפשר מאכן א גרייז. און אמאל קומט טאקע באמת ארויס ביי אונדז אנשטאט א הילכיקן קלאנג א דומפער און פארקערט (למשל: שלאגסט קלינגט ווי שלאקסט, האנטווערקער ווי האנדווערקער). הכלל, ביי אונדז קאן אפט זיין א ספק, וואס אויפצושרייבן, צי דעם אות, וואס באצייכנט דעם הילכיקן קלאנג, צי דעם אות, וואס באצייכנט זיין געהעריקן דומפן קלאנג. דארף מען יעמאלט פאר זיך גופא דאס ווארט ארויסריידן קלאר און דייטליך אדער דאס ווארט אזוי אומאנדערשן, אז נאך דעם מסופקדיקן אות זאל שטיין אן אליינהילכער, אדער א לעבעדיקער „ל" אדער „נ".

אויפגאבעס.

97. הילכיקע און דומפע קלאַנגען.

אַ בייזע צונג איז ערגער ווי אַ שלעכטע האַנט. קינדערלעך, שרעקט זיך ניט. אַלע אין דעם הויזגעזינד זיינען געוואָרן פינסטער. איך האָב געזען דעם חורבן אונטער טיטוס האַנט, איך האָב געזען דעם מקדש קראַכנדיק אין בראַנד. (וואָלט). און עס בלאַנקען שפיז און שווערד. נאָר דער ווינט ער ברענגט אונדז גרוסן פון דעם קאַלטן לאַנד. ליידיקע הענט מאַכן קאַליע די ווענט. כ'האָב מיין שיפעלע געפונען, אויפן וואַסער עס געלאָזט, און עס קומט דער ווינט און בלאָזט, יאָגט מיין שיפעלע געשווינט (פרק).

98. שרייבט איבער די פאָלגנדיקע ווערטער, לייענט זיי איבער פאַמעלעך און דייטלעך, פאַראַנדערשט זיי אַזוי, אַז עס זאָלן ניט זיין קיין מסופקדיקע קלאַנגען.

שיף, קעז, פאָלק, שווערד, פייניקט, טרייבט, געליבטע, הייב, ווייזט, עס, טאָג, דעקט, ווינט, רינד, פעלשט, אָוונט, באָק, זאָגט, שטריקט, בענקט, לאַנד, שטוב, בלאָזט, טרייסט, וואַנט, רייטסט, רעדסט, שענקסט, באַדענקט, בייגט, קאָפּטוך, שאַרפזיניק, מעסט, שלייפשטיין, אָפגעטאָקט, געזונט, געזינד, ווינד און וויי, שניידסט, ברענגסט, קלינגסט, געקלאָגט, וועבסט, געלויבט, אָפגעלעבט, קאַלב, שטראָפּרייד, שלאָפּבאַנק, רייסציין, באַקציינער, טויזנט, האַנטמאַשין, פרעגסט, שפּרינגסט, קלאַפּט, שליסט, געקלעפּט, הענגט, פּרואייט, פּרעסט, גרונט.

99. פֿון די געגעבענע פֿאָרלעך אותיות קלייבט אויס דעם ריכטיקן אות און שרייבט איבער.

דערצו האָט אסתר געטוי(ג/ק)ט. געזונ(ד/ט) באַדאַר(וו/ף) מען טאַקע האָבן. דער וועּ(ק/ג) איז געווען אַ ביסעלע שווער. עס שלייכט צו אַ שטאָ(ט/ד) ביינאַכט די שווער(ד/ט). באַגרי(ז/ס)ט דעם פֿריינ(ט/ד) און יאָ(ג/ק)ט דעם פֿיינד. אַז די באָר(ד/ט) ברענט, איז היי(ז/ס) אין מויל. עפּעס איז אין זיי געלעגן אַ גאַנצער אָ(פּ/ב) גרונ(ד/ט). אין דער ליטע לי(ג/ק)ט דאָס שטעטל. דער קלאָ(ג/ק)ט מיט יללות אויפֿן ביטערן גלות. וואָס ווינ(ג/ק)ט ער צו מיר? שאַר(וו/ף) איז די שווער(ד/ט) און געשליפֿן. די ביימער שטייען פֿאַרטראַכט, פֿאַרזאָר(ג/ק)ט. איצטער שטוי(פּ/ב)ט ניט אין ערגעץ. האָט געפֿירט זיי אויף אַ שליטל, אויף די גליטשן זיי געיאָ(ג/ק)ט, האָט ביי אונדז אין קליינעם שטעטל אי גענעכטי(ג/ק)ט אי געטאָ(ג/ק)ט. אַזוי גייט עס אויף דער וועל(ט/ד): איינער האָט דאָס בייטל, דער אַנדערער — דאָס געל(ט/ד). ער זוכט און ער גריי(ז/ס)ט, ווייטער, ווייטער — און ער ווײ(ז/ס)ט. עס שלאָ(ג/ק)ט אין דער נאַכט פֿון אַ פֿענסטער אַ וואַרעמער שיין. פֿון דעם בלויען וואָל(ג/ק)ן־ראַנד גייט אַראָ(פּ/ב) דער ווייסער שניי־האָר מיט אַ פּענ(ז/ס)ל אין דער האַנ(ד/ט). אָ, ניט געוויינ(ד/ט) האָט זיין ווײ(ב/פּ) און קיין לייבלעכע קינ(ד/ט), נאָר איבער אים אויפֿן פֿעל(ד/ט) האָט געוואָיעט דער ווינ(ד/ט).

פֿאַרטונקלטע קלאַנגען.

ביישפּילן.

1. זע דערקלערונג צום § 20.

2. מידאַכצאַך (מיר דאַכט זיך); מעבעצעך (מעך בעט זיך); פּלעקטאַר (פּלעגט ער); אַ יידעשקינט (אַ יידיש קינד).

3. פֿון קערנדלעך אַ הייפֿעלע, פֿון טראָפּעלעך אַ טייכעלע (שפּר.). אַ דאַנק קען מען אין קעשענע ניט אַריינלייגן (שפּר.). כ׳זוך מיין מזל אין ווילדן שטורעם, ס׳ציט מיין האַרץ צום וואַסער־טורעם (הירשביין).

4. בעסער אין גוישע הענט ווי אין יידישע מיילער. אַזוי ליכטיק, לופֿטיק, זאַפֿטיק — און פֿריי, פֿריי! אַך, איר פּויערים, שקצים, עכברושים, ימח־שמוניקעס!

אויספיר § 24

אין דער לעבעדיקער גערעדטער שפּראַך ווערן אַ סך קלאַנגען אַרויסגערעדט לגמרי ניט קלאָר, און דעריבער קענען מיר אָפט ניט וויסן, ווי זיי איבערצוגעבן ביים שרייבן. אָט די אומקלאָרקייט קען זיין אַ צווייערלייאיקע: א) דאָס רב נעמט זי זיך דערפון, וואָס מיר ריידן אַרויס דאָס וואָרט אָדער אַ ריי ווערטער צו גיך אין איילעניש און כאַפּעניש. דאָס איז אַ קנאַפּע צרה, אָט אַזאַ אומקלאָרקייט. לאָמיר דאָס זעלביקע זאָגן פּאַמעלעך, לאָמיר זיך סטאַרען ניט כאַפּן, וועלן יעמאָלט קיין פּאַרטונקלטע קלאַנגען ניט זיין (ביישפּ. 1 און 2). ב) פאַראַן אָבער אַ טיפערע אומקלאָרקייט, וואָס מען קען ניט אַזוי לייכט אויסמיידן: **די קלאַנגען, וואָס ווערן באַצייכנט דורך אַלייןהילכער און האָבן נישט אויף זיך די נגינה, ווערן אַרויסגערעדט אומקלאָר, ווערן פאַרטונקלט.** זיי ווערן פאַרטונקלט אַפילו יעמאָלט, ווען מען רעדט, קלאָר און פּאַמעלעך, סיידן איר וועט בכיוון פאַלשעווען דעם ריכטיקן אויסשפּראַך (בייש. 3). ווי איר זאָלט ניט אויפשרייבן דאָס וואָרט

הייפּילע, הייפּאַלע, הייפּאַלי, הייפּעלי, הייפּעלע,

וועט זיך אייך אַלץ אָפּדוכטן, אַז ס'איז אין שריפט ניט ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן דער קלאַנג אָדער די קלאַנגען, ווי עס באַדאַרף צו זיין: איינער וועט זאָגן, אַז ער הערט אַזוי דעם קלאַנג, דער אַנדערער וועט טענען אַנדערש א. אז. וו.

דעריבער דאַרף מען שרייבן לויט דעם כלל: **אַ פאַרטונקלטער אַלייןהילכער וואָס קומט נאָך דער נגינה, ווערט באַצייכנט דורך ע, אויסגענומען די פאַל:** יש, יק, און די ענדונג פון מערצאָל — ים.

אויפגאַבעם.

100. שטרייכלט אונטער די אותיות, וואָס באַצייכענען פאַרטונקלטע קלאַנגען.

בּרויטעלע, בּרויטעלע קליין! אַ בּרויטעלע זאָל דאָך קיילעכדיק זיין (פּרק). האָרעווע, מיידעלע, וועסטו האָבּן אַ קליידעלע (שפּר.). די ערד האָט זיך בּאַנייט און לעבּט און אָטעמט פריי (פּרק). אַ וואָרעם אין כריין מיינט, אַז קיין זיסערס איז ניטאָ (שפּר.). לייג זיי אויף דער לאָפּעטע, געשוואָלענע פון הייוון. דרעמלט אײַן דאָס בּיימעלע אויפן גרינעם בּערגעלע (פּרק.). איצט האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אים עפּעס אַ מין אומעטיקייט, אַ טרויעריקייט (ש. ע.). אָרעם און פּריילעך, לוסטיק און לעבּעדיק! יינגלעך מיט פּאַרשלומפּערטע בּגדימלעך פּלאָנטערן זיך האָפּערדיק, קוקן מיט פּאַרחידושטע נייגעריקע אייגעלעך אויף דער פּריילעכער אַרבּעט. ער האָט אָפּגעלויבּט אין טאָג אַריין זיין אַרבּעט, אויסגערעכנט איטלעכס פּיצעלע בּאַזונדער. מאַמעס האָבּן שוין אַהיים געטראָגן פון מאַרק פּולע פּאַרטעכער מיט פּלעצלעך, מיט בּינטלעך שציפּיער אונטערן אָרעם און טעפּעלעך סמעטענע אין די הענט (ווייס.). אַלץ איז בּיי יידן ווייניק, אָבּער שכל האָט יעדערער גענוג (שפּר.). רוף מיר נאַר, אָבּער גיבּ מיר לעקעך (שפּר.).

עס חלומט זיך אַ פּייגעלע,
געפּאַנגען אין א שטייגעלע,
אַ וואונדער־שיינער טרוים:
עס איז אַרויס פּון שטייגעלע
און וויגט זיך אויף אַ צווייגעלע
אין וועלדל אויף א בּוים (אַדלער).

101. וועלכע אליינהילכער ווערן מער פאר די איבעריקע באנוצט?

102. אנשטאט פרעגצייכנס שטעלט אריין די געהעריקע אותיות.

געבראט?נ? טייב?ל?ך פליען ניט אין מויל אריין. א ראז?ווע?ר קוויט פליקט זיך אפ פון מיין צווייגל. ציב?ל?־טרערן רירן ניט דאס האַרץ. ער שרייבט קאטשע?ר?ס מיט לאפ?ט?ס. די יי?ד?נע קריגט זיך מיט דער גוי?. דער פעטער בענ? לייגט אריין די הענט אין זשילעט־קעש?נע. און ארויס אין דרויסן מענד?ל? דער שנעק. אז עס קומט א פלעק אויף את?ל?ס בלייבט עס דאך אטל?ס (שפר.). זי האט קעגן חתן־כלה מיט א קויל?טש געטאנצט. עפ?ס איז ער ווי אין א חלום. מיט איין שוו?ב?לע קען מען פארברענען א גאנצע שטאט (שפר.). מיטן טאגל?ך שוין בין איך אנטשלאפן געווארן. אפט טאק? בין איך צו אנד?ר? שלעכט. נאך א פ?דער יאגט ער זיך, א פער?נ? לאזט ער ארויס. אין די הענט האלטן זיי סאמעט?נ? בייט?ל?ך אויף טאנץ־געלט. מיטן ביט?רן שוויס האט מען עטל?כ? טעג און נעכט אפגעהאר ?וו?ט. געלט איז קייל?כד?ק. ער האט אים אפגעגעבן זיין האנט?ך. פויג?ל?ך געבונדן, ליכט?ל?ך געצונדן, מארגן קומט דער אסעס?ר, וועט ער געבן בעס?ר (פ. ליד). זי נעמט דערביי פון אונטער דער טערק?שער שאל א מתנה ארויס: א פאר גאלד?נ? פאנטאפ?ל?ך מיט פער?ל?ך באנייט (פרץ). ער טאק? האט מיך אויסגעלערנט זאגן קדיש. פאר א הונגער?קן בייכל איז קירב?ס א מאכל. איך פלעג א ביסל אונטערפאלש?וו?ן. אברהמ?לע וויס, אז קארטאפליעס אדער אוג?רק?ס אדער ציב?ל?ס וואקסן אויף דער ערד. די פיש פון טייכ?ל? איז נאך ווייט פון בייכ?ל? (שפר.). עס איז עפ?ס ביי זיי טאק? קיין שבת ניט. קאוו?נעס אין שטאל, עפל אין די זעק. זשאל?וועט ניט קיין מאטעריע, ווא?ר?ס א קינד וואקסט. אזוי ווי א טארב? פלעקער איז קייל?כד?ק, אזוי איז די לבנה שפיציק. באב?טשק?ס, רייך געקליידעט אין אטל?ס, סאמ?ט כאפן א טענצל. איך האב דאס מיר טאק? אליין געמאכט. איינער קומט אנשמידן א פאדק?ווע א פערד. „טאמ?ר” איז א יי?ד?נ?. תורה אין קעפ?ל? — קאש? אין טעפ?ל?. איך נעב?ך האב געהאר?וו?ט איבער מיינע כוחות.

טאנצן וויל מיין מייד?ל?!
אינם שיינ?ם קלייד?ל?
טאנצט עס מיט ג?פיל,
שפיל, קלעזמ?ר, שפיל! (פרץ).

103 אנשטאט פרעגצייכנס שטעלט אריין די געהעריקע אותיות.

נאר אויפן טור?ם דער וועכט?ר וואכט. אונטערן אר?ם טראגט ער א פעקל. א שעמעד?קער קען קיין למדן ניט זיין. א ווא?ר?מע ווינטערד?קע זון גייט אום איבער דיין לאנד. קומט אריין ברייט? פון קיך מיט א פולן פאלומעס?ק קרעפ?ל?ך. אז דער קלוג?ר באנאר?שט זיך, בלייבט ער אויך א נאר. ער איז אן אן אט?ם געלאפן. זיי האבן א דין הייטל, זיינען גליטש?ק און קלעפעד?ק און וואסער?ק אויפן טעם (ש.—ע.). א לעכ?רד?ק זאק קען מען ניט אנשטאפן (שפר.). ער דולט אים א ספאד?ק. פרילינג הייבט זיך אן א קאכ?ק, רויש?ק

לעבן אויפן ברעג. ער האלט איין האַנט אין בוזעם (ש—ע.). אויף אַ בוידעם שדים וואיען. פון לײדיקע פעסער איז דער ליארעם וואס גרעסער (שפר.). אַז נאַראָנים האָבן ליב זיס, האָבן קלוגע אויסגעטראַכט (שפר.). אַז מען צעטרעט אַ וואָרעם, קרימט ער זיך אויך (שפר.) פון אַ גוטן קאָפּ ביז אַ שלעכטן קאָפּ איז אַ חלוק אַ גראשנדיק ליכטל (שפר.). זיי האָבן גערעדט תרגום־טערקיש גאַר אָן אַנטיק. דאס אַקעגנדיקע נגידישע הויז אַ בכבודיקס אַ ירושהדיקס און אַן אַלטס. אַברהמל האָט איינגעווילינט. מען באַדאַרף ניט קיין גנבֿיש מעסערל. איך שטיי ביי אַ ברונעם אַן אַלטן מיט מאָך. יוסף האָט ווידער אָנגעהויבן זינגען אַ ליד, אַ טרויעריק, רירנדיק ליד און צולעצט האָט זיך גאָט אויף אים דער־באַרימט. פינסטער איז געווען די נאַכט; שרעקליך האָט געהערשט דער שטורעם (פרוג). עטלעכע קי לאָזן אַרויס אַ הייזעריקן, אַ קיִש נאַרישן „מע״ (מ.מ.ס) מיטן בעזעם וועט ער יאָגן און אַ גרויסן בער דערשלאָגן (פרץ). איין צווייגעלע אַז איר פירט דורך צווישן די ליפּן, באַקומט איר אַ פול מויל מיט ווײמפּערלעך, ווײנעקע, שמעקעדיקע, מחיה נפשות! (ש—ע.). שומרים באַוואַכן דעם פּאַלאַץ. עס זיינען דאָ אַ סך ייִדישע דאָקטוירים.

104. טרעפּט די רעטענישן און שרייבט אויף די תשובות:

א) הונדערט ברידער אין אַ מאַמען שטייען געבונדן אַלע צוזאַמען. וואָס איז דאָס?

ב) וואָס איז אונטער אַ פּערענע?

ג) אדם—פון ערד,

אברהם—פון קאַלכאויוון,

יוסף—פאַרברענט.

וואָס איז דאָס?

(פּרט.).

105. אפשר ווייסט איר רעטענישן, שפּריכווערטער, ווערטלעך אדער חכמות, וואָס נעמען זיך דערפון, וואָס אַ טייל קלאַנגען זיינען פאַרטונקלט אין אונדזער אויסשפּראַך? אפשר וועט איר אַליין צוקלערן עפּעס פון דעם מין? (אַ ביישפּיל־דערקלערונג צום § 20).

יוד דער מיטהילכער.

ביישפּילן.

1. יאַנקעלע וויל אַ יעגער זיין. פילאַדעלפיע קעגן ניו־יאָרק איז אַזוי ווי איישישאָק קעגן ווילנע. יא אוזשע דאָברע צעקיימ: יאַק נע בודע וואָדקע — נע בודע סאַכער (ש.—ע.).

יאַרמלקע, יאָדרע, יאָהאַנעס, יורבורג, יענק.

2. יעדער ייד האָט זיין פעקל (שפר.). רופט זיך אָפּ דער קיניג אַחשורוש צו זיין ווייב, אַ קראַנקע ײדענע אַ יאַדישלעווע. יאָסעלע האָט גרויס דרך־ארץ געקראָגן פאַרן צווייטן ייִנגל.

ייד, יידיש, יינגל, יינגער.

אויספיר § 25.

דער אות „י" איז אמאל אן אליינהילכער, אמאל א מיטהילכער, ווייל ער באצייכנט צוויי גאנץ באזונדערע קלאנגען. אנהייב ווארט קענען מיר אויך אמאל האבן „יי": דער ערשטער יוד איז א מיטהילכער, דער צווייטער אן אליינהילכער.

אויפגאבעם.

106 שטרייכלט אונטער דעם יוד דעם מיטהילכער.

דער יאבעדניק בלייבט אָן אַ העמד. זי האָט זיך געיאָגט מיט אייניקע מיידלעך. די יונגע כוחות קומען אָפּ. יעדערער פאַר זיך, גאָט פאַר אַלע. אַ קאַרגער זופט יויך מיט אַ גאָפּל און טרייסלט נאָך אָפּ. יאָקל מיטן פידל, שמערל מיטן באַס שפּילן מיר אַ ליד אויפן מיטן גאַס. אַ יונגער קען שטאַרבן און אַן אַלטער מוז שטאַרבן. ניט קיין בער, ניט קיין שוואַרצע יאַגדעס! האָסט געהערט אַ טענה פון אַ יאַט? ס'האָט אויפגעיווירט דער אַלטער וויין. הערט אים ווי יורקעם הונט. יאַנקעלע איז פריילעכער געוואָרן. זאָל זיין יויזל, זאָל זיין נתן, אַבי אַ חתן. אַזוי קעכלט יודע שבועות צו דער ווייסער סעודה. איז יאַכע ניט קיין כלה! זעט נאָר, ווי עס קוועלט אין אים יעדער בוים און יעדעס בלעטל. איך דערקען גאָרנישט, שרה־יענטע, וואָס דאָס איז. פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן האָט מען די קינדער פראָוויאַנט צוגעשיקט. יונג ביסטו און שיין. וואָס הערט זיך אין קלייט, אין יאַטקע? אין ניו־יאָרק האָט מען פלוצלונג דער־פילט דעם פרילינג. אויס פריק — וויטער אין יאָך! די באָבע יאַכנע האָט אין אַ פרימאָרגן איר פערנע אויסגעשאָקלט. זיי זשע נישט קיין יאָלד! ער באַטראַכט איצט זיין רייכן מאַיאָנטעק. איינעמס שלימזל איז יענעמס מזל. יאָסעלע זיצט אין חדר און לערנט. דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע. פון וואָלוועלע פיש גיסט מען די יויך אַרויס. מיט יאַגדעס געשפּייזט זיך. די מומע יענטע יאָמערט אין קלאָגט.

107. שרייבט איבער און שטרייכלט אונטער די ווערטער מיט די ביידע יודן.

איך קאָן א ייִנגל לעמל, אַ פּייער נישט קיין יונג. יידישער חן איז אומעטום שיין. וואַשט זיך צום עסן דער ייד, מאַכט „המוציא" אויף ברויט, זאָגט צו די יידן, „לחיים!" — לשלום, ר' ייד (מ. ל). אַ ייִנגל אַ שטיפער האָט אַ גוט קעפּל (שפר). אַ סך מוטערס האָבן אין די קינדערוויגעלעך נאָכ־געפירט די ייִנגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך (אַש). ייִנגלעך, מיידלעך שליטלען זיך, גליטשן זיך. סאַר אַ פרייד! פריילעכע יידישע פּנימער, יידישע רייד! (מ. ל.). די גויע מיט דער יידענע האָבן פון זייער יוגנט אָן געלעבט אין שלום (אַש.). נאָטקע — האָט ער אַ קאַפּאָטקע . . . פון אַלטן יידישן פאַסאָן (מרד.). אָן יידישקייט האָט ער זיך מיטן גאַנצן האַרצן געהאַלטן. מיר האָבן אלצדינג באַדאַרפט איינפּאַקן און אוועקגעבן דער יידענע. קיינער ווערט נישט ייִנגער (שפר).

עס שוועבן פאַר מיר דיינע הענדלער — די יידן!\
געבויגענע רוקנס, צעפלאָנטערטע בערד,\
די יידישע מאַמעס, וואָס וואַשן ביים ווייסל,

די פּנימער דאַר און שוואַרץ—גרוי ווי די ערד . . .
די בּאָרוועסע ייִנגלעך מיט כּשרע ציצית,
מיט אויגן פון מזרח . . . אַך! אויגן פול חן! (סעג.).

הוספה.

די צישקלאַנגען.

בּײַשפּילן.

1. ס, ש; ז, זש; צ, טש; שטש.

2. אַ קייט, אַ לאַנגע סטענגעלע פון רויטן ווילדן מאָן און אויף זײַן דינעם שטענגעלע אַ ראָזיקער פּיאָן (נייד.). זיי זײַנען פריש אָט די פּיש! שוין! פון אַ פּוס איז שוין געוואָרן בײַ אים אַ מענטש. און פון אַ מענטש „מענטשעלעך"! עס סטראַשעט דער שווערד. דאָס געשריי פון דער פליג איז אים שרעקלעך, אַז ער ציטערט אַזש. זיי בּלישטשען און זיי לאַכן מיט ווײַסע קלאָרע ציינער.

אַ פּוילישער ייִד האט נעלאַכט פון אַ ליטוואַק: — ווילדע בּרואים! „סאַבּעם נאָכן צאָלנט!" פּע, ווי איר רעדט! אדרבה, זאָגט דאָס קליינע ווערטעלע: „פּיש". זאָגט: „איך האָבּ געקויפט אויף שבת פּיש!"

דער ליטוואַק וויל זיך אַרויסדרייען:

— צו וואָס דאַרף איך זאָגן „פּיס", אַז איך קויף גאָר — פלאָטקעס!

(פּ. וויק).

אויספיר § 26.

די אנגעוויזענע קלאנגען רופט מען צישקלאנגען, ווייל ביים אויסריידן זיי צישט מען אזוי! א סך פון אונז פארבייטן די צישקלאנגען גאר אפט אין ריידן און במילא אויך אין שרייבן, און דאס טאר מען ניט! מען מוז זיין שטארק אפגעהיט אין דעם פרט, מען מוז זיך אויסלערנען זיי ריכטיק ארויסריידן, זיי ריכטיק הערן מיטן אויער און, פארשטייט זיך, ריכטיק איבערגעבן אין שרייבן. אגיט, אויב מען פארבייט איין צישקלאנג מיט דעם אנדערן, ריידן מיר, הייסט דאס, ניט ריכטיק, עס איז אונז אפט שווער צו פארשטיין, מען קען האבן א טעות אין פשט און אונדזער רייד קלינגט אזוי מאדנע, אז אלע לאכן.

אויפגאבעס.

108. געדענקט איר וועגן שׂ און ש? ווייסט איר די מעשה מיט „שבולת"? וואָס הייסט דער אויסדריק: „שטעלן אַ פּינטל אויפן ש"?

109. צייכנט אָן, ווי זעען אויס די ליפּן בּיים אַרויסזאָגן די צישקלאַנגען. מערקט אָן, אין וואָסער מצב עס געפינען זיך די צונג, די ציינער, די ליפּן.

110. שרייבּט איבּער און שטרייכלט אונטער די אותיות, וואָס בּאַצייכענען די צישקלאַנגען. לייענט איבּער פּאַמעלעך און דייטלעך.

מעש, וועש, וויס, קישן, קושן, סדר, סגולה, סאַד, סוף, דינסטאָג, דאָנערשטאָג, ווינטשן, רעשטלעך, שלאַנג, שלאַק, שלאָגן, בענטשן, רייצן, פלייצע, ווייך, וויק, ציטערן, ציבעלע, ראָזינקעס, ראַגאָזשעס, ערשטער, אייבערשטער, אונטערשטער, פּאָדערשטער, שענסטער, שאַרפסטער, שלייפסט, שיסט, שוואַכסטער, שפּאַקולן, שטודירן, באַשיינפּערלעך, פירשט, וואורשט, קרישטאָל, קונץ, טוץ, עקדיש, אָקאָרשט, עיקרשט, דאָרשט, זומפּ, זיפּ, יענץ, מענטש, יידיש, שפּייז, שוויגער, סטאַדע, סלופּ, פּאַשען, טשערעדע, קאָשען, סערפּ, סנאָפּעס, בורטשען, סקריפּען, לויפעניש, פּרצעס, שרייבעניש, וויסטעניש, באַשעפעניש, רוסיש, סקראָבען, שוסטער, שושקען, סאָלדאַט, זעלנער, פּערציק, בלישטשען, טרעשטשען, סאָפּען, סטראַשען, קוויטשען, שמחה, צרה, שבת, טשאָלנט, שלאָפן, סוכות, שבועות, שלמה, שכן, שמעון.

111. דאָ קומט „ס" אָדער „ש"?

ני?ט ווייט ליגט אַ גע?אָ?ענער האָז. ווי?ט זיך מיטן האַנט אַזש פון פנים דעם ווארעמען ?וויי?. אַ גאַנצער בוים מיט פער?קע? ?טייט. עס האָט אים זע?טאָכן ווי מיט טיפע ?פּילקע?. דאָס אייבער?טע קלייד באַדעקט די אונטער?טע לייד. פּאַראַן מענטשן, וואָס ווארטן די אַגרע?ן זאָלן ווערן רויט. אַז מען ?מירט אָן די רעדער, ?קריפּען זיי ניט (שפּר.). דאַרפן זיי פאָרן צום ?מאָליע־מאַכער לערך אַ האַלבע ?עה. עפּע? האָט אים געצויגן צום געפּאָלירטן מע?. פיל ?מייכל און וויניק ?כל. ער טשעפּעט צו צו דער וואָג דאָס אייבער?טע פון ?טייסל. מרגלים, היי?ט עס, ?פירן אוי? דעם אָרט מיט ?פּאַקטיוון. דאָס בע?טע מילכיק? איז דאָך אַ ?טיקל פליי? (שפּר.). וויפיל ?טערן אין הימל, אַזויפיל ווייני?ל ביי מנ?ה דעם רופא אין גאָרטן. לעבן איר ?טייט אַ גאַנץ גרוי?ער פּאַלומע?יק מיט היי?ע ?מעקעדיקע געצוקערטע און געפּעפּערטע פּי? (ש—ע.). מעג?ט פאַר אים טאַנצן ביז ?אַמע ?טעליע.

112. וואָס קומט דאָ: „צ" צי „טש"?

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ! שלאָג שטאַרקער די ?וועקעס, שלאָג גיך! אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ! ניט גלי? פון מיין האַנט זיך ארויס! (ר.). וואָר?עט עפּעס דער גזלן אונטער דער נאָז (פּרץ). קוקן מעג מען, אָבער ניט גלאָ?ן (שפּר.). גאַנ? גוט — קאַ?קע נאָך בעסער (שפּר.). דאָרטן שמעקט מיט ?אַד. יעדער מענ? טאַנ?ט זיך זיין טאַנ? (שפּר.). זיי ?ערטלען די הענט און האַלטן זיי שטענדיק אין הענ?קעס (פּרץ). אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און קרי?ט מיט די ?יין. די ?ונג איז דעם מענ?נס גרעסטער שונא. אַז מען לייגט זיך אָן ווע?ערע, איז נידעריק דער ?וקאָפּן (שפּר.). זי זיצט און זי שעפּ?עט. דאָס טרייבן יונגע פּויערטעס די ?ערעדע אַהיים. און אונטער דעם וועלדל זיך קאַ?עט אַ וואַסער. אַז מען טרעט אויף דער קאָ?ערע, שפּרינגט זי אויף ?וריק (שפּר.). כלא ידע קווע?ט זי מיט דער פליי?ע. העבער קני פאַררוקט די הייזלעך, מיט די רי?קעס לויפן גלייך (קוו.). אין מיטן טאַנ? פלאַ?ט די סטרונע (שפּר.). אַלע קינדער קאַ?ען זיך פון געלעכטער (ש.—ע.). חלילה, ווי פאַלט אייך אויס אַזוינס ?ו זאָגן? עס קווע?ט ניט! עס טאָר ניט קווע?ן, עס הייבט אפילו ניט

אָן צו קווע?ן (מ.מ.ס). און זינגענדיק כל־נדרי אים געניאַנ?עט און געליוולעט (יהואיש). עס האַלט שוין ביי פּאַ?ן זיך (מ.מ.ס). אַז אַ מענ? קומט אַריין אין היי?, הערט ער ניט דעם דונער, זעט ער ניט דעם בליי? (שפּר.). צעקניי?ט פּאַר דער ?ייט דאָס געזיכט. זיפּ?ן און קרעכ?ן ? עברעכן אַ האַלבן גוף פון דעם מענ ? ן (שפּר.). און קוים האָט נאָר אַ יונג באַלאַמו ? עט אויף אַן אויגנבליק, האָט דער קאַנ ? יק געגעבן אַ פּאַל איבערן נאָז. שטעלן אָפּ זיך גרויסע מענ ? ן, זוכן זיך אַן ע ? ה, קענען ניט אין וואַסער שפּרייזן, קווע ? ן מיט דער פליי ? ע. ווילדע קאַ ? קעס דרייען זיך אַרום דעם ?ערעט. נאָר ערגע? אין ווינקל, פאַרשטופּט אין אַ שפּאַרע דאָרט ? ירקעט און ? ירקעט פאַרבאָרגן אַ גריל (אד.). אַז עס העלפט ניט קיין פּאַ ? , מוז מען נעמען די ביי ? (שפּר.). דורך די ? וויגן גייט אַ ? יטער. גייט אַ שעפּ־?עריי אַ זיסע (יהואש). זאָג ניט האָ ? !, ביז דו ביסט ניט אַריבער געשפּרונגען דעם קלאָ ? (שפּר.).

113. וואָס קומט דאָ ? „ז" צי „זש" ?

אין קו?ניע איז טונקל. עס גוואַלד?ען שטיוול. אין ערגעץ האָט אַ ?אַבע לאַנג געקוואַקעט. ס'אַר לאַנגע סטרו?קעס ביי זיי פּאַלט אַרוים! ישראל דער טויבער נעמט אַרוים דאָס ראָ?יקל. דו האָסט געבלאָנד?עט אין וועג. אַז עס איז ניטאָ קיין פליייש, גרי?עט מען די ביינער. דער שניי האָט די סטע?קעס פאַר־שאָטן. אזוי רעדט הערשעלע איין דעם חבר און נעמט פון דער פלודערן־קעשענע אַ פאַר?אַוועטן טשוואַק (מענדעלע). דער סטראָ? האָט גענומען ?וכן. וואַסער אין דיי?ע איז געווען ווינציק. לעבן גוטע געסט פּאָ?יוועט מען זיך אויך. איינמאָל ווינטערצייט איז אַ גרויסע ?אַווערוכע געווען. איך האָב דייטלעך געהערט דאָס ?ומ?ען פון די שויבן. אויף דער פרי?בע פאַר דער וואַנט עסט דער אַרבעטסמאַן זיין ברויט. דו שמירסט אויס אינגאַנצן די עטאַ?ערקע. אַז ראובעלע האָט אָנגעהויבן רייסן אַ גאַנצן ?מוט, האָט שוין משולחן גוט פאַרדראָסן. ס'גרי?עט ווען אין האַרץ אַ מוי?. די באָבע האָט געפּאַשעט מיט הירז? די גענדזלעך מיט די רויטע שנאָבלען. ביי בינען ביי די ?ומיקע אַ ?יסער האָניק שטייט. אַלע ווילן בעסער זיין בלומען און פליגעלעך און קיינער וויל ניט זיין קיין פאַר?מורעטער, פאַרסאַ?עטער שמיד. פּאַט?ע, פּאַט?ע, קיכעלעך, דער טאַטע וועט קויפן שיכעלעך. אין גראָ? ליגן פאַרפלאָנטערט אָפּטמאָל קליינע ?אַבקעלעך. אַ דראָבנער רעגעלע קראָפּעט, ?ימ?עט טאָג און נאַכט. טרינקענדיק גרי?עט ער דעם עמער, די דו?קעס מיט די ווייסע שטאַרקע ציין. ?אָג ?ע אויך נאָכאַמאָל.

114. שטעלט אַריין אַנשטאָט דעם שטריכעלע „שטש".

ווער פּי — עט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? לאַכן מיט יאַ — ערקעס. עס טוט אַ פּלע — ע דאָס וואַסער. הערט נאָר פייפן, הערט נאָר סווי — ען. מען האָט גערא — ינעט לאַטקעס. די באַגנעטן בלי — ען. דער פאַרטעך שעלע — עט ווי אַ בלאַט. טוען זיך די זעלנער אָן אין פּלאַ — ן. די פריער וואַסערדיקע אויגן בלי — ען און די ליפּן שמייכלען. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיין מאַמען ווי אַ קלע —. עס טרע — עט דער מאַסטבוים, דער זעגל

ער · ציטערט. עס הערט זיך אַ פּי — ען פון אַ קינד. זי איז טאַקע אַ יאַ — ערקע — גרין און דאַר. דער טוי האָט געבלי — עט ווי דימענטן. אומעטום האָט מען אים געלויבט און געפּיע — עט. ער איז צו דער מדרגה געקומען האַלטן אַ נאָדל און — אָבן. מען האָט אים געגלעט, געלאַ — עט, איינגערעדט, נאָכגעגעבן אַלע קאַפּריזן ווי אַ משוגען ציטערדיק קינד. זיי שלאָגן אָן מיט אַ פערטל מעל דעם באָר — אויף אָנבייסן. די שפּיצן פון די ביקסן האָבן געגלאַנצט מיט אלע מיני בלי — לעך. ווי אַ פרומער ייד אין שמונה־עשרה דרייט ער פאַרביסן מיטן קאָפּ, די אויגן פאַרמאַכט, די ציין פאַר — עמעט פון ווייטאַג (ווייטער). אַכרים דער באַשטאַנ — יק האָט פון קדמונים געהאַלטן אַ „באַשטאַן", אַ גאָרטן, ביי אונדז אונטערן שטאָט (ש.—ע.).

115. לייענט דורך פאַמעלעך די אויפגאַבעס 111, 112, 113, 114. לייענט דאָס ווייטערדיקע. שרייבט עס איבער.

זעט ער פאַר זיך אַ דייטשל, אָנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פעדער אויפן קאַפּעליושל און אַ גרינעם אויפלאַג אויפן שפּענצער (פרק), די גאַנצע וועלט זאָרגט: די זאָרגט, וואָס די פערל איז צו שיטער, די אַנדערע זאָרגן, וואָס די פערלגריק איז צו ביטער (שפר.). אַז דאָס מזל איז קליין, כאָטש זעץ זיך און וויין (שפר.). ביי אונדז אין ווינשענק האָבן מיר געהאַט אַן אָפטן גאַסט — טשעטשעק דעם קאַפּעלמייסטער (ש—ע.). איך בין טאַקע אַ שעמענעצער. און ווידער אין קאַזמערש! אין מעזשעריטש שטאַרבט קיין עושר ניט (שפר.). אַ פופצן מייל אונטער מעזשיבעזש איז פאַראַן אַ דאָרף, אָנהייבן הייבט זיך אָן דאָס דאָרף מיט אַ קרעטשמע. האָבן די קרעטשמע צוויי שותפים געהאַלטן (פרק). לעפּצן! ווישט אָפּ די נאָז! (ש. — ע.). דער שווערסטער פעלק איז אום ווינטער גרינג; דאָס גרינגסטע העמד איז אום זומער שווער (שפר.). אַ סמיטשיק האָב איך מיר צוגעגרייט נאָך פון לאַנג. אַז די קאַץ וואַשט זיך, וועלן זיין געסט (שפר.). ר' שלמה לינשעצערס פידעלע וויינט אין דער גאַס און עס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַשטייגער (אַש). אלא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פשט אין זאָגן אַ שפּריזינקעלע (ש. — ע.). נאָר צווישען תבואות דאָרטן שמוצערן די גרילן, זומזען, צימבלען און גייען מיט די טאַצען (מענדעלע). זשיוועצע אויף שמירען דעם סמיטשיק האָב איך אַליין געהאַט (ש. — ע.). יצחק לייבוש פרק איז געבאָרען אין שטעטל זאַמאָשץ. פריילעך סווישטשען די וואָראָ־בייטשיקלעך (מענדעלע). ר' מרדכילעס פאַמיליענאָמען איז טשעמערינסקי און ווייטערס — דיוויניזשסקי.

116. וועלכער אות קומט דאָ: דער וואָס אויפן שטריכל אָדער דער וואָס אונטערן שטריכל?

די קאַ{צ/שט} וויי{ס/ש} וואָ{ס/ש} {ז/זש}י נאַ{ס/ש}ט (שפר.). איטלעכער באַ{ז/זש}ונדער אי{ז/זש} געוועזן {ס/ש}טארק באַ{ס/ש}עפטיקט. דער האָט געקווי{צ/טש}עט, גע{ס/ש}ווי{שצ/שטש}עט, געהילכט, גע{ש/ס}שריגן, בי{ז/שז} דער {ס/ש}ם {ס/ש} האָט אונז אָפּגע־{ש/ס}פּרי{צ/שט}ט מיט וואַ{ס/ש}ער און אונדז טאַקע מיאו{ס/ש} אַרוי{ס/ש}געטריבן (מענדעלע).

ס'איז אַ לעבן, אַ פרייד, אַ פליענ[עס/יש], אַ [טש/זש/ז]וו[ז/זש]עניש, אַ געזעגעני[ס/ש], אַ גע-[ש/ס]ווי[צ/שטש/ס]עריי אומעטום (מענדעלע). דער וועג איז געווע[ז/זש]ן אַ בי[ס/ש]עלע [ש]ווער, האָט ער געבלאָנד[ז/שז]עט (מ. ל.). יעדעס, יעדעס בלעטעלע איר[ס/ש] [ש]עפּ[צ/שט]עט [ש/ס]טיל אַ תפילה (איינ). בע[ש/ס]ער אַ פּאַ[ץ/טש] פון אַ חכם איידער אַ קו[ס/ש] פון אַ נאַר (שפּר.). [צ/טש]ווי[ש/ס]ן אלע [ס/ש]ו[ס/ש]טער איז דער בע[ס/ש]טער [ס/ש]ניידער יאָ[ס/ש]ל דער [ש/ס]טאָליער. ער מאַכט אַ היטל, ליגט ע[ש/ס] אויפן קאָפּ ווי אַ הענ[צ/טש]קע. בע[ס/ש]ער אַ פּאַ[צ/טש] איידער אַ פאַל[ס/ש]ער קו[ש/ס] (שפּר.). בע[ס/ש]ער [ז/זש]יך [צ/טש]ו ווינ[צ/טש]ן איידער יענעם צו [ס/ש]עלטן (שפּר.). דער טאַטער האָט פאַרקויפט די קו[ז/זש]ניע און געגעבן אַ [ס/ש]פּיי אויפן [ס/ש]טעטל. איינער בייט אַ קרומען אַלטן [צ/שט]וואַק אויף אַ מע[ס/ש]ענעם קנאָפּ אָן אַן אויערל, דער אַנדערער טוט אַ ווײ[ז/זש] אַ ני[ס/ש]ל מיט אַ [ס/ש]ווי[שן/שטש], און עס געפינען [ז/שז]יך דערויף [צ/טש]ווײ [ס/ש]טאַרקע קונים. יענער מיט אַ גרינער פּאַ[צ/טש]ערקע איז פאַרטיפט אין ע[ס/ש]ק מיט דעם חבר, וואָס באַרימט זיך מיט זיין נאָדלטע[ס/ש]ל און אַ [צ/טש]ינערן אויערלעפּעלע (מענד.). דאָס פערדל דאָרטן אין יענעם וואָגן איז נמאָ[ס/ש] געוואָרן [צ/טש]ו [ס/ש]טיין אַ לאַנגע [צ/טש]ייט אויף איין אָרט גאָרני[ס/ש]ט [צ/טש]ו טאָן, נאָר דרעמלען, מאַכן מיט דער מאָרדע און [ס/ש]אָקלען די אויערן, איז דאָ[ס/ש] זיך מי[ס/ש]ב אפּצו[ס/ש]טעקן אַ ווי[ז/זש]יט אַ פּאָר איינגע-[ס/ש]פּאַנטע אק[ס/ש]לעך, וואָ[ס/ש] טוען זיך וואויל איבער אַ זעקל פּאָלאָווע און צו זיין [ז/זש]ייער גאַסט אויף וועצ[צ/טש]ערע. נאָר ביים גיין פאַרהאַקט זיך די אַק[ס/ש] פון זיין וואָגן אין אַ רעדל פון אַן אַנדער פורל, [ס/ש]יר אומצוואַרפן ע[ס/ש]. יענ[ץ/טש] פערדל דאָרטן, אַרוי[ס/שש]פּרינגענדיק פון די האַלאָבליעס, טרעט אָן אַן אַנדער פערד אויפן פו[ס/ש]. ע[ס/ש] טוט אַ הי[ז/זש]ע און [ס/ש]טעלט זיך דיבאָם. די [צ/טש]יג דער-[ס/ש]רעקט זיך, טוט ניכער אַ [ש/ס]פּרונג און טרעט אָן דעם דאָרפ[ס/ש]הונט אויפן ווײדל. ער [ס/ש]פּרינגט דער[ס/ש]ראָקן אַוועק אויף דריי פּי[ס/ש], הײלנדיק אויף אַ קווי[ץ/טש] מיט אַ [צ/טש]עגגאָרנדיקן [ס/ש]לשלת (מענדעלע).

איבערחזרונג.

אויפגאַבעס.

117. וואָס פעלט דאָ? וועלכע ספקדיקע אותיות דאַרף מען צושטעלן?

גוט ?יז ?ונז ?יצטער ביים פריילי?כן פ?ער ?ין הויז, ביזקל דער נ?פט ?ין דעם שטילינק?ן לעמפ?ל נייט ?וים (מ. ל.). ס'ווילט זיך ?רייען, ווען ?ן רופ?ן ?ון דאָס האַרץ ?יז בגילופ?ן (נייד.). נאַראָנ?ם ?ון קראָפ??וו? וואַקס?ן אָן רעג?ן (שפר.). צ?ווישן פיל הינט ווערט דער האָז טויט (שפר.). בעס?ר אַ קו? פון אַ פריינ? ?יידער אַ קו? פון אַ פיינ? (שפר.). טאָמ?ר גראָד היינט קריכט מען אַר?יף ?ויפן בויד?ם גרעט ?ויסהענגען אָדער די לע?ניעס פארשמי?ן (ש. — ע.). יאָס?לע, וועל?כ?ר האָט געהערט דאָס ?יד?שע וואָרט פון דער שרדהט?, האָט זי אָנגעקוקט פאַרוו?ונדערט — פון וואַנ?ט קען זי ?ידיש (אַש). אַראָ?לאָז?נד?ק די האַנ? אין קעש?נע האָט ער דאָרט?ן געפונ?ן אַ ליימ?ן פייפ?ל (אַנסקי). ?ון זיי גלאָצ?ן אָן פאַרוו?ונד?רט גאָטס צעשפרייט? ווייטע וועל? (נייד.). אַלע ערב פסח האָט ער אים פאַוואָלינק? אַראָפּג?נומ?ן פון דער וואַנט, דורכגעריינ??ט די געדער?ם מיט אַ פלעדערוו?ש, ארויג?נומ?ן פון ?ינעווייני?ק אַ פאַ? שפינוועבס מיט ג?ממיתטע פליג?ן, וואָס שפינ?ן האָב?ן אַ הינצו פאַרנאַרט, פאַרפלאָנטערט און אָ?ג?ריס?ן די קעפל?ך (ש.—ע.). ?ון ער האָט זיך אַזוי צוגעוויינט צו? ?ונדז, אַז ער פלעגט ע??ן פון דער האַנ?. פריער שמעק?ן, באַטראַכט?ן, ?יבערקלייב?ן מיט די ליפצ?ן, ווי ער וואָלט וועמ?דיק?ן אַרב?ס ג?קליב?ן, דערנאָך אַ כאַפּ אַריין פאַר?מורעט מיט ?יין ?יינגל — ?ון ער קייט שוין (סטאַווסקי). משהל?, פון דער נאַטור אַ שעמעד?קער, מיט אַ גוט?ן ווייכ?ן כאַראַקטער, דער?ו נאָך אַ ?לאַפּער, אַ קרענקל?עכער, ד?רשלאָג?ן פון דער ביטערער נויט, ?יז ג?וועז שטענדיק ווי? עפּע?ס פאַרטראַכט ?ון זיך ג?האַלט?ן אָפּג?זונדערט פון ?יטלי?כן (מענדעלע). ראש חודש? נ?י?ן לאָזט מען דעם קאַנ??ק הינטער דעם קי?ן, ראש חודש? אייר נעמט מען דעם קאַנ??ק אַפּיר (שפר.).

118. ווי די פריערדיקע אויפגאַבע.

נאָך דער תפילה שלאָ?ט ער ?יין,
?וגע?דע?ט מיט ?ילבער?יין,
?יינגעווי?ט פון בלעטער־רוי? (אַד.).

?יי שווימ?ן אַרום אי? דער פינסט?ר
?ון קוק?ן אַרויף און אַראָ?,
?ון שלינג?ן די גאָלדענ? שטער?ן,
וואָס ?פיגל?ן אין וואַס?ר זיך אָ? (סעג.).

בענ? דעם עלנט?ן זיין רו,
טריי?ט דעם ?וואַכער?ן און פאַרווי?,
בי? דער מי־טאָ? קערט צוריק!
וו?ויל ?יז דעם, וואָס טראָ?ט און ווייַ?ט —
ער טראָ?ט דער וועלט אַ ביס?ל טריי?ט (פיכמאַן).

קינד?רל?ך, ?וי קינד?רל?ך!
אַ רעג?נד?ל גאָר וו?ונדערל?ך,
שמעקענד?ק? טראָפּ?ל?ך!
אַ רעג?נד?ל איז גאָ?ס געגאָ?,
קומט אַר?ויס און טאַנצט אַראָ?
מיט בלויזע פי? און קעפּ?ל?ך! (פרץ).

צווייטע מדרגה

פשוטער פאַרברייטערטער זאַץ.

זאַגבאַשטימונג אָדער צוגאַב.

ביישפּילן.

1. דער מלך האט געהאַט אַ מלכה.
די מלכה האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן.
דער ווייַנגאָרטן האָט געהאַט אַ בּוים.
דער בּוים האָט געהאַט אַ צווייג.
דער צווייג האָט געהאַט אַ נעסטעלע.
דאָס נעסטעלע האָט געהאַט אַ פֿייגעלע.
דאָס פֿייגעלע האָט געהאַט אַ פֿליגעלע,
דאָס פֿליגעלע האָט געהאַט אַ פֿעדערל. (פֿ. ליד.)

איך ליבּ דעם ווינט, איך ליבּ דעם ים. איינס ווייס איך. בּיי אונדז פֿאַראַן אַ קעצעלע. מיט די פֿליגלען פֿאַטשן הינער. איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. די זון וועט דיר מיט שפּיזן אויסשטעכן די אויגן (בּיאַל.).

אויספֿיר § 27. (זע § 5).

אחוץ דעם זאַכטייל און זאָגטייל געפֿינען מיר אין זאַץ נאָך אַנדערע טיילן, וואָס באַציען זיך צום זאַכטייל אָדער זאָגטייל.

אַזאַ זאַצטייל, וואָס באַציט זיך, באַשטימט גענויער דעם זאָגטייל און ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס: וואָס? וועמען? (אָדער: פֿון וועמען? ביי וועמען? צו וועמען? א. אז. וו. אָדער: מיט וואָס?) הייסט זאַגבאַשטימונג אָדער צוגאַב.

די זאַגבאַשטימונג ווייזט אָן, אויף וואָס פֿאַר אַ זאַך עס גייט איבער די טואונג, וואָס דער זאַכטייל פֿירט אויס. דורך דער זאַגבאַשטימונג ווערט קלאָרער דער זאָגטייל. ווען איך הער: „זי ליבּט", ווייס איך נאָך ניט, וועמען אָדער וואָס זי ליבּט. האָט מען אָבער אַ צוגאַב: דעם ווינט, די מאַמען, זיך צו שפּילן, דאָס צאַצקעלע, דעם ברודער א. אז. וו. — ווערט שוין דער ענין מער באַשטימט און קלאָר.

אויפֿגאַבעס.

119. גיט אַ פּאָר זעלבּשטענדיק־צוגעקלערטע ביישפּילן, וואָס זאָלן פֿאַרמאָגן דריי זאַצטיילן: זאַכטייל, זאָגטייל און צוגאַב.

120. שטעלט צונויף זאַצן פון אָט די ווערטער:

הימל, טרערן, גיסן; זון, ערד, דערוואַרמען; פאַרבייטן, נאַכט, טאָג; טשערעדע, פויערטע, טרייבן; מענדעלע מוכר ספרים, „דאָס קעלבל“, אויפֿשרייבן.

121. קלערט צו און שרייבט אויף אַזוינע זאַצן, וואו די ווייטערדיקע ווערטער זאָלן דאָרטן זיין זאָגבאַשטימונגען:

דעם פאָטער, דאָס קערנדל, ביים זיידען, צום חבר, מיט העק, די בלאָטעס; מיט שטיינער, פויער, ריוח.

122. אויף וואָסערע פראַגעס ענטפערט די זאָגבאַשטימונג?

1. מיר זינגען לידער. דער בער כאַפט דעם שובניק. מיר ווייסן די וועגן. גרונם גלעט די באָרד. די ערד זאַפט איין די טראָפן. אַ טרוים באַוועגט די ליפעלעך. און גרונם לייגט ניט צו אַ האַנט. די גרעזער בייגן איין די קעפ. איך קוק דאָס אָן. וועט ער שיקן בריוועלעך. אַ זאָק שטריקט די באָבע. וועגט האָבן אויערן. גאַסן האָבן אויגן. איין שוואַלב קען קיין זומער ניט מאַכן. זי וועט דעם ווינט פאַרקלאָגן. וויל זי לינדערן די נויט, טיילט זי פרוכטן, טיילט זי ברויט. ר׳ ניסן שטייט און וויגט אַ קינד. מיר דאַרפן וואַרעמקייט און ליכט!

2. איך וויל אַ בריוועלע איר שרייבן. ביי אונדז איז דאָ אָרט פאַר אַלעמען. מיר שניידן, מיר שניידן פאַר אַנדערע ברויט. פלעכט איך דיר אַ קראַנץ. ביי דער מאַמען טוט ניט וויי דער קאָפּ. פון ברודער האָבן מיר באַקומען אַ בריוו. שפרייט איך מיר אַ זעגל אויס, בלאָזט אים אויף דער ווינט (נאמ.) ער האָט צעבראָכן די מעסער, די העק, געריסן האָט ער מיט די ציינער (מ. ל.) סע שרייבט די זון אַ בריוועלע דער מאַמע־ערד אַראָפּ (דאבר.)

123. אפשר קענט איר דערגיין, וואָסער חילוק עס איז פאַראַן צווישן די זאָגבאַשטימונגען און די ביישפּילן 1) פון 122־טער אויפגאַבע ביז אַ טייל זאָגבאַשטימונגען אין די ביישפּילן 2) פון דערזעלביקער אויפגאַבע? זיינען דאָס אפשר צוויי מינים זאָגבאַשטימונגען? זאָלן מיר גאָר געפינען באַזונדערע נעמען פאַר ביידע מינים זאָגבאַשטימונגען!

זאַכבאַשטימונג.

ביישפּילן.

1. ער קומט דער שיינער מאַי. ס׳קומט אַ ווינט אַ קאַלטער. עס שטראַלט דער סאָד דער דופטיקער. הונדערט העלדן וואַכן. און זיין קעפל איז צעשויבערט און די אויגן זיינע גלאַנצן. דעם רביס ציג מעג. שיינע, קליינע קינדער זינגען. דאָס פיסל פון דעם טיש איז צעבראָכן.

2. די שיף שפאַלט דאָס פינסטערע וואַסער (יהואש). אַ האַלבער אמת אַ גאַנצער ליגן (שפר.). יעדער שטעקן האָט צוויי עקן (שפר.). ער לייגט צו דער באָבעס ירושה (ווערטל). אַ לערנערס טאָכטער בין איך דאָך (פ. ליד).

אויספיר § 28.

די אונטערגעשטריכענע זאצטיילן באשטימען, דערקלערן, באציען זיך צום זאכטייל (ביישפ. 1) אדער בכלל צו א זאך (צום זאגווארט, צו דער זאגבאשטימונג, צו אן אנדער זאצטייל — נאר אלץ אבער צו א זאכווארט!) (ביישפ. 2).

אזא זאץ־טייל, וואס באשטימט דעם זאכטייל אדער א זאך בכלל און ענטפערט אויף די פראגעס: וואסער? וועלכער? וועמעס? וויפיל? — הייסט די זאכבאשטימונג אדער פשוט די באשטימונג.

אויפגאַבעס.

124. קלערט צו און שרייבט אויף אַ פּאָר זאַצן, וואָס יעדערער פון זיי זאָל באַשטיין פון דריי טיילן: זאַכטייל, זאָגטייל און זאַכבאַשטימונג.

125. שטעלט צונויף אַזוינע זאַצן, אַז די ווייטערדיקע ווערטער זאָלן זיין אין זיי זאַכבאַשטימונגען:

זיין, אונדזערע, דעם פּאָטערס, משה־לייבס, אָן צוקער, אַ לוסטיקער, פון שילער־קלוב. פון דער שוואַלב, זיבן, דער אַכציקסטער, צרותדיקער, יום־טובדיק, שווימען, אירע.

126. געפינט דאָ די זאַכבאַשטימונג. אויף וואָסערע פראַגעס ענטפערט זי?

עס ענדיקט זיך דער שיינער טאָג. עס שמעקן פרישע בלימעלעך. עס יובלען יונגע שטימעלעך. געלע בלעטער וואַלגערן זיך אום. שדים פליען ווייסע. עס קוקן צווייגן נאַקעטע. עס קומט דער שיינער טאג. אַ קראַנקער שניידער זיצט און נייט. עס עפענען זיך די יידישע געוועלבער. שטאָלצע אָדלערס פליען. עס שמייכלען די גאָלדענע שטערן. עס פלאַמען מיינע בעקעלעך. גאָטס וועלטל גלאַנצט. ברויזן פינסטערע געזאַנגען. דאָס אַלטע גליק דערוואַכט. עס קומען די טאַטעס די שטרענגע, די שטילע. שטומע שטיינער וועלן שאַלן. די לעצטע בלעטער פאַלן אָפּ. ס׳יאָגן שוואַרצע וואָלקן. אַ פרעמדער פעלק וואַרעמט ניט. שיין איז רייזעלע דעם שוחטס. בייזע ווינטן יאָגן.

127. שטעלט צונויף זאַצן מיט די פיר זאַצטיילן: זאַכטייל, זאָגטייל, זאַכבאַשטימונג, זאָגבאַשטימונג.

128. געפינט דאָ די זאַכבאַשטימונגען. צו וואָסערע זאַכטיילן באַציען זיי זיך?

שיינע קרוינען טראָגן זיי, ווייסע פליגלען האָבן זיי (מ. ל.) דער האַרבסט האָט די אויגן די מידע פאַרמאַכט (טייטש).ביידע הענטלעך גיב איך דיר. איטלעכס ווערטל האָט זיך זיין ערטל (שפּר.). די אויגן פאַרמאָגן צוויי פינטעלעך (ביאַל.). און די גרויסע אַלטע ביימער שאָקלען מיט די גרינע בלעטער (פרוג). שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויס אַ לאַנגן און אַ ברייטן (נאָמב.). זיי האָבן געטרונקען דעם טייערסטן וויין, די בעסטע מאַכלים געגעסן (מ. ל.). זי האָט צוויי בלויע אייגעלעך און ברעמען לאַנגע, איידעלע (נייד.). און די זאַפּטיק־פולע צווייגלעך ציען צו די בלויע הימלען (אד.). דער לעצטער שטראַל יהודהס דונקלט און פאַרגייט (וואלט). איטלעכער מאָרגן ברענגט זיינע זאָרגן (שפּר.). איך וועל אייך שענקען מיין נשמה (ביאַל.). ער האָט אַלע טייכלעך מיט זילבער באַצויגן (סעג.). ער געדענקט דאָס ליבע קינד. ער געדענקט די טויטע דבורה

(פרוג). אַשור שיקט זיין גאַנצע מאַכט. זי גענימט ניט פון איר גוטס. גאָט באַשערט דעם טרינקער זיין ווײַן און דעם שפּינער זיין פלאַקס (שפּר.) פּאָטערס און מוטערס בּרכה בּרענגען דעם קינד הצלחה (שפּר.). איטלעכס קינד ווערט געבּאָרן מיט זיין מזל (שפּר.). אַ גוט וואָרט בּרענגט אַ גוטן ענטפער (שפּר.) אַלע משוגעים שלאָגן יענעם די פענסטער (שפּר.). אַ פוילער שליח געפינט אַלע תירוצים (שפּר). דאָס אויבּערשטע קלייד פאַרדעקט אַלע לייד (שפּר.). און דער פייף פון דעם יינגל האָט דורכגעהאַקט אַלע הימלען (אַנסקי).

129. אפשר איז פאַראַן עפּעס אַ חילוק צווישן די זאַכבּאַשטימונגען, וואָס ענטפערן אויף דער פראַגע „ו ו אָ ס ע ר ?“ און די זאַכבּאַשטימונגען, וואָס ענטפערן אויף דער פראַגע „ו ו ע מ ע ס ?“

אַ ח ת ו נ ה.

130. אַ חתונה, אַ חתונה
איז היינט בּיי אונדזער הויז!
די כּלה די געלאַסענע —
דאָס איז די שיינע רויז.
אַ שמעטערלינג אַ לופטיקער —
דאָס איז דער חתן היינט!
עס שטראַלט דער סאַד דער דופטיקער,
פין זומער־זון בּאַשיינט.
און לעבּן פאַר דער גליקלעכער,
וואָס שטייט זיך נאָנט געפּרעסט,
איז פול אַ ווינקל איטלעכער
מיט אויסגעפּוצטע געסט:
דער כּלהס שוועסטער שיינינקע —
די רויזן ווייס און ראָז,
און מאַרגאַריטקעס קליינינקע,
וואָס בּלייבּן זיך אין גראָז;
און לאַנדישן מיט בּעכערלעך
מיט ריינע ווי קרישטאָל,
בּאַשיצט פין גרינע פעכערלעך,
פון בּלעטער אָן אַ צאָל...
אַ קייט, אַ לאַנגע סטענגעלע
פון רויטן ווילדן מאָן,
און אויף זיין דינעם שטענגעלע —
אַ ראָזיקער פּיאָן.
מאַכלים זיינען פּאַרטיקע
אין גאָרטן שוין צעשטעלט;
אַ משקה אַ גרויסאַרטיקע
איז אויך דאָ ניט פאַרפעלט:
בּיי בּינען בּיי די זשומיקע
אַ זיסער האָניק שטייט,
און אין די כּוסות בּלומיקע
אַ דופטן־ווײַן איז גרייט...
פון בּעזן־בּלעטער גרינינקע
די חופּה איז געשפּינט,
אַ ליוטערע, אַ דינינקע,
צעווויגט פין לייכטן ווינט...
(לייב ניידוס)

ארטבּאַשטימונג.

בּ יי ש פּ י ל ן.

א ו י פ ן פ ע ל ד ווייט אַ קעלט. פאָרן מחותנים א י בּ ע ר אַלע גאַסן. די פייגעלעך זינגען א י ן ו ו אַ ל ד א ו ן א י ן ט אָ ל. זי איז געקומען ק י י ן י ר ו ש ל י ם. ער האָט געלאָזט זיך צופּוס פון יאַריד. ער וויל בּעסער פאָרן פ ו ן ו ו י ן ג ל י י ך ק י י ן ל אָ נ ד אָ ן. יונגע נשמות רייסן זיך — וו א ו ה י ן ?...

אין דרויסן! צו דער ליכט! צום פענסטער! צום פענסטער!
(ש. ע.).

איז געפלויגן די גאָלדענע פאַווע איבער אַלע פעלדער.
האָט זי פאַרלאָרן די גאָלדענע פעדער אין די פרעמדע לענדער.

אויספיר § 29.

די טואונג מוז פארקומען ערגעץ־וואו, עס מוז זיין אן ארט וואו די טואונג קומט פאר. אזא זאצטייל, וואס באשטימט דעם ארט פון דעם טואונג, מוז זיך באציען צו א צייטווארט.

א זאצטייל, וואס באשטימט דעם ארט פון דער טואונג און ענטפערט אויף די פראגעס: וואו? וואוהין? פון וואנעט? — הייסט ארטבאשטימונג.

אויפגאַבעס.

131. דערקלערט מיר, וואָס הייסט עס: „די אָרטבאַשטימונג באַגרענעצט די טואונג"?

132. שטעלט צונויף זאַצן מיט אָרטבאַשטימונגען.

133. שטעלט צונויף אַזוינע זאַצן, אז די ווייטערדיקע ווערטער זאָלן זיין דאָרטן אָרטבאַשטימונגען.

אין הימל, פון בערדיטשעוו, ביים עמוד, אויף דער פריזבע, קיין ניו־יאָרק, אויף דעם בוים, אין האַרצן, פון קוימען, הינטער די הרי חושך.

134. געפינט דאָ די אָרטבאַשטימונג. אויף וואָסער פראַגע ענטפערט זי?

שטייט אַ ביימעלע אין וואַלד. דבורה זיצט ביים טיש. גאָלד לייכט פון בלאָטע אַרויס. פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען. גייען מיידלעך פון פאַבריק אַרויס. טרערן גיסן זיך אין די גאַסן. אויפן פריפעטשאָק ברענט אַ פייערל. אויפן דעכל ליגט אַ קעצל. בין איך געפאָרן קיין אָדעס. אַ וועווערקע איז אין אַ ראָד געזעסן. שאָטנס ליגן אויף די פעלדער. אין וואַלד האָט אַ שטורעם געוויטערט. איך גיי אויף דעם וועג. איך שטיף אין אונדזער גערטעלע. איך שטיי ביי זיין געלעגערל. עס פאַשעט זיך ניט ווייט אַ קו. די אַלטיטשקע זיצט ביי דעם לעמפעלע. פיש אין וואַסער וועלן זינגען. אַלטוואַרג קלייבט זיך פאַר די הייזער. איך לויף פון אייך. פון סיביריען שיקט דער טאַטע דיר אַ גרוס. פאַלן מיר אין ים אַריין. די זון גיסט אַרונטער אירע ליבע שטראַלן אויף די פעלדער, אויף די בערג און גרינע טאָלן, אויף די שיינע, אויף די יונגע בלומען־קנאָספן. איז געפלויגן די גאָלדענע פאַווע איבערן טייך דעם גלאַטן. איר געפינט זיך אין וואַרשעווער יידישן שפיטאָל.

135. קלערט צו אַ זאַך מיט אַלע זאַצטיילן, וואָס מיר קענען זיי שוין: זאַצטייל, זאָגטייל, זאַכבאַשטימונג, זאָגבאַשטימונג, אָרטבאַשטימונג.

136. טרעפט די ווייטערדיקע רעטענישן:

א) אין וואַסער ווערט דאָס געבאָרן,
אין וואַסער ווערט דאָס פאַרלאָרן.

ב) אין פייער ווערט דאָס געבאָרן,
אין פייער ווערט דאָס פאַרלאָרן (פרט).

ג) וואו מאָלט מען מעל? („גר. ביימ.").

137. גענוג געקלעטערט
אויף די בוימער,
יענקעלע מיין קינד!
גענוג געקייקלט
זיך אין גערטל —
אין חדר שוין, געשווינד!
גענוג געפליושקעט
זיך אין טייכל,
יענקעלע מיין זון!...
גענוג געשטיפט שוין
אין די קוסטעס,
ווי איז מיר און ווינד!...
גענוג געקוקט שוין
אויף די שטערן
אין אַ זומער נאַכט,
אָט נעם דעם סידור,
גיי אין חדר,
פאַר אַ תכלית טראַכט! (אַדלער).

צייטבאַשטימונג.

ביישפילן.

אַמאָל איז געווען אַ מעשה (פ. ליד.). נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים (מ. ר.). איך האָב ליב אַ שיף נאָך פון קינדווייז אויף (ר.) ער טראָגט זי פון דער חופה אָן, שבת, יום־טוב, אומדערוואָכן (מרד.). אַ נאַכט אַ גאַנצע טרוימען זיי פון בלומען און פון פייגעלעך (נייד.). זיי זיינען אַוועק אין אַ פינסטערע צייט, אין שווערע, אין ביטערע יאָרן (פרוג).

אויספיר § 30. (זע § 13).

די טואונג קומט שטענדיק פאר אין א געוויסער צייט. בעת מען דערציילט מיר וועגן עפעס א טואונג, קען איך אלעמאל שטעלן די פראגע: ווען איז זי פארגעקומען? ווי לאנג איז זי פארגעקומען? די צייט, וואס אין איר שטייט דאס צייטווארט, זאגט מיר שוין עפעס וועגן דעם, אבער נאך זייער ווייניק און אומקלאר. למשל, אז דאס צייטווארט שטייט אין דער פארגאנגענער צייט, ווייס איך, אז די טואונג איז פארגעקומען, איידער איך רייד וועגן איר. אבער טאקע ווען, און ווי לאנג האט עס געדויערט — דאס ווייס איך נאך ניט. דערצו מוז איך האבן א באזונדער זאצטייל.

א זאצטייל, וואס באשטימט די צייט פון דער טואונג און ענטפערט אויף די פראגעס: ווען? ווי לאנג? — הייסט צייטבאשטימונג.

אויפגאַבעס.

138. צי קען זיך די צייטבאַשטימונג באַציען צו אַ זאַכוואָרט? און צו אַ זאַכטייל קען זיך עס יא באַציען?

139. שטעלט צונויף זאַצן, וואָס יעדערער פון זיי זאָל באַשטיין נאָר פון דריי זאַצטיילן: זאַצטייל, זאָגטייל און צייטבאַשטימונג.

140. שטעלט צונויף אַזוינע זאַצן, אַז די ווייטערדיקע ווערטער זאָלן זיין אין זיי צייטבאַשטימונגען:

שבועות, מיט טאָגלעך, פון פאַר־אַכט־טאָגן, אויף דער עלטער, פרי, פרייטאָג־צו־נאַכט, נאָך הבדלה, דעם האַרבסט, אַ חודש, שפּעטער, תּיכּף ומיד.

141. וואו איז דאָ די צייטבאַשטימונג? אויף וואָסער פראַגע ענטפערט זי?

ווינטער בלאָזט דער ווינט. שטערנדלעך פינקלען ביינאַכט. איצטער שלאָפט דער רויטער האָן. דער שלאָפער איז אַלעמאָל דער זינדער. שטענדיק שטענדיק שיינען מיר. די נאָדל רודערט טאָג און נאַכט. ער דאַרף ישבענען אַ גאַנצן ווינטער. ס'רוט די גאַנצע וועלט אַצינד. איך ברענג דיר מאָרגן ניסעלעך. שבת גייט יאָסל אַוועק נאָך וואַרימעס. ער האָט אין דעם זומער פיל הייזער געבויט. אייביק איז זי נאַס, אַפילו זומער. ער האָט געאַרבעט טעג כּסדר. דאָרט ביינאַכט באַווייזט זיך מאַניש. יידן דאַרפן יום־טוב גרינס. גיט מען מיר דאָס ביקסעלע אויף פינף יאָר כּסדר (פ. ליד). זיין בויגן גילט איצט נאָך ווי אַמאָל. און ערשט דעמאָלט שטילט זיך דער ווינט. ער חלומט פון דעם פרילינג אין די קאַלטע נעכט. זומער אוונט אינדערפרי איז אַ שניי געגאַנגען („גר ביים.”). די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרוים און לאָזט מיך שפּעט צוריק (מ. ר.). ער וויל די זיבן גוטע יאָר תּוך כּדי דיבור (פּרץ). אַלע דריי זעען פאַר זיך אַלע טאָג איינס און דאָסזעלביקע. מיר וואַרטן אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה. ער דאַוונט שוין ניט פאַרן עמוד פון שמחת־תּורה אָן. הושענא־רבּה אויפדערנאַכט און שבועות אויפדערנאַכט שפּאַלט זיך דער הימל (ש.—ע.).

142. שרייבט אויף אַ זאַק, וואָס זאָל פאַרמאָגן: דעם זאַכטייל, דעם זאָג־טייל, זאַך־און זאָגבאַשטימונגען, צייט־ און אָרט־באַשטימונגען.

143. טרעפט די רעטענישן:

א) זומער טוט ער אָן דעם פעלץ, ווינטער טוט ער אויס דעם פעלץ.

ב) ווער קומט אַלעמאָל צו פרי?

ג) ווער קומט אַלעמאָל צו שפּעט?

ד) ווען זיינען קרעפּלעך געשמאַק? (פּרט.)

ה) ווען האָבן אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט געהערט דאָס קרייען פון איין האָן?

144. וואו איז דאָ דאָס זאַכוואָרט? די צייט־באַשטימונגען?

זונטאָג—בולבע,
מאָנטאָג—בולבע,
דינסטאָג—בולבע,
מיטוואָך—בולבע,
דאָנערשטאָג און פרייטאָג—בולבע,
שבת אויף אַ נאָווענע אַ קוגעלע פון בולבע,
זונטאָג—ווייטער בולבע! (פ. ליד).

145. שטרייכלט אונטער מיט איין שטריכעלע די אָרט־באַשטימונגען און מיט צוויי — די צייט־באַשטימונגען.

איך בין נאָך קיינמאָל ביים ים ניט געווען. עס שלייכט צו אַ שטאָט ביינאַכט די שווערד (פרק). אויף די פעלדער ליגט שוין רו. נאָך ביינאַכט פון שטוב צו שטוב גייט און קלאַפּט דער אַלטער שמש (פרוג). אין דעם הייזל זיצט אַ משפּחה פון יאָרן לאַנג (אַש). אויף די גרינע צווייגעלעך שלאָפן שוין די פייגעלעך (פרק). אָט שטעלט שוין די מלכּה אירע טריט אויפן שטאַפּל דעם ערשטן (טייטש.). אין אַן אלול־נאַכט אַ ווייסע איז זי שפּעט אַהיים געגאַנגען. וואָלקנס שוועבן אויף דעם אָפּגרונט. שווער אין שטורעם איז דאָס שווימען (פרוג). דאָס גאַנצע הויזגעזינד דעם אַרענדאַרס איז אַצינד אין דרויסן (מ.מ.ס.) פון דאָרטן גייט זי אויף אַ גאַנצן טאָג אין פעלד אַריין (מ.מ.ס.) דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפן זיך באַהאַלטן אין וועלדער און אין היילן און אין פעלזן־שפּאַלטן (וואַלט.).

כ׳וואוין דאָרט אויף דער סמאָטשע־גאַס
אין אַ קעלער — פייכט און נאַס.
מיט אַ גרויס געזינט!
זומער קומט דאָרט נישט אַריין
פון דער ליבער זון קיין שיין,
ווינטער בלאָזט דער ווינט.
איך גיי מיין גאַנצן לעבן אום... (ר.).

און פאַזע די ברעגעס צעוואָרפענע שטייען
די אָרימע הייזלעך, געדעקטע מיט שטרוי;
און ס׳קוקט מיט אַ נאָגנדן טרויער אין וואַסער
פון אויבן דער הימל, פאַרוואָלקנט און גרוי.
און ס׳אַרבעט דער פויער פון סאַמע באַגינען
אין פּרוכטלויזן פעלד, אויף די טרוקענע זעמד.
בילדער פון ליטע, דער אָרימער היימאַט,
ווי לעבעדיק שטייט איר פאַר מיר אין דער פרעמד (טייטש).

שטייגערבאַשטימונג.

ביישפּילן.

גיי איך פּאַמעלעך — זאָגט זי איך קריך! גיי איך גיך — זי רייסט די שיך!
און ווי אַזוי פליט די באַן! און ווי אַזוי קלאַפּן די רעדער!
דריימאָל קרייט דער רויטער האָן. די גרעזעלעך בליען אין פעלד אַלע
גלייך. היינט איז טאָג אויף לינקער זייט ברוגז אויפגעשטאַנען.
ווי פלינק, ווי עלאַסטיש די עלטערן שניידן,
ווי קונציק די קינדער פאַרבינדן אַ סנאָפּ (סעג.).

אויספיר § 31.

אחוץ די פראגעס: „וואו קומט פאר די טואונג?“ און „ווען קומט פאר די טואונג? — קען נאך געשטעלט ווערן די פראגע: „ווי אזוי קומט די טואונג פאר? אויף וואסער אופן, אויף וואסער שטייגער ווערט זי דורכגעפירט? למשל, אז איך זאג נאר „איך גיי“ און דערענדיק ניט, ווי איך גיי, קאן געמאלט זיין, אז איך גיי גיך אדער פאמעלעך, שפרינגענדיק און טאנצנדיק אדער סטאטעטשנע, ארענטלעך, מעשה שטאט־באלעבאס, איך גיי צום ערשטן מאל אדער אפשר גיי איך גאר, ווי א נאר, צוויי מאל א. אז. וו. הייסט עס, אז צו דער טואונג פאדערט זיך נאך א ווארט, וואס זאל מיר באשטימען דעם שטייגער פון דער טואונג, און ערשט יעמאלט ווערט פאר מיר די טואונג בעצם קלארער.

א זאצגליד, וואס ווייזט אן אויף דעם שטייגער, ווי אזוי די טואונג ווערט דורכגעפירט, און ענטפערט אויף די פראגעס: ווי? ווי אזוי? אויף וואסער שטייגער? (אויך וויפיל מאל?) — הייסט שטייגערבאשטימונג.

אויפגאַבעס.

146. צי קען מען זאָגן, אַז די שטייגערבאַשטימונג באַגרענעצט די טואונג?

147. שטעלט צונויף אַ פּאָר זאַצן, וואו אַחוץ זאַכטייל און זאָגטייל זאָלן אויך זיין שטייגער־באַשטימונגען.

148. שטעלט צונויף אַזוינע זאַצן, אַז די ווייטערדיקע ווערטער זאָלן זיין אין זיי שטייגער־באַשטימונגען.

רואיק, ציכטיק, על־פּי יושר, אין איילעניש, מיט רחמנות, זיבן מאָל, צופּוס, ווי אַ פּייגעלע, שלאָפנדיק, פאַרכמאַרעט, ווי די וואַנט, פאַרטרויערט.

149. וואו איז דאָ די שטייגערבאַשטימונג? אויף וואָסער פראַגע ענטפערט זי:

ליכטיק שיינט דער אָוונטשטערן. איך טרעף אים תמיד שלאָפנדיק. דאָך רואיק קוקט דער גרייז. אַלע זיינען גלייך. דאָס קינד האָט וויינענדיק צוגעהאָלפן. גלייך און געלאַסן קלינגט ער. ער טראָגט זיך האַסטיק, ווילד. איצט וואַקסן דערנער אָן אַ צאָל. און ער גראָבט אַלץ טיפער. דער תלין בלייבט דערשטוינט. פאַרוואונדערט בלייבט דער פיינד (וואלט.). וואונדער טוט ער אָן אַ צאָל. די מאַמע איז געווען בלאָס ווי די וואַנט. דער ברודער איז, פאַרקערט, געווען רויט ווי פייער (ש.—ע.). גייט ער שוין צוריקוועגס צופוס אָן אַ ניגון. שטיל און רואיק שלאָפט דער שמש. ס׳שפּאַנט דאָס פערדל טריט ביי טריט. אַלע שטייען אָן לשון און ציטערן ווי די לעמעלעך. די מאַמע האָט מיך געהאָדעוועט אויף טייטלען און פייגן. דער פראָסט ווערט גרעסער. דיך בעט מיט טרערן און מיט שרעק דיין טרייע, ליבע מוטער (פ.—ליד.). און ווילד און ווילדער אַלץ דעם זיגערס כעס ברענט (וואלט.). וויינשל בלינצלען עפּעס ממזרש, גנבהש, ווי מיט אויגן (ביאַל.).

שפּילנדיק קרייזלט דער נאַכטווינט די גראָזן.
ס׳וויגן די ווערבעס פאַרשלאָפן דעם קאָפּ (יהואש).
און ס׳צעזינגען זיך מאַשינען
שטאַרק און טרויעריק צוזאַמען (קול.).
איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים
אין פינסטערניש געהילט;

מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.
ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט... (מ. ר.).

150. קלערט צו אַ זאַך מיט אָרטבאַשטימונג, צייטבאַשטימונג און שטיי־גערבאַשטימונג.

151. טרעפט די רעטענישן:

א) ער פליט אָן פליגל,
ער מויערט אָן ציגל,
ער לייגט זיך ווי אַ האַר,
ער שטייט אויף ווי אַ נאַר.
ב) הויך ווי אַ מויער,
גראָב ווי אַ פויער,
זיס ווי צוקער,
ביטער ווי גאַל (פרט).

152. די בין.

פון איר קליינעם קעמערל
זשומענדיק אַ זמרל
קומט אַרויס די גאָלדענע
רירעוודיקע בין.
זעט זי וואו אַ בלעטעלע,
שפּירט זי וואו אַ קוויטעלע,
שפּרייטנדיק די פליגעלעך
לאָזט זי זיך אַהין.
שמעקנדיק און זוכנדיק,
לעקנדיק און ניוכענדיק
אונטער יעדן גרעזעלע,
אונטער יעדן בלאַט
נעמט זי נאָר, וואָס וויכטיק איז... (יהואש).

אַ ווינטערנאַכט.

ווייס באַצויגן איז די וועלט
מיילנווייז אַרום.
איינגעפראָרן אין דער קעלט
ליגט די גענגנט שטום.
דער לבנהס ערנסט בילד
בלייך און רואיק שטראַלט.
און די שטערן פינקלען מילד,
פראָסטיק־זיס און קאַלט.
און פאַרדעקט מיט בלויעם ליכט

גלאַנצט דער האַרטער שניי.
און עס גלימצערן געדיכט
פונקען אַלערליי.
שליטנס קומען פון דער ווייט
ווי פון טרוימלאַנד אָן.
דורך דער קאַלטער רואיקייט
הילכט דער גלאָקנטאָן (יהואש).

צילבאַשטימונג.

נאָך צווייגעלעך גייט! בוי איך מיר אַ שיפעלע צו פאָרן איבער ימען (נאָמ.). דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען, קויפן ראָזינקעס מיט מאַנדעלן (פ. ליד). מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט (אַנסקי). די מאַמע איז אַוועק אין שול איר האַרץ דאָרט אויסצוגיסן (יהואש). און איך לויף אויף גאָטס באַראָט טאַנצן מיט אַ שטראַל אין בלאָטע (ביאַל.).

אויספיר § 32.

לאמיר זאגן, אז איך האב שוין אויסדערציילט, וואוהין איך גיי, ווען איך גיי און ווי אזוי גיי איך, בלייבט נאך די פראגע: צו וואס גיי איך? צוליב וואס? צי האט דאס גיין מיינס עפעס א ציל, א כוונה, א מיין? אדער אפשר האט עס גאר קיין זינען ניט, ס'איז סתם אין דער וועלט אריין א גיין, אן א תכלית, אן א ציל. אזוי איז אויך מיט יעדער טואונג, זי קען האבן א ציל, וואס צוליב אים ווערט זי דורכגעפירט. בכן, פעלט אונדז נאך א זאצטייל, וואס זאל אונדז באשטימען דעם ציל.

א זאצטייל, וואס באשטימט דעם ציל פון א טואונג און ענטפערט אויף די פראגעס: צוליב וואס? צו וואס? צוליב וואסער ציל? — הייסט צילבאשטימונג.

אויפגאַבעס.

153. צילבאַשטימונג באַגרענעצט אויך די טואונג? ווי אַזוי?

154. שטעלט צונויף זאַצן, וואו אַחוץ זאַכטייל און זאָגטייל זאָלן אויך זיין צילבאַשטימונגען.

155. קלערט צו און שרייבט אויף אַזוינע זאַצן, אַז די ווייטערדיקע ווערטער זאָלן זיין אין זיי צילבאַשטימונגען.

לערנען, זיך וואַשן, נאָך העפטן, קלייבן, צום משפט, צוגאַסט, כאַפּן, אויף צרות, פרעגן, נאָך אַ נדבה, נאָך ניס, צו פאַרבעסערן זיך.

156. שטרייכלט אונטער די צילבאַשטימונגען.

ער גייט טאָן אַ מצווה (פרק). איז אַוועק צום קריג דער מלך. איך גיי מיט דעם טאַטן צו סליחות אין שול. דריי פישער פאָרן צום פישן אַרויס. ער איז אויפגעשטאַנען פאַרברענען דאָס חמץ. ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. עס קומען מענטשען געבן אַרבעט. זי האָט נאָר פון געלט אויף שכר־למוד גענומען. דאָס טויג אויף כפרות. ער לויפט זוכן דעם נעכטיקן טאָג. דאָס גייען מיר צום קיניג אַחשורוש צו דער סעודה. איך האָב אייך

אָנגעקליבן ניט מיט אייך צו שפּילן זיך (סעג.). ער האַלט אָפּן דאָס מויל צו כאַפּן יעדעס וואָרט (פּרץ). דער עולם איז פון אַלע קלייזלעך אים געלאָפן הערן. האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ סטאַנציע כאַפּן אַ טרונק. אַ קאַץ האָט זיך געזעצט אויסמעלקן די פליגן (גר. ביים.). יעדער נאַר האָט שׂכל פאַר זיך (שפּר.). זומער בייטאָג פלעגט ער פירן ווייסע חברה באָדן זיך אין טײַך (מ. מ. ס.). זיי שאַפן פּראָדוקטן און שאַפן דעם רײַכטום צום מענטש־לעכן נוצן. דער גבאי שיקט דעם שמש שנעל די סבה צו דערוויסן. צוליב מיר אַליין האָט זיך צענומען די שמעקעדיקע רויז. זי איז געמאַכט געוואָרן פון אונדזערטוועגן, פאַר עמיגראַנטן. מיר גייען ווייטער נאָך חנוכה־געלט צו אונדזער שוועסטער איידל (ש.—ע.). זיי זײַנען אַוועק ערגעץ דאָרט אויף דער וועלט צו זוכן הצלחות (פּרוג). עס פלאַקערט אויף די שלאַכט פאַר ווייב און קינד, פאַר פאָלק און לאַנד. פאַר רעכט און פרײַ גייט אַלץ אין קאָן (פּרץ).

157. שטעלט צונויף אַ זאַץ מיט אָרט־, צייט־, שטייגער־ און ציל־באַשטימונג.

גרונטבאַשטימונג.

ביישפּילן.

איטליכער וואָרום האָט זיך זײַן דערום.
עס פליט ניט קיין שפּאָן, עס זאָל ניט זײַן עפּעס דעראָן.
(שפּר.)

צוליב אײַן שלעכטן לײַדן פיל גוטע. זי ציטערט פון שרעק. די פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט (אַנסקי.) פאַר שווײַגן קומט אַמאָל מער שכר ווי פאַר ריידן (שפּר.) און צוליב די קינדערס תּפילה זאָלן קוואַלן פליסן קילע (פּיכ.).

אויספיר § 33.

די צייטבאַשטימונג און די אָרטבאַשטימונג, די שטייגערבאַשטימונג און די צילבאַשטימונג האָבן אונדז שוין, דוכט זיך, אַלצדינג אויסדערציילט וועגן דער טואונג. אָבער דאָך בלײַבט נאָך אַ קשיא: פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט זי בכלל פאָר, אַט די טואונג? וואָס איז איר סיבה? וווּ איז דער גרונט אירער?

אַ זאַצטייל, וואָס באַשטימט דעם גרונט, די סיבה פון דער טואונג און ענטפערט אויף די פראַגעס: פאַרוואָס? פון וואָס? איבער וואָסער סיבה? איבער וואָסער גרונט — הייסט גרונטבאַשטימונג. (ביישפּ. 1).

אויפגאַבעס.

158. די גרונטבאַשטימונג באַגרענעצט אויך די טואונג? דערקלערט כּדאיבעי דעם חילוק צווישן צילבאַשטימונג און גרונטבאַשטימונג.

159. שטעלט צונויף פינף זאַצן, וווּ ס'זאָלן זײַן גרונטבאַשטימונגען.

160. קלערט צו אַזוינע זאַצן, וואָס זאָלן האָבן די ווייטערדיקע ווערטער פאַר גרונטבאַשטימונגען.

פון גרימצאָרן, פון פוילקייט, מחמת נאַרישקייט, פאַר גוטסקייט, פון וואוילטאָג, פאַר זכות אבות, פון שמחה, איבערן חבר, מחמת שעמעוודיקייט, פאַר מזומנים, פון ווינט, מחמת האַרצווייטאָג.

161. שטרייכלט אונטער די גרונטבאַשטימונגען. ווייזט אָן, אויף וואָסערע פראַגעס זיי ענטפערן.

פון באָרשטש מיט בוריט ווערן די באַקן רויט (שפּר.). פון נעלט־וועגן גייט קיין שידוך ניט אָפּ (שפּר.). פאַר מורא איז מיר דאָס העמד ווייס געוואָרן (ווערטל). פון דער מוטערס קלאַפּ ווערט דעם קינד ניט קיין לאָך אין קאָפּ (שפּר.). פון פיל ליידן קומט אַמאָל אַרויס ליידן (שפּר.) שטאַרבן מענטשן שוין פון הונגער. איך פאַל שיר ניט אום פאַר שרעק. איך האָב שוין לאַנג ניט אַזאַ הנאה געהאַט פון עסן. נאָר איבער אים שטראָפט גאָט דעם וואַלד. פון שטורעם געקרעכצט יעדער בוים האָט אין וואַלד. פון לעצטן טיפוס איז אַ קראַץ אין קאָפּ געבליבן. פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. פאַר נויט עסטו חלה. פאַר אַ טובה קומט אָפּטמאָל אַ רעה. פאַר געלט קריגט מען אַלץ, נאָר טאַטע־מאַמע ניט. דעם לאָמפּס גערזיכט האָט זיך פון נחת אַזש געשמאָלצן. אַ בעל־מלאכה שטאַרבט ניט פון הונגער. ער האָט מיר שיר ניט אָפּגעריסן אַן אויער פאַר די פיש. ברעטלעך קויף איך מיר פאַר געלט. וועגן שנאת־חנם איז דאָס בית־המקדש חרוב געוואָרן. אויף יענער וועלט איז דאָ אַ גן־עדן פון יידנס וועגן געוויינטלעך. פון אַזאַ מין דרייען זיך אין שטענדיקן שטויב איז ער אַרויס אַ קאַליקע. פון ווינטשן ווערט מען ניט רייך (שפּר.). די טאָכטער באַוואַשט זיך פאַר גרויס ווייטאָג מיט טרערן (מ. מ. ס.). אין מיין זכות בלויז האָט איר דאָס שמעקעדיקע ביימל און אייער שיינעם פלאַם צו דאַנקען (יהואש). און פון הימלס ליבע טרערן זאָלן גרין די פעלדער ווערן (פיכ.). אין זכות פון קליינע קינדער איז זי אַלץ די גרויסע מוחל (טייטש).

162. טרעפט די רעטעניש:

א) פאַרוואָס קרייט אַ האָן מיט צוגעמאַכטע אויגן?
ב) פאַרוואָס דאַרף אַ מענטש ניט מורא האָבן פאַרן טויט?
ג) פאַר וואָס נעמט אַראָפּ דער קייסער דאָס הוטל?

אומשטאַנד־באַשטימונגען. אַלע זאַצטיילן.

ביישפילן.

זע ביישפּילן צו די §§ 29—33.

אויספיר.

§ 34. די צייט־באַשטימונג באַשטימט די צייט פון דער טואונג,

„ ארט־באַשטימונג	„	דעם ארט	„	„	„
„ שטייגער־באַשטימונג	„	דעם שטייגער	„	„	„
„ ציל־באַשטימונג	„	דאס ציל	„	„	„
„ גרונט־באַשטימונג	„	דעם גרונט	„	„	„

זיי אלע ווייזן אן, באַצייכענען אט די אלע אומשטאנדן, וואס ביי זיי קומט פאר די טואונג. דערביי רופט מען די אלע פינף מינים זאצטיילן מיט איין נאמען — אומשטאנדבאַשטימונגען.

אויפגאַבעס.

163. דאָס וואָרט „אומשטאַנד־באַשטימונג״ קלינגט ניט גוט פאַר דעם יידישן אויער. אפשר צוקלערן אַן אנדער נאָמען? דאָס אַלץ זיינען באַשטימונגען פון אַ טואונג, בכן אפשר „טואונג־באַשטימונג״? מיט וואָס וואָלט געווען שלעכט אַזאַ נאָמען (זיך דערמאָנען וועגן זאָגבאַשטימונג)? אפשר גאָר מצב־באַשטימונג אָדער סביבה־באַשטימונג? אפשר איז „אומשטיי״ אָדער „אומשטייעניש״ בעסער פאַר „אומשטאַנד״? באַקלערט עס!

164. פרואווט צונויפשטעלן אַ זאַץ מיט אַלע אומשטאַנדבאַשטימונגען.

165. פון די ווייטערדיקע ווערטער שטעלט צונויף דריי זאַצן:

צונויפרופן, מחמת דער מגפה, אַלע, וואַלד, קייסער, זיך האַלטן אַן עצה, תיכּף, חיות, צו זיך, לייב; פאַר דער אַרבעט, אויף דער עלטער, צו קנאַקן, ניס, פון לייב, מאַכלדיקע, באַקומען, אַ זעקל, וועווערקע; ביי אַ פּריק, קריכן, זוכן, חזיר, פון הונגער, מיסט, נאָך מיטאָג, אַ רייכן, אין הויף.

166. ווייזט אָן די אומשטאַנד־ווערטער און באַצייכנט דעם מין, צו וועלכן זיי געהערן.

עס טרילערט דער קאַנאַריק אין פרייען וואַלד אַליין (מ. ר.) דעם טאָג דעם גאַנצן באָדט זי זיך אין בלומען ווי אַ בלום (נייד). די לבנה שווימט רואיק פון די וואָלקנס אַרויס (אַש). אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט (מ. ל.). צווישן טאָג און נאַכט בלייבט מיין שיפל שטיין (נאָמב.). טרעט זי צום בעט מיט אַ שרעקן (מ. ר.). אַמאָל זיינען מלאכים געגאַנגען באָרוועס, היינט גייען זיי אין שיך (שפר.). מיר האָבן באַשלאָסן חול־המועד פאָרן געוואָר ווערן די מאַמע. אין דער שטילער נאַכט גיי איך איינער אַליין אויפן אַלטן מאַרק אַרום (פרק). גייט יהודית שטיל און זאָכט, בערג־אויף בערג־אָפּ (מ. ר.) אַ גאַנצן טאָג געפין איך מיך ביים טייך. (ש.—ע.) ניט מיר אַליין פאָרן קיין אַמעריקע. איצט זעט ער שוין אוים אַביסל מעשה ייד. וואָראָנעם דרייען זיך אַרום ערטערווייז אין דער לופט (מ. מ. ס). ערלעכע יידן זיצן דאָרטן טאָג און נאַכט און האָבן הנאה פון דער שכינה (ש.—ע.). צווישן מנחה און מעריב איז ווייסע חברה זיך צונויפגעקומען אויפן יאַריד אין בית־המדרש (מענדעלע). וואָס וועט היינט דער טאַטע ברענגען אַ מתנה פונם מאַרק? (ש.—ע.). דאַן קומען מיר אויף מאָרגן ווידער און הייבן אָן די אַרבעט פון דאָס ניי (יהואש). איינמאָל דאָנערשטאָג שטייט ער אַזוי אין מאַרק מיט די פאָלעס פאַרשאַרצט אונטערן שטריק אויף די לענדן (פרק). האָבן זיך חברה פּאַוואָליע אַריינגעגנבעט צו כּתריאל וואַסערפירער אין הויז אַריין (ש.—ע.). די פּאַסאַזשירן זיינען אַרוים פון זייערע געצעלטן מקבל־פּנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדן (אַש). אַ גאַנצן טאָג זיינען די באָמבעס געפאַלן ווי דונערס פון הימל (אַש). דער פאָטער קומט פרייטאָג פאַרנאַכט פון פינסטערן שאָפּ אַזוי מיד (ר.). אויפן בלויעם ים געשווינד טראָגט זיך אום דער פרייער ווינט (פיכ.). אפילו שטערן מיט דער לבנה זיינען געגאַנגען טרינקען וויין (וואַרש.).

167. דאָס זעלביקע וואָס פריער.

לאַנג אָפּגעבלאַנקט האָבן אין פעלדער דער סערפּ און די קאָסע.

די תבואות — זיי זיינען אויף העלפט שוין אין שייער.
אויף ליידיקע בייטן וועט פאַלן די זילבערנע ראָסע.
און שניטערקעס וועלן ניט זינגען מער היי־יאָר.
און נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג... וועגענער לאַנגע באַרויבן
די מאַמע די ערד פון דער פרי, פון באַגינען.
און אַז די לבנה ביינאַכט וועט אַ קוק טאָן פון אויבן,
וועט זי אַ פאַריתומטע פעלד שוין געפינען (טייטש).

168. קלייבט זיך דאָ פונאַנדער אין אַלע זאַצטיילן.
אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וואונדערלעכער פויגל שאַלט (פרק).

די באָבעניו זיצט מיט דער זאָק אין דער האַנט (פרוג). וועלדער טונקעלע בליען דאָרט. שטראַלן העלע ציען דאָרט. דאָרטן וואוינט אַ מלכס קינד (פיכ.). און אין גרינעם וועלדעלע שפּילט דער שיינער מאַי. עס האָט ווער געעפנט די אוצרות פון שנייען ביינאַכט. דאָך אין דרויסן פליען העכער צו דעם הימל ווייסע טויבן (ביאַל.). דאָס פייער יאָגט די מענטשן פון די הייזער. פאַר־אומערטע קוקן די מאָגערע תבואות. עס שמייכלט צו ביטער דער שיטערער פלאַקס (טייטש). פון פעלד איז אַ ישובניק מיט זיין יונג געגאַנגען בין־השמשות דורך אַ וואַלד. ס'איז דער ייד אין וועג געפאָרן, האָט דער ייד דעם וועג פאַרלאָרן. די בארן גופא זאָלט איר דאָרט אַריינלייגן ערשט שפּעטער (ביאַל.). איך קום צו אייך פון ברייטע פעלדער מיט די פריינדלעכסטע גערוסן. די פאַרליבטע זון פון פרילינג האָט געשיקט "אייך הייסע קושן (טייטש). אין די ביינער צעגיסט זיך אַ וואַרימע רו. אונדזער שיפעלע וועט שפּילן אויף די אינדן ווי אַ וויכער (פרוג). פון איינציקע טראָפּנס ווערט אַ גאַנצער רעגן. אַלע וועגן, אַלע טייכן האָבן זיי געפירט פון די דערפער, פון די שטעט מענטשן צו הרגענען אָדער אליין געהרגעט צו ווערן (אש).

רואיק, רואיק שאָקלט איר געלאָקטעס גרינעם קעפּל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור.
פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערציילט די בלעטעלעך לעגענדעס אָן אַ צאָל (איינהאָרן).

169. ליכטיק שיינט דער אָוונט־שטערן,
שאָטנס ליגן אויף די פעלדער.
פייכטע קילקייט ווייט און גיסט זיך
פון די גערטנער, פון די וועלדער.
און די גרויסע אַלטע ביימער
שאָקלען מיט די גרינע בלעטער.
און מיר דאַכט זיך, אַז זיי רוישן:
— זע, ווי פריש איז דאָ דאָס וועטער!"
טראָפּנס טוי ווי פּערל גלאַנצן

אין די לעצטע אָוונט־שטראַלן.
אין די פייכטע גרינע טאָלן
שלאָגן פרישע קאלטע קוואַלן. (פרוג.)

דער פרילינג.

איינגעהילט אין תכלת־מאַנטל,
מיט אַ גאָלדענער עטרה,
שטייט דער פרילינג אין די פעלדער
און איז מקריב טויען קלאָרע.
און ער איז צו גאָט מתפלל
אין די הויכע ביימער־שפיצן
אויף דעם לשון פון די דונערס
און די יונגע שלאַנקע בליצן.
און ער ווערט דערפילט מיט ליבע,
דער געטרייער, גוטער פרילינג.
און ער האַלדזט מיט גרינע אָרעמס
ערד און הימל ווי איין צווילינג.
און ער בענטשט זיי און ער שענקט זיי
זיין אומצייליקן פאַרמעגנס,
האָניק־טוי און גאָלדענע שטראַלן
מיט מאַיאָווע שטילע רעגנס.

(משה טייטש).

דאָס פאָרוואָרט.

ביישפילן.

ס׳שטייט דאָך אויף דער הרובע
איינגעמאַכטס אַ סלוי!
כאַפט אַ באַנק צום הרובע,
בענקל אויף דער באַנק,
בענקעלע אויף בענקל —
לעמעלע דערלאַנגט.
האָפ און ניט געציטערט,
גרינגער פון אַ שטרוי,
זיצט ער הויך אויף הרובע
גלייך שוין מיטן סלוי! (קוו.)

און נישט זי גייט אין שניי, זי שוועבט איבערן שניי (פרק). ביי בינען ביי די זשומיקע אַ זיסער האָניק שטייט (נייד.). גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן פון די קליינע קינדערס וועגן (פיכ.).

מאַך מיר אַ קלאַדקע איבערן גריבעלע,
איך זאָל קענען אַריין אין מיין שטיבעלע.

אויספיר § 35.

דאס בענקל האט געקענט זיין ווייט פון דער הרובע, דאס בענקל קען שטיין הארט ב י י דער הרובע, ס'קען אויך אפילו זיין א ו י ף דער הרובע (זאל נאר לעמעלע וועלן!). בכלל, קענען צוויי זאכן זיין אין א פארשיידענער פארהעלטעניש צו אנאנד: איין זאך קען זיין אויף דער צווייטער, אונטער דער צווייטער א. אז. וו. דאס אייגענע איז אויך מיט א טואונג און א זאך. די ווערטלעך: צ ו, פ ו ן, א ו ן, א ו נ ט ע ר, ב י י א. אז. וו. ווייזן טאקע אן אויף דער פארהעלטעניש צווישן צוויי זאכן אדער צווישן א טואונג און א זאך. לאזט מען דורך אט די ווערטלעך, ווערט אונדז אומפארשטענדלעך די באציאונג צווישן זאכן, און דער גאנצער ענין — אומקלאר, דער זאץ ווערט אויס זאץ.

די ווערטלעך, וואס מיר באנוצן זיי אין אונדזער רייד אנצואווייזן אויף דער פארהעלטעניש צווישן זאכן אדער צווישן טואונג און זאך — הייסן פ א ר ו ו ע ר ט ע ר.

די פארווערטער זייגען נישט קיין באזונדערע זאצטיילן, נאר צוזאמען מיט א הויפטווארט בילדן זיי א זאצטייל.

אויפגאַבעס.

170. פאַרוואָס הייסן פאָרווערטער — פאָרווערטער?

171. לייענט דורך די ביישפּילן, וואָס שטייען פאַר דעם פאַראַגראַף, און לאָזט דערביי דורך די פאָרווערטער.

172. שטרייכלט אונטער די פאָרווערטער.

אונטערן בריק,
אויפן בריק
זיצט ציפּעלע די גרינע (פ. ליד).

דרימלט מיטן קעפּל אָנגעשפּאַרט אָן סלוי. מיט די פייכטע הענטלעך אין די נאַסע האָר. קומט אַריין אין צימער מענדעלע באָרים און אַ חברה יונגוואַרג גלייך אַריין נאָך אים (קוו.). עס פּוסטעוועט דער שוואַלבן־נעסט ביי מיר איבערן פענסטער. זיצט דער שוחט אויבנאָן אין שענקל אויפן בענקל. שטייט זיך אַ הייזל אין טאָל צווישן צוויי הויכע בערג. אַ פּאָן מיט אַ שטעקל, פון אויבן אַן עפּל, אינם עפּל אַ ליכטל. זי איז געווען ביי אַ שכנטע אָדער אין גאַס ערגעץ. דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען פאַר בענקעניש נאָך אים. דער טאַטע גייט אום איבערן שטוב די הענט אַרונטער. ער נעמט אַרויס פון טישקעסטל אַ וועקסן ליכטל און מאַכט צו אונדז אויף לשון־קודש. ער האָט איבער זיין וועג קיין אַמעריקע אַזויפיל זאַכן געזעען. די בלומעלעך רוקן אַרויס פון גראָז זייערע קעפּעלעך. די גויע האָט שטאַרק דעם אויוון געהייצט פון דער יידענעס וועגן. עס הויבט זיך אויף אַ שטויב פון די סטאַדעס בהמות, וואָס מען טרייבט נאָך זיי. עס שלעפּן זיך וועגן פאַר קראַנקע פון רויטן קרייץ. מיט דער נאַכט האָבן זיך געמערט די טישלעך אינמיטן דער גאַס און האָבן פאַרשטעלט דעם גאַנצן דורכגאַנג פון דער גאַס (אש). און דער פּאַס האָט זיך געצויגן איבער דער פּאָדלאָגע און דערגרייכט ביז צום אויוון (ווייס.).

173. ווייסט איר, ווי מען שרייבט די פאָרווערטער ביי, אויף?

—פן פעלד און —פן וואַלד בעט ער אויס זיין בעטל (איינ.). קיין בעסערער אָרט —ף צו באַהאַלטן זיך ווי ב— דער מאַמען איז ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט (ש.—ע.). די זון האָט געוואָרפן אירע מילדע שטראַלן —ף גראָז,

—ף בּיימער, —ף בּערגלעך און טאָלן (מענדעלע). —פן ברוסט אַ ווייסער פּאַנצער, —פן קאָפּ אַ קרוין (סעג.). בּיידע זיינען זיי שטענדיק אין דער אַרבּעט: די מאַמע בּיים אויוון, דער טאַטע בּ— די שאַכטלען (ש.—ע.). אויך בּ— מיר אין פענסטער איז שוין די זון געשטאַנען (וויס.). מיר בּיידע האָבּן צו שאַפן דאָ —ף אַלצדינג. ער, דער קאַפּיטאַן הייסט עס, דאָרטן אויבּן בּיי די קוימענס, און איך, מאָטל פּייסע דעם חזנס יינגל, דאָ —פן צווישנדעק (ש.—ע.). —פן הימל ווייזן זיך שטיקלעך וואָלקנס, —ף וועלכע מען האָט ווי —ף טייערע געסט שוין אַ לאַנגע צייט אויסגעקוקט (מענדעלע). דאָס שענסטע לידגעזאַנג, די שענסטע מעלאָדיען, ניט זינג בּ—ם בּליען, נאָר זינג בּ—ם אונטערגאַנג.

שוין דער פּאַסטעך
בּ— די פּי,
זון בּ— בּערגלעך
—ף די קני (קוו.).

174. שטעלט צונויף זאַצן מיט פּאָרווערטער אין פאַרשיידענע זאַצטיילן.

175. 1. נוצט אויס די מעשה מיט קאָפּעלען און די גענדז, וואָס איז געדרוקט מיט אַזוינע טשיקאַווע בּילדלעך אין די „גרינינקע בּוימעלעך” (1920 יאָר N 6).

2. מאָלט אויף אַ שטייג מיט פייגעלעך אין שטייג, אויפן שטייג, בּיים שטייג, אונטערן שטייג אַ. אַז. וו.

176. רעטענישן:

א) מיט משא גייט ער, אָן משא שטייט ער. (פּרט.).

ב) ווי קומט אַ קאַץ איבּערן וואַסער? (פּרט.).

ג) ס'איז געפלויגן אַ סטאַדע גענדז:
איינע פאָרויס און צוויי פון הינטן,
איינע פון הינטן און צוויי פאָרויס,
איינע צווישן צוויי און דריי אין דער ריי.
וויפיל גענדז זיינען געפלויגן? (גר. בּיימ.).

ד) וואָס איז עס פאַר אַ זאַך, וואָס אַז מען שטעלט זיך אויף דעם ווערט מען קלענער? (גר. בּיימ.).

ה) אַ לעבּעדיקער מת אין אַ לעבּעדיקן קבר, ניט אין לופטן, ניט אויף דער ערד. וואָס איז דאָס? (פּרט.).

דאָס זאַכוואָרט.

כּלל-נעמען און אייגנגעמען.

בּיישפּילן.

אַבּקע איז שוין דאָ
און בּערקע איז ניטאָ!
אַבּקע, בּערקע, וואו זייט איר געוועזן?
בּערקע איז שוין דאָ
און גרשן איז ניטאָ... (פ. ליד).

צווישן אַלע שוסטער איז דער בעסטער שניידער יאָסל דער סטאָליער (שפּר.). לאָז זי הייסן שיינדעלע, לאָז זי הייסן קריינדעלע — אַבי אַ כּלה (שפּר.). ווען ער הייסט מענדל, קען מען עסן פון זיין פענדל און טרינקען פון זיין קענדל (שפּר.). סע זיצט אַ מיידל, וואָס מע רופט זי פריילין זייטשיק (ש.־ע.). איר האָט געהערט אַמאָל אַ שטאָט זאָל הייסן אַנטווערפּן? פאַראַן אַזאַ שטאָט אויף דער וועלט (ש.־ע.). זיבן יאָר האָט שלמה המלך געבויט דעם בית־המקדש אויפן שענסטן באַרג פון ירושלים, אויפן באַרג מוריה (מרד.). געבענטשט זייט איר, רואיקע פאַליעס פון ווייסל (סעג.). און געטראָפן האָט זיך עס אין מערן דער מדינה (פרץ).

אויספיר § 36.

ווען דער לערער זאגט: „זאל דער שילער גיין צום טאוול", און רופט ניט אן ניט דעם נאמען פון דעם שילער און נישט ער ווייזט מיט די אויגן אדער מיט א פינגער, ווענען ער מיינט עס, וועלן זיך די שילער פארוואונדערט אנקוקן און ניט וויסן, וועמען דער לערער האט געמיינט. גאר אנדערש איז, אז ער רופט אן דעם נאמען פון דעם שילער. וויל איך דערציילן וועגן א לאנד, זיינע אוצרות, זיינע שיינקייטן, זיינע מענטשן, מוז איך דאך אויך אנרופן דעם נאמען פון לאנד, כדי איר זאלט וויסן, וועגן וואסער לאנד רייד איך עס, ווייל לענדער זיינען דאך פאראן א סך.

דעריבער טיילן זיך די זאכווערטער אויף כלל־נעמען און אייגננעמען. כלל־נעמען זיינען די נעמען, וואס עס טראגט איין זאך צווישן אלע גלייכע זאכן, איין איינציקע זאך, פון א גאנצן מין, פון א גאנצן כלל. אייגננעמען זיינען די נעמען, וואס עס האט איין זאך, כדי צו אונטערשיידן זי פון אלע איבעריקע גלייכע זאכן פון זעלביקן מין.

אויפגאבעס.

177. איך זע אויפן גאַס מיין חבר, וואָס איך זוך אים וועגן אַ וויכטיקן ענין, ער גייט פון פּאַרנט. וועלכע מיטלען פאַרמאָג איך, כדי ער זאָל זיך אָפּשטעלן, זיך אומקערן און מיך דערזען? וואָסער מיטל איז דער בעסטער?

178. שרייבט אויף די פינף פּאַסיקע הויפּטווערטער פון אָט די קאַטע־גאָריעס: 1) פאַמיליענעמען, 2) נעמען פון שטעט, 3) נעמען פון טייכן, 4) נעמען פון בערג, 5) נעמען פון יידישע שרייבער, 6) העלדן פון דער יידישער געשיכטע.

179. אַרום און אַרום טיש פון ביידע זייטן זיצן די פעטערס מיט די מומעס אַלע מיט זייערע קינדער. יינגלעך מיט מיידלעך, וואָס הייסן אַלע נאָך אַלצאַיינע זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס. פריער דער פעטער צדוק און די מומע צביה מיט דריי יינגלעך, משהלע, הערשעלע, וועלוועלע, און צוויי מיידלעך: שרהלע, פייגעלע. נאָכדעם דער פעטער נפתלי און די מומע דבורל מיט פיר יינגלעך: משהלע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, און דריי מיידלעך: שרהלע, פייגעלע, רחלע. נאָכדעם . . . נאָכדעם דער פעטער בנימין און די מומע לאה מיט זיבן יינגלעך: משהלע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, יענקעלע, פישעלע, שמואליק, און זעקס מיידלעך: שרהלע, פייגעלע, רחלע, טייבעלע, חנצע און גנענדל . . . (ש.—ע.).

ר׳ נאָטע האָט תמיד חרטה. פונטע איז רייך געווען און איז געשטאָרבן אַן אביון. פילאַדעלפיע קעגן ניו־יאָרק איז אַזוי ווי איישעשאָק קעגן ווילנע

(ש.—ע.). האָט אָט דער כמעלניצקי, דער רשע, דער המן, אָנגעראַבעוועט מיליאָנען גאָלד ביי די אַמאָליקע פּריצים און רייכע יידן און געבראַכט צופירן אַהער צו אונדז קיין וואַראַנקאָ (ש.־ע.). יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַריין, שיסן וויל ער נאָר אַ בער (פּרק). לעבן בית־המדרש האָט געוואוינט אַברהמל דער בעקער; ער האָט אַן עקסטרע גרויסע שטוב געהאַט, וואו ער פּלעגט אַלע יאָר מצה באַקן. הערשעלע איז איינגעפאַלן פּאַרצולייגן אַברהמלען, ער זאָל פּאַר אַ קליין געצאָלט לאָזן די שפּיל מאַכן אין דער שטוב (דינ.). עס איז געווען אַ וואַרימער זומערטאָג. ביי אונדז וואָלט עס געהייסן אַ הייסער תמוז־טאָג. אין ניו־יאָרק איז עס אָבער געווען איינער פון די אַפּריל־טעג (אַש). מחמת איך זאָג קדיש אינדערפרי און אויפדערנאַכט, גיי איך שוין ניט צו הירש־בער דעם חזן און טראָג מיך ניט אום מיט זיין דאַאָבציען (ש.־ע.). דאָרט פליסט שטיל די ווילִיע, די ליטווישע מאַמע צום ניעמאַן זיך ציט (טייטש). אין דער מדינה האָלאַנד האָט געוואוינט אַ יידישער פישער מיטן נאָמען סאַטיע (פּרק). געבראַכט האָט מען זיי פון דעם וויטן זונענדיקן לאַנד, וואָס ליגט אין טאָל פון טייך טערעק הינטער די קאַווקאַזער בערג (אַש). ראַכיוו איז אַ שטעטל ניט ווייט פון אַפּטו; צעשפּרייט איז עס ביים ברעג פון דער ווייסל (פּרק). און די זון שיינט אַריין דורך די גרויסע אָפענע פענסטער, דיזעלביקע זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט ביי דעם רבי יצחק יודלס דאָרטן אין, לעשנא, נאָר דאָרטן איז געווען אַ שטיקל זון און דאָ איז אַ גאַנצע זון . . . אָבער דאָרטן זיינען געווען יידישע חברים: משהלע דעם רבס איז געזעסן לעבן אים און אַנטקעגן האָט ער געהאַט יעקבן דעם חזנס, און די גמרות זיינען אָפן געלעגן (אַש).

180. צו וואָס דאַרף מען האָבן אי אַ נאָמען אי אַ פאַמיליע־נאָמען? ווי האָט מען צוגעקלערט פאַמיליענעמען און ווען?

181. שרייבט אויס די כלל־נעמען, וואָס געפינען זיך איין צווישן די ווייטערדיקע הויפּטווערטער.

בלומע, בלום, העכט, מאַטעלע, קאַפּוליע, נאַז־האָרן, גאַגאַרע, כינע, ענגלענדער, קאַרפּ, עמנואל, רב, לייבקע, שבועות, מאַי, בערדיטשעוו, יאַט, שמש, לבנה, איירָאָפּעער, אלול, שרעטעלע, לויתן, קוקאַווקע, מאַרגאַריטקעלעך, פּלאַטערל, קייסער, סיים, ליטוואַק, פּרעזידענט, רובל, מעטער, נביא, פּוילן, פּאָליאַק, פּריק, אַלמנה, ערד.

באַשטימטער און אומבאַשטימטער אַרטיקל.

ביישפּילן.

1. אַז די באַלעבאָסטע איז אַ קאַץ —
איז די קאַץ אַ באַלעבאָסטע (שפּר.).
דאָס העמד איז מיר נענטער ווי דאָס קלייד, (שפּר.) די זון שיינט גלייך אויף אָרעם און רייך (שפּר.) דער כעס איז אַ נאַר (שפּר.)
די אויגן זיינען גרעסער ווי דאָס מויל (שפּר).

אַברהמעלע ווייס, אַז אַ בוים וואַקסט (ש.—ע.) איך האָב ליב אַ שיף־
גייט ד י שיף אַליין (ר.)

ד אָ ס היטל אָן אַ דאַשעק,
ד אָ ס מיילכל אָן אַ שלאָס,
ער קוואַקעט ווי אַ פרעשל,
ער פלאַפלט אָן אַ מאָס (קוו.)

ד ע ר טיש — אַ טיש; ד י טישן — טישן.
ד י באַנק — אַ באַנק; ד י בענק — בענק.
ד אָ ס קינד — אַ קינד; ד י קינדער — קינדער.

2. א נעמער איז ניט קיין געבער (שפר.). פון אַ ן עמער מאַכט מען ניט קיין צעבער (שפר.).* די צווי ברידערלעך האָבן געהאַט סטאַנציע ביי אַ ן אָרימער קרובה, אַ ן אלמנה, א טענדלערין (ר.). מיר האָט דאָס אַוועקגעשענקט אַ ן עמיגראַנט א ייִנגל (ש.—ע.).

א ו י ס פ י ר § 37 (זע § 11).

פאר הויפטווערטער שטייען כמעט שטענדיק די ווערטלעך ד ע ר, ד י, ד א ס, א אט זיי רופט מען — א ר ט י ק ל.

דער, די, דאס, ווייזן אן דעם מין פון הויפטווארט. דער ארטיקל „א“ שטייט פאר הויפט־ווערטער פון אלע מינים. די מערצאל פון די ארטיקלען דער, די, דאס איז — די. דער ארטיקל א האט ניט קיין מערצאל.

דער באטייט בייט זיך א ביסל איבער דעם ארטיקל. שטעל איך פאר א הויפטווארט די ארטיקלען ד ע ר, ד י, ד א ס, ווייז איך אן דערמיט, אז די זאך, מכוח וועלכער איך רייד, איז א באקאנטע זאך, א באשטימטע, אט־א די. דעריבער הייסן די ארטיקלען ד ע ר, ד י, ד א ס, און זייער מערצאלפארם ד י — ב א ש ט י מ ט ע א ר ט י ק ל ע ן. דער ארטיקל א באצייכנט, אז די זאך איז פאר מיר אומבאשטימט, ניט גענוג באקאנט, אז איך רייד ניט דוקא וועגן אט־א דער זאך, הייסט ער טאקע א ו מ ב א ש ט י מ ט ע ר ארטיקל.

דער אומבאשטימטער ארטיקל ווערט געשריבן א פ ג ע ט י י ל ט פ ו נ ם ו ו א ר ט, וואס צו אים באציט ער זיך. הויבט זיך אן דאס ווארט נאך דעם ארטיקל מיט אן אליינהילכער — איז דער ארטיקל אַן.

א ו י פ ג א ב ע ס.

182. פון די ווייטערדיקע ווערטער שטעלט צונויף צו צוויי זאַצן אויף אַזאַ מין אופן: איך האָב אַ הונט. ד ע ר הונט איז געטריי.

1) איך, הונט, האָבן, זיין, געטריי. 2) טאַטע, קויפן, טיש, זיין, רונד; 3) שילער, אויפשרייבן, גערדיכט, זיין, זייער, גוט; 4) איר, אויסקלייבן, פאָרזיצער, זיין געניט; 5) ייִנגל, צופיל לאַכן, ייִנגל, נאַר; 6) בוים, האָבן, צווייגל, האָבן, נעסט.

183. צי האָט איר באַמערקט, וואָסער אַרטיקל ס'האָט געוויינטלעך דער זאָגטייל? פאַרוואָס ווערן אייגננעמען באַנוצט כמעט אַלעמאָל אָן אַן אַרטיקל?

184. אָנשטאָט דעם פרעגצייכן שטעלט אַוועק, וואו מען באַדאַרף, אַ „נון“ אַן „אַלף“ אָדער אפשר דאַרף מען דאָ גאָרנישט?

* באמערקונג: א דערקלערונג פון אט דעם שפריכווארט קען מען געפינען ביי א. בערנשטיין.

לאָז אַראָפּפֿאַלן איין עפּעלע אַ? ווערימדיקס, אַ? איינגעדאַרטס, אַ? איינגע־קנייטשטס, וועט זי זיך ניט פֿוילן אָנבייגן, אויפֿהייבן, אַריינלייגן אין פֿאַרטעך און אַוועקטראָגן (ש,—ע.). אַ? באַרימער איז גוט צו שלאָגן (שפּר.). ס׳פֿאַלט אויף דעם מלאָך אַ? אומעט (יהואש). מיט אַ? ?אַר איז אַ? ?ייביקער צער (שפּר.). אויף אַ? ?ייגן קינד זיינען די עלטערן בלינד (שפּר.). איך בין דאָ אַ? עלנטער (איינ.). אַ? ?אַלמנה איז די שיינע (מ.—ר.). אַ? ?אָרעמאַן וויל אויך עסן (שפּר.). אַ? געמאַכטע מכשפה איז ערגער פֿון אַ? אמתער (שפּר.). אַז קרופּניק איז אַ? ?כילה, איז כּאַנדרעווקע אַ? קהילה (שפּר.). אַ? עושר האָט קיין יושר (שפּר.). רייסן איז אויך אַ? אַרבעט. אַצונד וועט דאָס האָבן אַ? ?עק. אַ? ?אווענע אַ? יידן קוגל צו עסן (ווערטל). אַ? הונט בלייבט אַ? הונט (שפּר.). אַ? ?אַנדער געדאַנק עקבערט איר מוח. אַז אַ? קרומער לויפֿט און אַ? ?אַר קויפֿט, קומען ביידע גלייך אָן (שפּר.). אַ? אמת קען מען זאָגן אויף אַ? ?ייגענעם טאַטן (שפּר.). דאָ איז פֿאַר מיר אַ? ?אָסטראָג. אַ? ?יינגייער איז אַ? אויסברענגער (שפּר.). פֿאַר אַ? עקשן איז קיין רפֿואה ניטאָ (שפּר.). פּונקט פֿאַר שמואלס טיר צעבּרעכט זיך אַ? ?אַקס. בעסער אַ? ?אַלטער טאָפּ איידער אַ? ?ייער שאַרבן (שפּר.). אַ? ייד גיט זיך אַלעמאָל אַ? עצה (שפּר.). אַז אַ? אָרעמאַן עסט אַ? הון, איז ער קראַנק אָדער די הון (שפּר.). בעסער אַ? האָן אין האַנט איידער אַ? אָדלער אין הימל (שפּר.). בייגט דער בוים צו אַ? צווייג צום מויל, מיט אַ? עפּל, מיט אַ? באַרנע, מיט אַ? ?פּעלסין, מיט וואָס איר ווילט (פּרק). שמחות אויף אַ? ?ייל און צרות אויף אַ? מייל (שפּר.). מיט וואָס פֿאַר אַ? ?ויג מען קוקט איינעם אָן, אַזאַ פּנים האָט ער (שפּר.). אַמאָל איז געווען אַ? ?אַלטע באָבע, האָט זי געהאַט אַ? הינדעלע אַ? ראַבע. די הינדעלע די ראַבע האָט אויסגעלייגט אַ? ?ייעלע (פּ. ליד).

שפּילט זיך אויף אַ? לאָנקע
אַ? מיידעלע אַ? קליינס,
קומט צו איר צו פֿליען
אַ? פֿייגלע אַ? שיינס.

185. שרייבט אויף די תשובות פֿון די רעטענישן!

א) אויערן האָט דאָס — און הערט ניט. אַ מויל האָט דאָס — און עסט ניט. קיין פֿיס האָט דאָס ניט — און שטייט (פּרט.).

ב) ווער באַקומט אַן אָפּזאָג איידער ער הייבט אָן צו בעטן? (פּרט.).

ג) ווער איז זיכער פֿון אַ יונגן טויט? (פּרט.).

ד) אַליין בין איך אָרעם. דעם צווייטן מאַך איך רייך. ווער בין איך? (פּרט.).

ה) ס׳קייקלט זיך אַ פּעסעלע אין אַ שמאָלינקער געסעלע און ווערט ניט צעבּראָכן (פּרט.).

ו) אַלעמען באַנייט דאָס, אַלעמען באַקלייט דאָס און אַליין גייט דאָס מוטער־נאַקעט. וואָס איז דאָס? (פּרט.).

ביֵיגונג פון זאַכווערטער.

א. נעמען פון באַלעבטע זאַכן.

ביישפילן.

מענלעכער מין.

1־טער פאַל. דער שניידער נייט.
2־טער פאַל. דעם שניידערס טאָכטער בין איך דאָך.
3־טער פאַל. קיין האָניק האָב איך ביי דעם שניידער ניט געלעקט.
4־טער פאַל. דעם שניידער האָט זי ליב!

ווייבלעכער מין.

1־טער פאַל. די יידענע קריגט זיך מיט דער גויע, די גויע — מיט דער יידינע.
2־טער פאַל. האָט די גויע דער יידענעס אַ קינד אין שטוב צו זיך אַריינגעכאַפּט.
3־טער פאַל. די גויע מיט דער יידענע האָבן געלעבט בשלום.
4־טער פאַל. האָט איר געזען די יידענע?

מיטעלער מין.

1־טער פאַל. דאָס קינד ליגט אין וויגעלע.
2־טער פאַל. אונטער דעם קינדס וויגעלע שטייט אַ גאָלדן ציגעלע.
3־טער פאַל. די מוטער נעמט דאָס קינד אויף די הענט.
4־טער פאַל. האַלט דעם קינד דאָס מויל צו.

פון ערשטן פאַל. פון פערטן פאַל:

דער טאַטע גייט. איך ליב דעם ברודער.
די מאַמע „ „ די שוועסטער.
דאָס קינד „ „ דאָס קינד.

פון דריטן פאַל:

גיב דעם ברודער (אַ בוך). איך בין געווען ביי דעם ברודער.
„ דער יידענע (איר פעקל). „ „ „ „ דער יידענע.
„ דעם קינד (אַ שפּילכל). „ „ „ „ דעם קינד.

אויספיר § 38.

איין און דאס זעלביקע זאכווארט קאן אין איין זאץ זיין א זאכטייל, אין צווייטן — א זאגטייל, אי דריטן — א זאכבאשטימונג און אז. וו.; אין איין זאץ קאן עס האבן א פארווארט פאר זיך, אין צווייטן מעג עס שטיין אן א פארווארט. אזוי ווי דער באטייט פונם זאכווארט אין זאץ איז פארשיידן, מוז דעריבער אנגעוויזן ווערן, וואסער ארט דאס זאכווארט פארנעמט אין דעם זאץ. בכן, קען דאסן זאכווארט געשטעלט ווערן אין פיר פאלן: א) אין ערשטן פאל, בשעת עס איז א זאכטייל; ב) בשעת דאס זאכווארט איז א זאכבאשטימונג שטייט עס געוויינטלעך אינם צווייטן פאל; ג) אין דריטן פאל שטייט עס ס'רוב יעמאלט, ווען עס קומט צוזאמען מיט א פארווארט; ד) אין פערטן פאל — ווען עס איז א צוגאב (אן א פארווארט). דאס זאכווארט בייט זיך לויט זיינע פאלן. אין איין פאל באקומט

עס א פארלענגערונג, א צ ו א ו ו א ק ס — ס (די ענדונג פונם צווייטן פאל), אין אנדערע פאלן בייט זיך דער באשטימטער ארטיקל.

די פאראנדערשונג פון די הויפטווערטער לויט די צאלן און פאלן הייסט די ב י י ג ו נ ג פ ו ן ז א כ ו ו ע ר ט ע ר.

ב א מ ע ר ק ו נ ג ע ן.

א) אין דריטן פאל קאן אויך שטיין א זאגבאשטימונג אן א פארווארט, געוויינטלעך יעמאלט, ווען דאס צייטווארט קאן האבן א צווייטע זאגבאשטימונג אין דעם פערטן פאל. למשל: איך גיב דעם חבר א בוך.

ב) אזוי ווי בלויז דער צווייטער פאל האט אן ענדונג און אזוי ווי א פאר פאלן קענען האבן די זעלביקע פארם, איז אפט שווערלעך צו דערגיין, מיט וואסער פאל מיר האבן אייגנטלעך צו טאן, איידער מען שטעלט ניט אונטער אנשטאט דעם געגעבענעם ווארט אן אנדער ווארט פון אן אנדער מין. למשל: ווען מען זאגט: „ער גיט דעם ברודער", איז ניט קלאר, צי דאס ווארט „דער ברודער" איז אין פערטן פאל אדער אין דריטן. די זאך ווערט אבער אויפגעקלערט, ווען מיר קענען אונטערשטעלן אנשטאט „דעם ברודער" א ווארט פון ווייבלעכן מין, למשל, „דער שוועסטער" „דער יידינע" א. ד. גל.

ג) מען קען געבן יעדן פאל א באזונדערן נאמען: דעם ערשטן פאל — נאמענפאל, דעם צווייטן — צוגעהערפאל, דעם דריטן — פארווארטפאל, דעם פערטן — צוגאבפאל (פרואווט דערקלערן די נעמען!).

א ו י פ ג א ב ע ס.

186. אין וועלכע פאַלן בייט זיך דער באַשטימטער אַרטיקל פון מענלעכן מין? דער באַשטימטער ארטיקל פון ווייבלעכן מין? אין וועלכע פאַלן בייט זיך דער באַשטימטער ארטיקל פון מיטעלן מין? אויף וועלכע פראגעס ענטפערט יעדער פאל?

187. שטעלט איבער אלע זאצן (וואָס קומען פאַר § 38) אין דער מערצאָל און ווייזט אָן, ווי עס בייט זיך אין מערצאל דער באַשטימטער ארטיקל, וועלכע ענדונגען באַקומען די זאכווערטער בעת דער בייגונג אין דער מערצאל־פאָרם.

188. שטעלט איבער דיזעלביקע זאצן מיט דעם אומבאַשטימטן ארטיקל. ווי בייט זיך בעת דער בייגונג דער אומבאַשטימטער אַרטיקל? צי איז פאַראַן אַ חלוק צווישן בייגן דאָס זאכוואָרט מיטן באַשטימטן און אומבאַשטימטן אַרטיקל? ווען איז גרינגער צו דערקענען דעם פאַל: ווען דאָס זאכוואָרט שטייט מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל אָדער ווען ס'איז צוזאַמען מיט דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל?

189. טראַכט צו אַ פאָר אַזוינע זאַצן, אין וועלכע דער זאָגטייל זאָל זיין אַ זאכוואָרט. אין וועלכן פאַל שטייט געוויינטלעך דער זאָגטייל?

190. קלערט צו פאַר יעדן פון די פאָלגנדיקע זאַכווערטער צו פיר אַזוינע זאַצן, אַז אין יעדן פון זיי זאָל דאָסזעלביקע וואָרט שטיין אין אַן אַנדער פאַל. דריקט אוים דיזעלביקע זאַצן אין דער מערצאלפארם.

דער וואָלף, די טאָכטער, דאָס קעלבל, אַ פאַסטעך, אַ בהמה, דער חתן, אַ האָז, די קאַץ, די שניידערקע, אַ הינטל.

191. אין וועלכן פאַל שטייען די זאכווערטער?

אַ לערנערס טאָכטער בין איך דאָך. גאָטס וועלט איז פון דעמאָלט אַ ווייסע געוואָרן. טראָג מיך, ים, צום מוטערס שוים (ביאַל.). אין דעם יתומס

ווינגעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פייער (פ. ליד). דער חזן האָט געהאַט אַ קליין משרתל. אַ חזיר איז אין הויף פאַרקראָכן צו אַ פריץ. איצט גיי אַראָפּ צום טעפּערס הויז (כיאַל). איך וועל הייסן מיין בער דיר טאַנצן (מ.מ.ס). אַ פייגעלע דערשאָסן האָט אַ יעגער. און צוליב די קינדערס תּפילה זאָלן קוואַלן פּליסן קילע (פיב.). איר מאַן איז אַן איינבינדער און הייסט משה. ער האָט אַ שם פאַרן בעסטן בעל־מלאכה (ש.—ע.). מענדל דעם שוחטס קענט איר צי גיין? (ש.—ע.). יידן גיבן אַכטונג אויף די פּויערים. איך האָב ליב געהאַט קלעזמער ווי דאָס לעבן. איך האָב דאָס אויסגעביטן ביי מיינס אַ חבר אויף אַ שטיקל שטאָל פון דער מאַמעס קרינאָלינע (ש.—ע.). קינדער האָט ער געהאַט אַ טוק. דער קליינער חיים, וואָס זיצט אויף דער מוטערס צווייטער האַנט, ווערט אייפערזיכטיק, און דער קליינער ייד מיטן קליינעם גוי הייבן אָן צו קוקן איינער אויפן אַנדערן. דאָס גאַנצע שטעטל איז פול מיט מחותּנים און מחותּנתטעס. מאַמעס טראָגן זויגנדיקע קינדער אין די קישנס, ברידער — קליינע שוועסטערלעך. (אַש). זעט ער פאַר זיך אַ דייטשל. טוביה זאָל לויפן צום דייטשל מיט אַ קלאָרער תּשובה (פּרץ). אַ שעפּס האָט זיך פאַרגלוסט אַ טרונק. דעם דאָקטאָרס רייד האָבן מיך באַרויקט. אויב ס׳האָט דער לייב זיך מיט דעם קאָט געטראָפן, וועט דער לייב קיין גאַנצער ניט אַרויס. איך חלש מיט דער פּריצטע ווערן באַ־קאַנט. מיין פייגעלע וויל שפּייזן זיך פון קצבה און זאָגט צו דער מוראַשקע. איך און אונדזער שכנס איינציק יינגל לויפן האַסטיק מיט די היטלען. אַ זשאַבע האָט נאָענט ביי אַ טייך דערזען אַן אָקס. איך בין ביים פּריץ אַ שליח. ער וויל פון שעפּסן גאָרנישט וויסן. און נאָך דעם פוקס צערייידן זיך די איבעריקע חיות (ריוו.)

192. אפשר וועט איר אָנווייזן, ווי מען קען פאַרבייטן דעם צווייטן פאַל מיט דעם דריטן? אין וועלכן פאַל שטייען ס׳רוב אומשטאַנד־באַשטימונגען.

ב. נעמען פון אומבאַלעבטע זאַכן.

ביישפּילן.

מענלעכער מין.

1. 1־טער פאַל. ס׳פייפט און ברומט דער ווינט
2־טער פאַל.
3־טער פאַל. פאַר אים וועט זי האָבן אַ דין־תּורה מיט דעם ווינט.
4־טער פאַל. איך ליב דעם ווינט.

ווייבלעכער מין.

1־טער פאַל. די שאַפע וועט ניט אַרויס פון דער טיר.
2־טער פאַל.
3־טער פאַל. איך האָב מורא געהאַט פאַר דער שאַפע.
4־טער פאַל. דער סטאָליער האָט גענומען די שאַפע.

מיטעלער מין.

1־טער פאַל. ד אָ ס מ ע ס ע ר ל איז ביי מיר אין האַנט.
2־טער פאַל.
3־טער פאַל. מען קערט איבער די שטוב נאָך ד ע ם מ ע ס ע ר ל (ש.—ע).
4־טער פאַל. ער נעמט צו ביי מיר ד אָ ס מ ע ס ע ר ל (ש.—ע.).

2. ד ע ר ה י מ ל לאַכט מיט טרערן.
און פ ו ן ה י מ ל ס ליבע טרערן זאָלן גרין די פעלדער ווערן.
אויף די פליגלען פ ו ן ו ו י נ ט וועל איך קומען צו דיר.
אָט האָט איר אייך די ברייט פ ו ן ד ע ר ש אַ פ ע.

3. פ ו ן ע ר ש ט ע ן פ אַ ל: פ ו ן פ ע ר ט ן פ אַ ל:
ד ע ר ט אַ ט ע גייט (פאַמעלעך). איך ליב דעם ברודער.
ד אָ ס ה אַ נ ד ל ע ן „ (נישקשה). „ „ דאָס שיפן זיך.

פ ו ן ד ר י ט ן פ אַ ל:
מיר זיינען געווען ביי דער יידענע.
מיר זיינען געווען ביי דעם טייך.

א ו י ס פ י ר § 39.

די נעמען פון אומבאַלעבטע זאַכן ווערן געבייגט פונקט ווי די נעמען פון באַלעבטע זאַכן, נאָר דער צ ו ו י י ט ע ר פ אַ ל פ ע ל ט ביי זיי און ווערט שטענדיק פאַרביטן דורך דעם דריטן פאַל מיט דעם פאָרוואָרט פ ו ן.

א ו י פ ג אַ ב ע ס.

193. ווען קען זיך יאָ טרעפן, אַז די נעמען פון באַלעבטע זאַכן זאָלן ווערן באַנוצט אין דעם צווייטן פאַל? (זע ביישפ. 2).

194. שטעלט איבער אַלע זאַצען, וואָס שטייען פאַר דעם פאַראַגראַף, אין מערצאָל, שטעלט עס מיט דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל — און באַטראַכט די בייגונג פון די זאַכווערטער.

195. בייגט די פאָלגנדיקע ווערטער, צוקלערנדיק פאַר יעדן פון זיי צו פיר אַזוינע זאַצן, אַז אין יעדן פון זיי זאָל דאָסזעלביקע וואָרט שטיין אין אַן אַנדער פאַל (אויב די הויפּטווערטער פאַרמאָגן ניט דעם צווייטן פאַל — דריקט אים אויס דורך דעם פאָרוואָרט „פון“ מיט דעם דריטן פאַל). די זעלביקע זאַצן שטעלט שפּעטער איבער אין דער מערצאָל.

אַ שטיין, דער אָוונט, אַ טיש, די שווינער, אַ שטוב, דאָס העמד, אַ גזלן, אַ האָלדז, דאָס גליק, די סטרונע, דער שבת.

196. אין וועלכן פאַל שטייען די הויפּטווערטער?

דאָס לעמפּעלע ברענט;
ביים טיש זע איך זיצן
מיין אַלטיטשקע באָבע

מיט דער זאָק אין דער האַנט.
דער שאָטן פון שלויער
ווייזט אוים ווי אַ חיה
מיט הערנער, וואָס ציטערט
און לויפט אויף דער וואַנט (פרוג).

ס'איז אָבער נישט געווען, ווי די מאַמע האָט געזאָגט, מיטן טייטל, ס'איז גאָר געווען מיט דער ציג, מיט דער וויג וכדומה מיט אַזעלכע זאַכן (מענדעלע). זיי קושן קוים די ראָזקייט פון די בלעטער (גייד.). אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט (פרוג). אין די מלחמות צווישן קונדסים איז ער געווען דער גענעראַל, מיט עפּעס אַ פּאַפּירן שאַרמיצעל אויפן קאָפּ, אַרומגעשטעקט מיט פעדערן. די גבורה און דאָס גאַנצע גרויסקייט זיינס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהייסן איטלעכן מקיים פּסק זיין, גלאַט אַזוי זיך פון זיין כבוד וועגן (מענדעלע). גוט איז דיר אויך דאָס פעלד, וואו דער פויער אַרבעט מיט געזאַנג; האַרצלעך באַגריסט ער דיך און ווייזט דיר זיין „קאָביאַלקע" מיט מילך און ברויט, וואָס איז פאַר דער זון באַהאַלטן. — „עס" בעט ער זיך, און איבער זיין קאָפּ פליען אַרום זינגענדיקע שוואָרן פון פייגל. ער יאָגט זיי נישט, ער קאַרגט זיי קיין קערנדל נישט: גאָטס ברכה איז פאַר אַלע און זיי פליען אַרום אים און זינגען צו צו דער אַרבעט... און די פייגל דערקענען באַלד, אַז דו ביסט אַ פרעמדער, און זינגען דיר אַ זמר, אַ גרוס פון דער היים (פרץ). האָבן זיך די שטראַלן פון דער זון מיט געוואַלד אַריינגעשפּאַרט. אַ שטיפערקע אַ מאַלפּע, אַ חמור, אַ באָק און געזונטן בער האָט אין אַ שיינעם טאָג פאַרגלוסט זיך געבן אַ קאָנצערט. זיי האָבן אויסגעזוכט פון אונטער דרערד כלי־זמר, נאָטן, ווי גאָט האָט געבאָטן, אַ באַס, אַן אַלט, דערצו צוויי פידלעך און טאַקע באַלד גענומען זינגען לידלעך (ריוו.). צוויי בושלעס, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע רויטע פים שטייען אויפן גראָז פאַררייסנדיק די קעפּ אין דער הייך און קוקן מיט גדלות (מענדעלע). אונדזער הייזל, ווי אַן אַלטער באַלעבאָס אין תכריכים. שטייט זיך ביים ברעג, קוקט זיך צו צום פאַרפראָרענעם טייך און עס שווייגט, ביז דער טייך וועט צו תחית־המתים אויפשטיין. דערווייל איז דער טייך געשטאָרבן און אין אַ ווייסן קיטל אַיינגעהילט. ראָבן פליען אויף זיין ברייט און לענג, שטעלן זיך אויף דעם טייכס רוקן און לעכערן זיין אָפּגעטאָקטע דעקע (אַש).

197. וועלכער פאַל טרעפט זיך וויינִיקער פאַר אַלע? וועלכער טרעפט זיך עפטער פאַר אַלע?

ג. אייגננעמען.

ב י י ש פ י ל ן.

א). 1־טער פאַל. מ אָ ט ל איז אַ וואוילער בחור.
2־טער פאַל. זי הייסט שוין מ אָ ט ל ס כ ל ה.
3־טער פאַל. רייזל גייט אַרום מיט מ אָ ט ל ע ן.
4־טער פאַל. זי האָט מ אָ ט ל ע ן שוין פאַרגעסן.

1־טער פאַל. רייזעלע איז שוין פון דער מאַמען ניט אָפּגעטראָטן.
2־טער פאַל. די שטראַלן פון דער זון זיינען געפאַלן אויף רייזעלעס פנים.
3־טער פאַל. צעווײנט זיך אין רייזלען דאָס קליינע הערצעלע.
4־טער פאַל. זי באַטראַכט רייזעלען.

ב). אין דער ליטע ליגט דאָס שטעטל. ביי דער ווייסעל האָבן פישער זי באַגעגנט גאָר באַגינען.

ג). דער פעטער איז רייך — אַמעריקע איז רייך. (1־טער פאַל).
די גויע גיט גאָרנישט דער יידענע — רוסלאַנד גיט גאָרנישט פאַר אַמעריקע. (3־טער פאַל)
איך ליב דעם ברודער, די שוועסטער — איך ליב אַמעריקע (4־טער פאל).

אויספּיר § 40

די אייגננעמען באקומען אן ענדונג אפילו אין דעם דריטן און פערטן פאל — „ן“. פאר דעמדאזיקן „ן“ פאלט ניט ארויס „ע“, וואס איז פאראן אין ערשטן פאל. ווען דער „ן“ איז א לעבעדיקער און ווען ניט — זע § 22.

אויפגאַבעס.

198. בייגט די ווערטער לויט דעם אָנווייז אין דער אויפגאַבע 195:

מוסיע, מענדל, ישראל, פייגע, סיני, ניעמאַן, ווילנע, ראַבינאָוויטש, שעפּס, הערשבער, גאָלדבערג, פוילן, מצרים.

199. אַלע אייגננעמען באַקומען אַן ענדונג אין דעם 3־טן און 4־טן פאַל? וועלכע באַקומען יאָ? וועלכע — ניט?

200. ווייזט אָן דעם פאַל, אין וועלכן עס שטייען די זאַכווערטער. אַנשטאָט דעם פרעגצייכן שטעלט אַוועק, וואו מען דאַרף, אַן „ע“.

שפּרינצ?ן רויטלט זיך די צורקע. ווייזט מען דיר, וואו דעם מלך שלמהס פּאַלאַץ איז. פעסיע איז ניט קיין גבירטע. איך האָב געמוסרט גאָלד?ן. דו פליסט אַרום אָן אַרבעט פון כאַסי?ן צו באַסי?ן. ביי גרונעמ?ן אין מיל האָט זיך אַ ברעט צעבראָכן. איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן ביי גאָלד?ן אין שטוב אַן אָפּטער גאַסט. ר׳ וועוול?ן גלוסט זיך פליישיקס עסן. מיין שמערקע האָט אַליין געגעסן, אָן בערק?ן גאָר פאַרגעסן. גאָלדע האָט מיר געהייסען צוריקנעמען דאָס געלט. נישט גאָלדעס שיינע גוטע מעלות זיינען מיר געפעלן. האָט ער געזאָגט צו ר׳ טביה?ן, אזוי האָט מען גערופן אונזער אביון. אזוי האָט געטראַקטירט ר׳ פייטל זיין שכן טרייטל?ן (ריוו.). די מאַמע ווינקט צו לאה?ן, טאַפּנדיק דעם חולה ביי די פיס... לאה נעמט די אַנשלאָפן געוואָרענע קינדער און טראָגט זיי איבער אויף זייערע ערטער, הייסט שלמהל?ן אויך גיין אויף זיין אָרט שלאָפן (מענדעלע). בערעלע איז העכער און פולער פאַר יאַנקעל?ן, אויגן האָט ער העלערע און זיין קוק איז שטרענגער (ר.). זאָל ער זיין דערוויל ביי פעסיע?ן. זיי האָבן נישט דערגעסן, נישט דערטרונקען, כדי צו צאָלן פאַר משהל?ן שכר־לימוד. אוי, וואָלט ער געוואָלט איצט זען משהל?ן מיט שלמה־יעקב?ן. מען דאַרף לבנ?ן אויף יום־טוב אַ ביסל אויספּוצען. מען דאַרף אַמאָל זיך דורכפאָרן רייטנדיק אויף

משותלחן און דוקא אלע תלמוד־תורה ייִנגלעך מיט אַמאָל. יאָסעלע?ן גיט אַ קלאַפּ דאָס האַרץ. צומאָרגנס אין דערפרי האָט מאָטקע?ן אויפגעריסן פון שלאָף אַ לאַנגער שניידנדיקער פייף. מיר געזעגענען זיך מיט גאָלדעלע?ן. צוויי מענטשן האָבן ניט געקענט פאַרגעסן מתושלח?ן. און גאָלדבערג האָט שוין געמוזט נעכטיקן און קעסט עסן ביי עלקינס?ן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען אָסנת?ן אַרויסגעלאָזט פון שפּיטאָל. איך גיב אָפּ קאַרפּ?ן מיין גאַנצן פאַרמעג?ן. ער פלעגט לערנען מיט שיינדעלע?ן.

דאָס ביִיוואָרט.

באַגריף וועגן ביִיוואָרט. דאָס געשלעכט. די צאָלן.

ביישפּילן.

1. ווידער ברענט דאָס אַלטע לעמפּל
אויפן הויכן, שיינעם אָרט...
ריין און הייליק, ליב און טייער
דאַרפן אונדז אויף אייביק זיין
זייער שטילער מילדער פייער,
זייער ליכט און זייער שיין (פרוג).
אויף די גרינע צווייגעלעך
וואַקסט אַגאָלדן עפּעלע (פּרק).

2. אַ גוטער טאַטע ביי זיי — אַ גאָלד! די מאַמע איז אויך אַ גוטע, נאָר אַ בייזע.
ס'איז אַ לאַנגער שמאָלער בלויער פּאַס,
ווי אַ לאַנגע שמאָלע בלויע סטענגע (ש. — ע.).
אַ נייער בעזעם קערט גוט (שפּר.).
און פּאַר יונגע קינדער גייט אַ וועלט אַ נייע (נסתר).
לעבן גייט אַ נייעם ערשט פּאַר קינדער קליינע (נסתר).

3. (זע ביישפּ. צום § 9). די פעלדער די ברייטע — זיי שטייען אין גריבער צעגראָבן (אַד). אויף זייער גאַס זיינען דאָ גרויסע מויערן, גרויע ווענט, הויכע קוימנס (ש. — ע.).

4. און ליב איז דער טאַטע און ליב איז די מאַמע,
און הייליק איז זייערס אַוואָרט;
און שניי־ווייס דאָס שטיבל... און ליכטיק איר אַלקער... (אַד.).

שוואַרצע אויגן ברענען, גליִען,
דיינע זיינען שוואַרץ (סעג).

אויספיר § 41.

דער נאמען פון אן אייגנשאפט הייסט בייוואָרט. דאסזעלביקע בייווארט קען אמאל האבן א לענגערע פארם און אמאל א קירצערע פארם. די קירצערע פארם איז דער שטאם פונם בייווארט. דער צוואוואקס צו אט דעם שטאם איז די ענדונג פונם בייווארט (זע § 17).

פארשיידענע זאכן קענען האבן איין און דיזעלביקע אייגנשאפט. איין און דאסזעלביקע בייווארט קאן זיך, הייסט עס, באציען צו פארשיידענע זאכווערטער פון פארשיידענע מינים. דאס בייווארט גופא האט דעם מין פונם זאכווארט, צו וועלכן עס באציט זיך. שטייט דאס בייווארט ביי א זאכווארט פון מענלעכן מין — איז דאס בייווארט מענלעך. שטייט דאסזעלביקע בייווארט ביי א זאכווארט פון ווייבלעכן מין — איז עס שוין ווייבלעך א. אז. וו. (זע ביישפ. 2). בכן, הענגט דאס געשלעכט פונם בייווארט אפ פון דעם זאכווארט. קירצער זאגט מען עס: דאס געשלעכט פונם בייווארט שטימט מיט דעם געשלעכט פונם זאכווארט.

דאס בייווארט האט צוויי צאלן: אייכצאל און מערצאל. דאס בייווארט שטימט אויך מיט דעם זאכווארט אי דער צאלפארם (ביישפ. 3).

די קורצע פארם פון בייווערטער בייט זיך קיין מאל ניט: זי איז איין אלע מינים און אין ביידע צאלן דיזעלביקע (ביישפ. 4).

אויפגאַבעס.

201. פאַר וואָס הייסט דאָס בייוואָרט — בייוואָרט? וואָסער טייל אין זאַך איז געוויינטלעך דאָס בייוואָרט? וואָסער טייל אין זאַך איז געוויינטלעך די קורצע פאָרם פונם בייוואָרט?

202. שרייבט אויף אַ פּאָר זאַצן, וואו בייווערטער זאָלן שטיין אין זייער לענגערער, זייער פולער פאָרם, און שפעטער נאָך אַ פּאָר זאַצן, וואו דיזעלביקע בייווערטער זאָלן זיין אין דער קורצער פאָרם.

203. די לענגערע און קירצערע פארם פון בייווערטער.

די מעשה איז גאָרניט פריילעך. און די גרויסע אַלטע ביימער שאָקלען מיט די גרינע צווייגן. איך בין געפאָרן לאַנגע טעג אינם ווייטן שווערן וועג. דאָ איז גראָס, דאָ איז פריי, דאָ איז ליכטיק, דאָ איז פריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז גוט (ש.—ע.). מען הערט ריידן אַ יידיש וואָרט. ווי איז דעם, וואָס האָט קיין מאַמען אויף דער גרויסער וויסטער ערד! שלאָף, מיין טייערער, מיין ליבער, מאַך די אויגן צו און רו (איינ.). דער שניידער איז געווען אַ קליין דאר יידל מיט אַ בלייך פנימל. טראָפנס טוי ווי פערל גלאַנצן אין די לעצטע אוונט־שטראַלן, אין די פייכטע גרינע טאלן שלאָגן פרישע, קאַלטע קוואַלן (פרוג.). טשעטשעק האָט ארויסגענומען פון אַ רויט שאַכטל אַ פידעלע, אַ קיילעכדיקס מיט אַ מאָדנע בייכעלע, האָט ארויפגעלייגט אויף דעם די גרויסע צעשפרייטע באָרד מיט די גרויסע געזונטע הענט (ש.—ע.). אַ ציינגל האָט לייזער געהאַט אַ געשליפנס, זייער אַ גענויפיקס (מענדעלע). קיינער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו באַמערקן דעם בלאַסן יונגנמאַן, וואָס האָט נאָכגעשלעפט נאָך זיך אַ שוואַך און אַ בלאַס קינד (פרץ). מיט קערנער קליין פאַרזייט זיין פעלד דער פויער. אַ קליינרוסישער פויער מיט זיין רויט העמדל און שוואַרצן הוט שטייט און קוקט. אַ שפיגעלע האָב איך פאַר מיר געהאַט לייזערס אַן אַרבעטער, אַ דאַרער, איינגעהויקערטער, אויסגעבלייכטער בחור (מענדעלע). זי האָט מיט אַלע כוחות אויסגעצויגן אירע לאַנגע שוואַכע בלעטלעך צו כאַפן נאָך

אַ וואַרימען, נאָך אַ ליכטיקן שטראַל (פּרץ.) משהלע שטייט לעבן זיין ליב זילבערן לעמפּלע. אין דער נאַס איז לעבעדיק, פרייִלעך. ווילט איר אפשר זיין אַ בעלן אָנקוקן מיין שיינעם גאָרטן? שלעפּט ער זיך עלנט אין אפענעם שנייאיקן פעלד (מ. ל.). יאָ, איך ליב זיין איידעלן שפּילן. די טייערע ליבע חנוכּה־טעג געדענקט משהלע אַ גאַנץ יאָר (ספּ.). אַמאָל איז געווען אַ שעפּסעלע שיין, אַ שעפּסעלע קליין (קול.).

204. וועלכע ענדונגען קענען בייוועטער האָבן? (אויפן סמך פון דער אויפגאַבע 203).

205. ווייזט אָן דעם מין און די צאָל פון די בייוועטער.

אַ לייב, אַ שטאַרקער און אַ גרויסער, אַ פוקס און אַ קליין הינטל האָבן געמאַכט יד אחת. גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגן; אַ פּאַק מיט גראָז, מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקעדיקע גראָזן (ש.—ע.). העל און ליכטיק איז דאָס שטיבל, און דער אַלקער, און דאָס נערטל, און דאָס קליינע, ווייסע הייזל פון די זיבן חלב־ליכטלעך, וואָס זיי ברענען מיט אַ געלן, מיט אַ ווייכן, פרומען שיין (אד.). דער שרעקלעכער ווינט, דער געפערליכער שטורעם — ער ראַנגלט זיך דאָרט מיט אַ שיף אויפן ים (מ.ר.). דער גאון פון ווילנע . . . אַ זקן אַ קלוגער; אַ געגזונטע פּעדער אין האַנט . . . אַנטקעגן דעם גאון אַ מזרח אַ גרויסער . . . אַ ווייסע מנורה מיט רערעלעך זיבן, מיט גרויסע צווי סאַרנעס ביים זייט (אד.). אונזער אַלטער זייגער ליגט אויף דער ערד, אָנגעטאָן אין ווייסע תכריכים (ש.—ע.). אַ שטילע ליבע אימה הערשט איבער אַלץ. קילער, שטילער אָוונטווינט, ס׳רוט די גאַנצע וועלט אַצינד (פיכ.) דאָס קליינע מענט־שעלע איז מיר נישט אַרויס פונם זינען (מענדעלע). דאָרט ווייט אין אַ שטעטל אַ קליינס אין דער ליטע, דאָרט קענסטו נאָך טרעפן דאָס יידישע קינד, וואָס ווייס נישט פון רוישיקע שטעט (נייד.). שטיל פאַרוועלקט דאָס לעצטע, לעצטע בלימל. און בלוי איז דער הימל און בלוי איז דער דרויסן, און בלוי איז דאָס וואַסער פון טייך, וואָס נעמט ווי אַ גאַרטל אַרום ס׳גאַנצע דערפל — און בלוי איז דאָס ווינטל און ווייך (אד.). אַ וואַלד. ביימער־סאָסנעס געוויקסיקע ציען זיך ווי אַ סטרונע גלייך, הויך אין הימל אריין, אונטן גלאַט־נאַקעט און אויף די קעפּ גרינע היטלען קאַפּעליושן אַ ים. צווישן וועלכע עס ברעכן זיך דורך שטראַלן ליכטיקע פון דער זון און באַלייגן דאָס ריינע סאַמעטענע גראָז זיי ביי די פּיס מיט העלע פּאַסן גינגאָלדענע. פאַר דעם וואַלד שטייען קליינע געדיכטע וועלדלעך פון נידעריקע יונג־פרישע זאַפטיקע ביימלעך כּל־המינים, צעוואָרפן דאָ, דאָרטן, אויף אַ היפּשן, פרייען, מיט גרעזלעך און שמעקעדיקע קרייטעכצער באַוואַקסענעם פּלאַץ (מענדעלע).

פאַריתומט בלייבט דאָס בערגלדיקע פעלד,
דער פויער פירט אַראָפּ די לעצטע נאַרבן,
און אויף דער ברייטער שטעכעדיקער באַרשט
פאַרגליווערט בלייבן אַבלדיקע פאַרבן (יפה).

206. וואָסערע ענדונגען האָבן די בייוועטער אין מערצאָל?

207. טרעפט די רעטענישן:

א) אַ גראָבע מאַמע,
אַ רויטער טאַטע,
אַ הויכער זון,
אַ משוגענע טאָכטער.
וואָס איז דאָס?

ב) אַ ברייטע מוטער,
אַ הויכער פֿאָטער,
אַ בלינדע טאָכטער,
אַ משוגענער איידים,
אַ פלינקער אייניקל.
וואָס איז דאָס?

פֿאַרגלײַכגראַדן.

בײַשפּילן.

1. דו מיידעלע דו שיינס, דו מיידעלע דו פיינס,
איך וועל דיר עפּעס פרעגן אַ רעטעניש אַ קליינס.
וואָס איז העכער פאַר אַ הויז?
וואָס איז פלינקער פאַר אַ מויז?
דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
דער קוימען איז העכער פאַר דעם הויז,
די קאַץ איז פלינקער פאַר דער מויז (פ. ליד).

2. רייזעלעס בלייך פּנימל איז בלייכער געוואָרן. און שווער און שווערער ווערט די נעץ (פרץ.) ס׳ווערט דער הימל בלויער, העכער (נייד.).

3. האַנדלען מיט צירונג טייערע, מיט כלים און בשמים טייערסטע (פרץ). אויף די הויכע טאַפּאָלשפּיצן שלאָפט איין דאָס העכסטע בלאַט (יהואש). דאָס שענסטע לידגעזאַנג, די שענסטע מעלאָדיען ניט זינג ביים בליען, נאָר זינג ביים אונטערגאַנג.

שטאַרק, שטאַרקער, דער שטאַרקסטער.
הויך, העכער, דער העכסטער.
טויט, ליימען, היינטיק, ווילנער.

אויספיר § 42.

דיזעלביקע אייגנשאפט קאן זיין אין א סך זאכן. אין איין זאך אבער קען די אייגנשאפט זיין מער אין א שטארקערן גראד, אין א פולערער מאס ווי אין דער צווייטער. ס׳קען אויך זיין א זאך, וואו די אייגנשאפט איז פאראן מער, איז שטארקער אויסגעדריקט ווי אין אלע איבעריקע זאכן פון דעם גאנצן מין. דעריבער האט דאס ביווארט צוויי פארגלייכגראדן, כדי אונדז צו וויזן, אין וואסער מאס, און וואסער מדרגה איז די אייגנשאפט פאראן אין דער זאך לגבי אנדערע זאכן מיט דערזעלביקער אייגנשאפט.

מיר אונטערשיידן צוויי פארגלייכגראדן:

1. דעם ערשטן פארגלייכגראד, וואס פארגלייכט אייגנשאפטן אין צוויי זאכן (אדער אין צוויי מאמענטן) און ווייזט אן, אז די אייגנשאפט איז אין איינער פאראן אין א גרעסערער מאס, אין א העכערער מדרגה לגבי דער אנדער זאך.
2. דעם צווייטן אדער דעם העכסטן פארגלייכגראד, וואס פארגלייכט אייגנשאפטן אין אלע זאכן, וואס פארמאגן נאר זיי, און ווייזט אן, אז די אייגנשאפט האט אין דער זאך דערגרייכט די העכסטע מדרגה, די גרעסטע מאס, זי איז אין איר מער ווי אין אלע איבעריקע זאכן פון דעם זעלביקן מין.

בײדע פאַרגלײכגראַדן בילדן זיך פונם בײוואָרט, פונם יסוד, וואָס װײזט אָן, אַז ס'איז פשוט פאַראַן אַ געװיסע אײגנשאַפט אָדער אַז אין די זאַכן איז די אײגנשאַפט אױסגעדריקט אין דער זעלביקער מאָס.

פאַראַן בײװערטער, װאָס האָבן ניט קײן פאַרגלײכגראַדן (פאַרוואָס?).

אױפגאַבעס.

208. װאָסער ענדונג קומט צו צום בײװאָרט (אָדער צום יסוד־גראַד) אין דעם ערשטן פאַרגלײכגראַד? װי איז די ענדונג פונם העכסטן פאַרגלײכגראַד?

209. שרײַבט אױף דרײַ בײװערטער, װאָס פאַרמאָגן ניט קײן פאַרגלײכגראַדן.

210. װי זײַנען די פאַרגלײכגראַדן פון אָט די בײװערטער: ליבלעך, גוט, פײַן, רײן, קורץ, רױט, טונקל, נאָענט, ביטער, טרוקן, גראָב, אײדל, קלײן, קרענקלעך, שלעכט, שאַרף, געזונט, פרום, זײַדן, נעבעכדיק, הינטערשטער, צײַטיק, נאַטירלעך, װײניק, בײז, שטאָלץ.

211. װײַזט אָן דעם פאַרגלײכגראַד; דערקלערט, פאַרוואָס ער װערט דאָ באַנוצט; װײַזט אָן דעם יסוד און די ענדונג.

און גרונם גײט אַהײם אװעק װי אַ בער אָן אַן עק, נאָך בלײכער און נאָך גרינער, אָן װאַסער און אָן הינער (ריװ.) די נאַכט װערט שפּעט און שפּעטער (יהואש). חברשאַפט איז שטאַרקער װי ברודערשאַפט (שפּר.). ער האָט זיך געהאַלטן נידעריקער פאַר אים. דאָס לײַכטסטע איז צו געבן יענעם אַן עצה, דאָס שװערסטע — זיך אַלײן (שפּר.). דער מהלך צװישן אים און פּרעמל איז ניט לענגער און ניט קירצער (פּרק.). דער בעסטער ביסן קומט אָן דעם ערגסטן הונט (שפּר.). ביסט די קלינגסטע, ביסט די שענסטע. אַ מענטש איז אַמאָל שטאַרקער פון אײַזן און אַמאָל שלאַפער פון אַ פליג (שפּר.). װערן ברײטער װי לענגער. די הימלען װערן טונקעלער. װען פרײט זיך דער הױקער? אַז ער זעט אַ גרעסערן פון זיך (שפּר.). בעסער בײַם ערגסטן צו האָבן אײדער דעם בעסטן שולדיג צו זײַן (שפּר.) תורה איז די בעסטע סחורה (שפּר.) די־ים איז דעם מענטשנס געפערלעכסטער שונא. שענער אַ מיאוסע לאַטע אײדער אַ שײנע לאָך (שפּר.) נאָר זײער כעס איז אַלץ שטאַרקער און װילדער גע־װאָרן (דינ.). דאָס שטיבל האָט גענומען אױסזען שענער, ציכטיקער. דער װײַטסטער װעג איז צו דער קעשענע (שפּר.). זײ קענען שױן די קלענסטע שװאַלב אױף זיך ניט דערהאַלטן (פּרק.). שטאַרק איז די פעסטונג און שטאַרקער די קײטן. פאָלג זשע מיר, אַן עלטערן און אַ געניטערן (מרד.) עס װערן שױן רױטער און שװאַרצער די קאַרשן. דו קומסט שױן ניט, מײַן פרײַנט, צו מיר, מײַן טײַערסטער, מײַן נענטסטער (סעג.). דער זײדע ר' מאיר איז דער גרעסטער גביר פון שטאָט. װאָס אַ טאָג מער, װערט אַלץ לוסטיקער און לעבע־דיקער אױפן ברעג. עס איז טונקעלער געװאָרן, עס איז אָבער פיל הײמישער און פרײלעכער. ער הײבט אָן לײענען אַ תחינה אױף דער דינסטער סטרונע (מרד.) קילער װערן די טעג, לענגער די אומרואיקע נעכט (פּרק.) פון קלענסטן גרעזל אין װאַלד ביז דער העכסטער צום הימל געװאַקסענער סאָסנע, ביזן שטאַרקסטן צעלײגטן דעמב — לאַכט דיר אַלץ אַנטקעגן (פּרק). מײַן פּאָן

איז שענער פון אַלע פּאָנען, מיין עפּל איז רויטער פון אַלע עפּל, מיין ליכטל איז גרעסער פון אַלע ליכטלעך (ש.—ע.). ערנסטער ווערט דאָס פּנים ביי זיין אַלטן שכן (פּרץ.) דער עולם הייבט אָן ווערן קלענער און זיין פּנים פינסטערער (פּרץ). און עס טרינקען וויינען בעסטע פון דער לאַנד די שררות גרעסטע (טייטש). דאָס יאָר איז געווען דאָס געראטנסטע יאָר, צייט מענטשען געדענקען, און די צייט איז געווען די הערלעכסטע — דער רייפער זומער (אש). וואָס ווייטער ווערט דאָס כריפען גרעסער און דאָס קלינגען שטילער און אומעטיקער, און דער טאַטע ווערט מרה־שחורהדיקער (ש.—ע.). די יינגסטע, די קרעפטיקסטע מענטשען — זיי שטייען אין פלאַקער (אַד.). געביידעס אומגעהויער, די גרעסטע אין דער וועלט, דאָך וואוינונגען די קלענסטע און לופט פאַר קינדער פעלט (ר.).

212. ס'איז פאַראַן נאָך אַ מיטל צו בילדן די פאַרגלייכגראַדן: אנשטאָט ענדונגען צום סוף פונם יסוד לייגט מען צו גאַנצע ווערטער, וואָס גיבן צו דעם באַטייט פון די פאַרגלייכגראַדן. אפשר וועט איר זיך אָנשטויסן, ווי מען מאַכט עס. וואָסערע ווערטער מען דאַרף צולייגן פאַר יעדן פאַרגלייכגראַד? פאַרבייט אין דער פריערדיקער אויפגאַבע די ענדונגען פון די פאַרגלייכגראַדן מיט די ווערטער: מער, ווייניקער, סאַמע א. אַז. וו.

213. וועלכע פאָרווערטער אָדער אַנדערע ווערטלעך ווערן געשטעלט נאָך די פאַרגלייכגראַדן, בשעת עס קומט נאָך זיי דאָס, מיט וואָס עס ווערט פאַרגלייכט? ווען ווערט באַנוצט ביי פאַרגלייכונגען דער יסוד־גראַד?

214. וועלכן אַרטיקל באַנוצט מען געוויינטלעך מיט דעם העכסטן פאַרגלייכ־גראַד? פאַרוואָס דוקא דעם אַרטיקל?

215. א) וואָסער וואָרט ווערט קירצער, בשעת מען לייגט צו צו אים צוויי אותיות? (גר. ביימ).

ב) וואָס פאַר אַ זאַך ווערט גרעסער, וואָס מער מען נעמט פון איר? (פּרט).

ג) וועלכער ייד טראָגט דאָס גרעסטע היטל? (פּרט).

ד) וואָס איז עס: העכער ווי אַ הויז, קלענער ווי אַ מויז, זיס ווי צוקער, ביטער ווי גאַל? (פּרט).

בייגונג פון בייווערטער.

ביישפּילן.

1־טער פאַל.	דער ווינט דער בייזער פייפט און שפּילט און לאַכט (ר.).
2־טער פאַל.	פון די שטויסן פון בייזן ווינט האָבן די צווייגן זיך געשאָקלט אהין און אהער.
3־טער פאַל.	אַלע טאָג פלעגט ער קומען אויף אַ בייזן ווינט.
4־טער פאַל.	קיין כח קען דעם בייזן ווינט ניט איינשטילן.

1־טער פאַל. אונדזער גלעזערנע שאַפע איז צונויפגעוואַקסן מיט דער וואַנט.
2־טער פאַל. די טירן פון דער גלעזערנער שאפע זיינען געווען אפן.
3־טער פאַל. מיין ברודער אליהו כאַפּט אַ קוק אויף דער גלעזערנער שאַפּע.
4־טער פאַל. מען האָט געגעבן אַ נעם אונזער גלעזערנע שאַפּע.

1־טער פאַל. דאָס קליינע קינד ליגט אין וויגעלע.
2־טער פאַל. דעם קליינעם קינדס אייגעלעך האָבן געגלאַנצט פון פרייד.
3־טער פאַל. גיב דעם קליינעם קינד אַ צאַצקעלע.
4־טער פאַל. אויף זיינע שטאַרקע הענט טראָגט ער דאָס קליינע קינד.

1־טער פאַל. ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן.
2־טער פאַל. אַ גרויסן מענטשנס נאָמען ווערט קיין מאָל ניט פאַרגעסן.
3־טער פאַל. דער סטאָליאַר האָט געמאָסטן די שאַפּע מיט זיין גרויסן רויטן נאָגל (ש.־ע.).
4־טער פאַל. מיטן בעזים וועט ער יאָגן און אַ גרויסן בער דערשלאָגן (פרק).

1־טער פאַל. אָט די גרויסע מאַדאַם איז אַ קראַנקע.
2־טער פאַל. דער גרויסער מאַדאַמס טאָכטער האָט חתונה געהאַט.
3־טער פאַל. רייזעלע האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף דער גרויסער גראָבער מאַדאַם (ר.).
4־טער פאַל. ער האָט אַ גרויסע שטוב געהאַט.

אויספיר: § 43.

דאס בייווארט אין דער לענגערער פארם שטימט מיט דעם הויפטווארט ניט נאר אין צאל און מין, נאר אויך אינם פאל. בכן ווערט דאס בייווארט געבייגט און עס האט די זעלביקע פאלן, וואס דאס הויפטווארט.

אויפגאבעס.

216. דורך וואָס ווערט געוויינטלעך אויסגעדריקט די זאַכבאַשטימונג? וואָסער זאַכבאַשטימונג שטימט מיטן וואָרט, צו וועלכן עס באַציט זיך, אין צאָל, מין און פאַל? טראַכט צו אַזוינע זאַצן, וואָס זאָלן האָבן זאַכבאַשטימונגען, וועלכע שטימען ניט מיטן וואָרט, צו וועלכע זיי באַציען זיך. דורך וואָס ווערן אויסגעדריקט אַזוינע ניט מיטשטימענדיקע זאַכבאַשטימונגען?

217. ווי בייט זיך דאָס בייוואָרט אין מערצאָל? ווי בייט זיך די קורצע פאָרם פונם בייוואָרט? וועלכע פאַלן האָבן ענלעכע ענדונגען?

218. בייגט פאָלגנדיקע בייווערטער צוזאַמען מיט הויפּטווערטער אין גאַנצע זאַצן (לויט די אָנווייזן צו די אויפגאַבעס 190 און 195).

די טייערע שוועסטער, אַ וואוילער יונג, דאָס דינע גלאָז, דער איידעלער חבר, אַ מיאוסער פּסק, אַ ברוינע קו, דער ווילנער לערער, דאָס פיינע מיידעלע.

219. אין וועלכע פאַלן באַקומט דאָס בייוואָרט מיטן אומבאַשטימטן אַרטיקל אַן אַנדער ענדונג אין פאַרגלייך מיט דעם זעלביקן פאַל צוזאַמען מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל? ווען איז דער „נון“ פון דער ענדונג אין בייווערטער אַ לעבעדיקער? ווען ווערט ער פאַרביטן דורך אַ „מ“? וועלכע בייווערטער האָבן קיין ענדונג ניט?

220. ווייזט אָן דעם פאַל, די צאָל און דעם מין, אין וועלכן עס שטייען די בייווערטער.

גיסט אָן די כוסות פול מיט וויין לכבוד דער הייליקער תורהלע (פ. ליד). אַ שעפּס, ס'ווייזט אויס אַ גרויסן נאַשער, האָט זיך פאַרגלוסט אַ טרונק אַ קאַלטן וואַסער. אויף דעם הויכן באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז האָב איך קינדווייז שטום אָפּגעטרוימט מיין גליק (ביאַל.). איך האַלט דאָס קליינע מענטשעלע, איך שפּיל זיך מיט דעם קליינעם מענטשעלע, איך בין גאָר אַליין אַ קליין מענטשעלע, שפּרינג אין די אויגן ווי אַ קליין מענטשעלע! הכלל, דאָס קליינע מענטשעלע איז מיר נישט אַרויס פון זינען. זיי האָבן נאָך מער אין מיר אַריינגעשלאָגן דעם געדאַנק פון אַ קליין מענטשעלע (מענדעלע). איבערן פאַרשאָטן וועג פון וואַלד גייט אַ געשטאַלט אַ ווייבערישע, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל. קומט דאָס פאָרפאָלק אַ ביסל צו זיך, קוקן זיך איבער, פירן מיט גרויס פרייד דעם ווייבערישן וואונדערלעכן גאַסט. האָט אים אָבער זיין ליבער נאָמען אַ זיס טעכטערל באַשערט. און זע, ליבער, האַרציקער גאָט, פאַר מיין ליבער, האַרציקער טאָכטער וועגן אַ זיווג אַ כשרן (פרץ). ער האָט אַרויסגעגעבן אַ שטאַרקן און אַ לאַנגן פייף. מיט די ווייסע ברייטע פליגלען זיינען די מלאכים געשוואומען אונטערן ברייטן בלויען הימל (ש. — ע.). איך האָב אין איין אויגנבליק פאַרגעסן דעם שוואַרצן כלב מיטן שרעקלעכן לייב מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן (ש.—ע.). ברײנע די קעכין... ווישט די הענט אינם קויטיקן פאַרטעך, טוט אַ שמיר מיט דער פעטער האַנט איבער דער נאָז און לאָזט איבער אַ שוואַרצן צייכן איבערן גאַנצן פנים (ש.—ע.). די אָרעמע יידישע קרעמלעך פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן מיט שווערע אַלטמאָדישע שלעסער (סעם). ער איז אומגעקומען אין פרייען פעלד פון פראָסט אָדער פון הונגעריקע וועלף (וויים).

ליטע.

עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אויף די טונקעלע פעלדער און רוט אויף די איינזאַמע ביימלעך, וואָס שטייען צעוואָרפן אויף זיי; דער בלויער פאַרטרויערטער הימל, וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער אַרונטער דורך ווייסלעכע זיידענע נעפּלען, דערפילט מיט אַ צערטלעכן ווײ;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטן, וואָס שטאַרבן ווי עלנטע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדן זיך שטיל אין אַ בלאָסן, אַ קרענקלעכן שיין;
די מאָרגנס, וואָס וועקן זיך אויף ווי אַ שמייכל אויף גוססע ליפּן;
די טעג, וואָס ערשיינען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זיין;
די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען פון אונטער די ברוגזע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצן זיך אָרעמע בלימעלעך שטיל:
די קליינע בעריאָזעווע וועלדלעך אויף ברייטע אומענדלעכע שטרעקעס,
ווי איינציקע ליכטיקע טרוימען אין תהום פון אַ שוואַרצן געפיל (איינהאָרן).

דאָס צאָלוואָרט.

ביישפּילן.

1. איינס און צוויי
און דריי און פיר,
וואָס מיר זיינען
זיינען מיר.
כאָטש מיר זיינען
יונג און קליין,
ווי די העלדן
דאַרף מען גיין.

פינף און זעקס
און זיבן, אַכט,
ניט געוויינט
און ניט געלאַכט.
ניט געשטאַנען,
נאָר ניט שטיין.
ניט געלאָפן,
גיין! נאָר גיין!

ניין און צען
און עלף און צוועלף,
טרעפסט אַ פויער,
זאָג: גאָט העלף!
טרעפסט אַ פויגל,
זאָג אים: פליי!
טרעפסט אַ בלימל,
זאָג אים: בליי!

(קאַצנעלסאָן).

2. הער נאָר צו, דו אַלטער מאַן!
וואָס טויג דיר צען ווייבעלעך?
די ערשטע קערט מיר דאָס שטיבעלע אויס.
די צווייטע וואַרפט דאָס מיסט אַרויס.
די דריטע הייצט דעם אויוון איין.
די פערטע שטעלט אַ טעפּעלע אַריין.
די פינפטע פּילט אַ שטיקעלע פיש.
די זעקסטע גרייט דעם מאַן צום טיש.
די זיבעטע גייט אין קעלער אַריין.
די אַכטע צאַפּט אָן מעד און ווייַן.
די ניינטע גיסט אין פלעשל אַריין.
די צענטע ברענגט פאַרן מאַן דעם וויין.

אויספיר § 44.

דער נאָמען פון אַ צאָל הייסט צאָלוואָרט. דאָס צאָלוואָרט קען אָנווייזן די צאָל פון די זאַכן, עס קען אויך אָנווייזן דעם סדר פון די זאַכן אין אַ גאַנצער ריי. דעריבער ווערן די צאָלווערטער איינגעטיילט אין יסוד־צאָלן און סדר־צאָלן: די יסוד־צאָלן ענטפערן אויף דער פראַגע וויפיל? די סדר־צאָלן — אויף דער פראַגע: וויפילסטער? וועלכער?

אויפגאַבעס.

221. מיט וואָסערן אַרטיקל באַנוצט מען די סדר־צאָלן? פאַרוואָס דוקא מיט דעם?

222. די יסוד־צאָלן און די סדר־צאָלן.

עס האָבן צוויי ברידער גזלנים געלעבט אין פינסטערן וואַלד אין די היילן; איינער פון זיי איז אַ יונגער געווען, דער צווייטער — אַן אַלטער, אַ בלינדער (מ. ל.). דער פינפטער פרילינג גייט איר שוין אַנטקעגן פון דער ווייט (נייד.). פירט מען מיך אַריין אין דעם צווייטן חדר, גיט מען מיר דאָס ביקסעלע אויף פינף יאָר כסדר. אַז אַך און אַז ווי איז צו מיינע יאָרן, אַז איך בין אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר (פ. ליד). ערשטער מלאך פון דער נאַכט, וואָס האָסטו מיין קינד געבראַכט? (מ. ל.). אַ שיפעלע באַווייזט זיך נאָנט. צוויי שיפערס זיצן דאָרט. דער ערשטער וואַרפט דעם נעץ אַרויס, דער צווייטער רודערט שטיל (סעג.). אַז צוויי זאָגן שיכּור, דאַרף זיך דער דריטער לייגן שלאָפן (שפר.). איידער מען ווערט זיבעציק יאָר קומט אַלץ פאַר די אויגן (שפר.). איין מאַמע קען צען קינדער צופרידן שטעלן, אָבער צען קינדער ניט איין מאַמע (שפר.). וואו זעקס ווערן זאַט, האָט דער זיבעטער גענוג (שפר.). עס גייען ביי מיר צום טיש צוועלף, וועט זיין אַ דרייצנטער (ש.־ע.). יאַנקעלע און בערעלע, צוויי ברידערלעך, דער ערשטער פערצן יאָר אַלט, דער צווייטער — זעכצן, — לערנען שוין באַלד דריי חדשים אין דער ישיבה. וואָס געפינט זיך אין דער גרויסער שטאָט, פינף מייל פון זייער געבורט־שטעטל (ר). איך צייל: אַ קערבל מיט דריי צוואַנציקער־, מיט פיר גילדן, מיט פינף גריוונעס, מיט זעקס פיטאַקלעך, וויפל מאַכט דאָס אינאיינעם? (ש.־ע.). דאָס וואָרט „טשאָרט” ווערט איבערגעחזרט אפשר הונדערט מאָל (ש.־ע.). זיי ביידע אַרבעטן אין איין וואַרשטאַט און פאַרדינען צו פינף דאָלאַר אַ וואָך. אזוי טראַכטן די דריי שיינע קעפּלעך און קוקן שוין אַרויס, אַז ביים טאַטן זאָלן זיך שוין אָנקלייבן אַ סך, אַ סך שאַכטלען און ער זאָל זיי נעמען אַלע אויפן קאָפּ און אין ביידע הענט — אפשר טויזנט שאַכטלען — און זאָל מיט זיי אַרויסגיין אין מאַרק אַריין (ש.־ע.). צען יאָר זיינען אַוועק, דער עלפטער איז געקומען (פ. ליד). איינער האָט דאָס אויף דער לונג, דער צווייטער — אויף דער צונג (שפר.).

223. 1) איבערמאַכן די ווייטערדיקע צאָלן אין סדר־צאָלן און אָנווייזן די ענדונגען פון די סדר־צאָלן:

14, 16, 19, 21, 70, 100, 1000, 200, 791, 1013.

2) וועלכע סדר־צאָלן בילדן זיך ניט לויטן כלל?

224. 1) פראָוווט בייגן די ווערטער: „דער דריטער סאָלדאַט”, „דער צוואַנציקסטער נומער”. פאַרגלייכט מיט דער בייגונג פון די ווערטער: „דער מוטיקער סאָלדאַט”, „דער גליקליכער נומער”.

2) וואָסער טייל אין זאַץ קען זיין דאָס צאָלוואָרט? צי קען מען זאָגן, אַז צאָלווערטער זיינען אין תוך בייווערטער?

225. טרעפט די רעטעניש:

א) ווער קומט שטענדיק צום ערשטן אין שול? (פרט.).

ב) וויפיל בייגל קען מען אויפעסן אויפן ניכטערן האַרצן? (פרט.).

ג) וואָס ווערט אַ באַק נאָך זיבן יאָר? (פרט.).

ד) צוויי שטייען צוזאַמען: אַז ס'מישט זיך אַריין אַ דריטער, ווערט דער פערטער אין כּעס. וואָס איז דאָס? (פרט.).

ה) מ'האָט אָנגעצונדן זיבן ליכט. דריי האָט מען גלייך פאַרלאָשן. וויפיל זיינען געבליבן? (גר. ביים.).

ו) אין וועלכן חודש שניידט מען היי? (גר. ביים.).

דער פאַרנאָמען.

ביישפּילן.

טאַנצן וויל מיין מיידעלע!
אינם פיינעם קליידעלע
טאַנצט עס מיט געפיל (פרק).
ווען די קינדער אַרבעטן, איז זיי דאַמאָלסט פריילעך.
יידישע קינדער לויפט זשע געשווינדער, ס'רופט אייך דאָס פעלד.
טו ווי דער הימל, דער טייך און די ווערבעס:
איטלעכער חלומט זיין טרוים אין דער שטיל (יהואש).
אַ שיפעלע באַוויזט זיך נאָנט. צוויי פישערס זיצן דאָרט,
זיי קוקן שטאַרק אין טייך אַריין (סעג).

פיר שילער זיינען דערטרונקען געוואָרן זיך שיפנדיק. אַזאַ אומגליק טרעפט זיך זעלטן. מיר האָבן צונויפגעקליבן געלע, רויטע, בלויע און ווייסע בלומען. מיר האָבן צונויפגעקליבן כּלערליי בלומען. טויזנטער סאָלדאַטן זיינען אַוועק אין שלאַכט. אַלע זיינען אומגעקומען.

עס האָט ווער געעפנט די אוצרות פון שנייען בייִנאַכט. איז דאָס געווען אַן אַנדער ייד — דיין קרוב, דיין מחותן — כ'קען קיינעם ניט דערמאָנען איצט צום גוטן (ריוו.).

נאָר די מאַמע — זי איז איינע,
מער ניט איינע אויף דער וועלט.
דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתנה,
וועמען עס איז נאָר באַשערט (איינ.).

2. זיינען שוין גויים מיט שליטנס געפאָרן אין שטאָט. האָבן די גויים געפּו־נען דעם יידן פאַרוויייט, האָבן די גויים געפונען דעם יידן שוין טויט. האָבן די גויים אַרום זיך דעם טויטן צעשטעלט, האָבן זיין פעקל צעעפנט... האָבן

די גויים זיין טלית ותפילין באַטראַכט (מ. ל.). די נאַכט וואָלט רוען אויף איר געלעגער, די נאַכט וואָלט שלאָפֿן אין שטרענגן טרויער (נייד.).

אויספּיר § 45.

פאַראן א באזונדערער קלאס ווערטער און ווערטלעך, וואס זייער באטייט באשטייט דעריין, צו פארבייטן א לענגערן אויסדרוק. זיי ווערן געשטעלט, כדי זיך אויסצודריקן קירצער, כדי צו פאר־מיידן איבערחזורונגען. זיי פארבייטן א נאמען אדער א ריי נעמען פון זאכן, זיי ווערן אויך געשטעלט אנשטאט בייווערטער און אנשטאט צאלווערטער. אט אזוינע ווערטער הייסן פ א ר נ ע מ ע ן.

מיט פארנעמען האבן מיר שוין געהאט צו טאן; די ווערטלעך: איך, דו, ער, זי א. אז. וו., וואס וויזן אן אויף דער פערזאן, זיינען דאך פארנעמען (פארוואס?). זיי רופט מען פ ע ר ז ע נ ־ ל ע כ ע פ א ר נ ע מ ע ן. א חוץ זיי זיינען פאראן נאך אנדערע מינים פארנעמען.

אויפֿגאַבעס.

226. אַנשטאָט די פֿאַרנעמען שרייבֿט אויף דאָס, וואָס זיי פֿאַרבייטן.

נאָר אויפֿן טורעם דער וועכטער וואַכט: ער הערט (פֿרק). ליבֿ איז דער טאַטע און ליבֿ איז די מאַמע, און הייליק איז זייערס אַ וואָרט (אד.). צוויי יונגע טויבֿן וואוינען דאָרט, זיי וואָרקען, האַלדזן זיך (פֿרוג). האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל, ימען שפּאַלט ער מיט זיין האַנט (ביאַל.). ס'בֿליצט אין זון אַ ברייטע לוזשע, שטראַלן בֿרעקלען זיך אין איר (נייד.). דאַן שלאָפֿן שוין מער ניט די שוואַנען — עס פֿאַלט אָן אַ פּחד אויף זיי (סעג). און גלייך זי וואָלט זיך פֿאַרן ים דערשראָקן, באַהאַלט זיך אונטערן וואלקן די זון (פֿרק). אַ קראָע איז געשעען אַ נס, גאָט האָט איר צוגעשיקט אַ שטיקל קעז. אַלע רימען זיך מיטן אמת און קיינער האָט אים ניט (שפּר.). פֿון הימעל איז אַראָפּ אַ גזירה אויף אַלע חיות: ס'האָט דער בורא געשיקט אויף זיי אַ שרעקלעכע מגפֿה (ריוו.). זעט די פֿרוי די נויט און פּיין, קלעמט איר שטאַרק אין האַרצן איין. וויל זי לינדערן די נויט, טיילט זי פֿרוכטן, טיילט זי ברויט. כאַפּן מענטשן און זיי ווילן מיט דערמיט דעם הונגער שטילן (דודל). ביין עמוד שטעלט די פֿרומע תוה־לאה זיבן וואַקס־ליכט אין איין רייע, זיבן ליכט פֿאַר זיבן קינדער, און עס זאָלן פֿון זיי ניט מינדער, חס וחלילה, קיינער ווערן (יהואש).

שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווייגעלעך.
זיצט דערויף אַ פֿייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך (פֿרק).
דער סערפּ איז פֿון שטאָל, די סאָכע — פֿון אייזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונזער קראַפֿט, אונזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך איין איינציקער טריט (פֿרוג).

227. ווי מיינט איר, זיי ווער'ן געבויגט די פּערזענלעכע פֿאַרנעמען? ווען ווערן זיי געשטעלט אין דריטן פֿאַל? אין פֿערטן פֿאַל? (אויפֿן סמך פֿון דעם מאַטעריאַל אין דער אויפֿגאַבע 226).

228. שטרייכלט אונטער די פֿאַרנעמען.

שלאָף, מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שיינער...
בֿיי דיין וויגל זיצט דיין מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט;
וועסט אַמאָל פֿאַרשטיין מסתמא,
וואָס זי האָט געמיינט (ש.־ע.).

ער האָט געדינט זיין פֿאָלק, זיין לאַנד. דער וועכטער האָט דאָך זיינס געטאָן (פֿרק). פֿאַר אונדז איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן. איך בעט דעם חלק מיר דער־פֿאַר, ווייל איך בין אייער האַר. ס'האָט עמעץ באַזילבערט די ערד ביידער־נאַכט. עפּעס נעצט דאָרט, עפּעס פּלאַצט דאָרט, עפּעס שפּאַרט דאָרט אין די זייטן (בֿיאַל.). ס'ליגט ווי אויסגעגאָסן איטלעכס פֿיצעלע באַזונדער (מרד.). עפּעס אַ פֿוילקייט אַ זיסע פֿילט אָן יעדן גליד (מ. ל.). און דו, מערבֿ־ווינט געטרייער, טרייבֿ מיין שיף צו יענעם ברעג (בֿיאַל.). די לעצטע בלום וועלקט אויף איר שטאַם. און יעדער טאָן פֿון ליד זאָגט אָן: די זון איז אויפֿגעגאַנגען! (ר.). איך האָבֿ אַ האַרץ, וואָס קרענקט פֿאַר יענעם, וואָס ווערט פֿאַרבֿרענט פֿון יעדנס גיהנם (בֿיאַל.). וואָס וועלן מיר טרינקען אויף דער סעודהניו? (פֿ. ליד). ווער וועט אונדז תורה זאָגן אויף דער סעודהניו? (פֿ. ליד.). וואָס דער טויבער דערהערט ניט, דאָס טראַכט ער זיך אויס (שפּר.). וואָס מען רעדט בייטאָג, דאָס חלומט זיך ביינאַכט (שפּר.). ווער עס ליגט אויפֿן אויוון, דער קריגט ניט קיין בייגל (שפּר.). ווער עס רופֿט זיך אָן, דער קריגט ניט (שפּר.). מיר אָבֿער זיינען נאָך קינדערלעך קליין. אונדז פּאַסט נאָך זיין פֿריילעך און טאַנצן צו גיין (פּיכ.). ווער זינגט עס אויף יענעם ברעג?

229. רעכנט אויס אַ צען פֿאַרנעמען, וואָס זאָלן אָבֿער ניט זיין קיין פֿער־זענלעכע. ווייזט אָן וועלכע פֿאַרנעמען פֿאַרבֿייטן אַן אומבאַשטימטע צאָל זאַכן, אָדער ווייזן אָן בכלל אויף אַן אומבאַשטימטער זאַך אָדער טואונג? וועלכע פֿאַר־נעמען ווערן באַנוצט ביים אָנווייזן אויף עפּעס אַ זאַך בשעת איר העלפֿט זיך אונטער מיט די פֿינגער אָדער מיט די אויגן? (וועלכע פֿאַרנעמען ווייזן אָן אויף דער צוגעהעריקייט פֿון איין זאַך צו דער צווייטער? נוצט אויס דעם מאַטעריאַל פֿון דער פֿריערדיקער אויפֿגאַבֿע.)

230. 1) פּראָוווט בייגן (ווי אין די אויפֿגאַבֿעס 190, 195 און 218) די ווערטער: מיין ברודער, מיינער אַ ברודער, מיין קינד, קינד מיינס; אירע אַ שוועסטער, דער קרובֿ אונדזערער, איטלעכס פֿיצעלע, יעדע נאַכט, זייערע אַ קרובֿה, עמעצער, אָט די בלום, דאָס גאַנצע געזינדל.

2) צי קען אַ פֿאַרנאָמען זיין אַ זאַכטייל? אַ זאָגטייל? צי קען אַ פֿאַר־נאָמען זיין אַ זאַכבאַשטימונג? אַ זאָגבאַשטימונג?

3) מיט וואָס זיינען אַנדערע פֿאַרנעמען ענלעך צו זאַכווערטער? מיט וואָס איז אַ טייל פֿאַרנעמען ענלעך צו בייווערטער?

דאס צייטוואָרט.

אופנים פון צייטוואָרט. באַשטימטער און אומבאַשטימטער אופן.

ביישפּילן.

1. שרייבן. איך שרייב. ער האָט געשריבן. זיי וועלן שרייבן. שרייבט! וואָלט ער געשריבן.

אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייערל און אין שטוב איז הייס, און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך, דעם אַלף־בית. זעט־זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טייערע, וואָס איר לערנט דאָ, זאָגט־זשע נאָכאַמאָל און טאַקע נאָכאַמאָל קמץ אלף — אָ (וואַרש.). איך וואָלט געוואָלט שוין וויסן ציִ איז ער מיין באַשערטער (פ. ליד). וואָלט איך זייער טאַנצן וועלן, קען איך דאָך קיין פוס ניט שטעלן, ליבע שוועסטער, טאַנץ מיט מיר. עס איז צו וויינען און צו קלאָגן... גיי, נעם כאַטש ודוי זאָגן.

נאָר דערווײַלע לאָמיר האָפן,
אוי, וואָס קען מען טאָן?
כ׳וואָלט שוין לאַנג צו אים געטראָפן,
ווייס איך ניט וואוהין (ש.־ע.).

2. אַ גלעזעלע וויין אוים יום־טוב צו טרינקען איז בעסער ווי צו ליגן אַ לאַטע (פ. ליד). די גאָלדענע קרוין האָט זי צוגענומען (פ. ליד). לאָמיר צובייסן און מאַכן „לחיים" (פ. ליד). צדקה טאָן און ליב האָבן קען מען ניט נויטן (שפּר.).

3. דאָס לערנען ברענגט נוצן. פון לייען און באָרגן האָט מען גענוג זאָרגן. מיר האָבן זיך געטראָפן ביים גיין אַהיים. ווי האַלט עס ביי דיר מיט דעם לערנען? פרעגן קאָסט קיין געלט (שפּר.)

4. וואָס טראַכסטו, פאַרפרעמדטע? ציִ שפּאָטסטו פון גלות? ציִ פילסטו זיי מיט, די געבויגענע קנעכט? ציִ טרוימסטו אויפסניי דיינע שיינע חלומות? (סעג.).

אויספיר § 46.

דערמאַנענדיק אַ נאָמען פון אַ טואונג, קענען מיר גלייכצייטיק זיך באַציִען אויף פאַרשיידענע אופנים צו אַט דער טואונג: אַ) מיר קענען סתם אָנרופן דעם נאָמען פון דער טואונג און נישט אָנווייזן מער גאָרנישט; ב) מיר קענען אָבער אויך תיכף באַשטימען, ווען די טואונג קומט פאָר (ד. ה. אוועקשטעלן אין אַ געוויסער צייט) און אָנווייזן, ווער פירט אויס די טואונג (די פּערזאָן, די צאָל); ג) מיר קענען אויך אַרויסזאָגן אונדזער וואונטש, אונדזער פאַרלאַנג אָדער באַפעל, די טואונג זאָל פאָרקומען; ד) מיר קענען אויך אַרויסזאָגן אונדזער סברה, אונדזער מיין, ווי וואָלט עס געווען אָדער וואָס וואָלט געווען, אויב די טואונג וואָלט פאָרגעקומען (וואָלט איך!).

ווייל דאָס צייטוואָרט ווייזט אָן ניט נאָר די טואונג, נאָר אויך אונדזער באַציִאונג צו דער טואונג, האָט עס דריבער פיר אופנים: דעם אומבאַשטימטן אופן, דעם באַשטימטן אופן, דעם באַפעל־אופן און דעם תנאי־אופן.

דער אומבאַשטימטער אופן טרעפט זיך זייער אָפט מיט דעם ווערטל „צו" פאַר אים. דאָס דאָזיקע ווערטל ווערט געשריבן באַזונדער, אָפּגעטיילט פון דעם צייטוואָרט און דעם אומבאַשטימטן אופן.

דער אומבאַשטימטער אופֿן ווערט אפֿט באַנוצט ווי אַ זאַכוואָרט (הן מיט, הן אָן דעם אַרטיקל פֿון מיטעלן מין). דער אומבאַשטימטער אופֿן קען בכן פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון די אַלע זאַצטיילן, וואָס דאָס זאַכוואָרט. (כּיישפּ. 3).

אויפֿגאַבעס.

231. פֿאַרוואָס הייסט דער אומבאַשטימטער אופֿן — אומבאַשטימטער?

232. צי דאַרף מען דאָ שרייבן „צו" באַזונדער? וואו איז דאָ דער אומבאַשטימטער אופֿן און נאָך וועלכע צייטוואָרטער קומט ער דאָ?

מען דאַרף ניט האַוועון און ניט ריידן, מען קען שפּאַצירן איבער וועלדער און פֿעלדער (ריוו.). קאָנסט נאָר כאַפּן אַ פֿאַרקילונג. לאָזן די מאַשינדעלעך טאָרן מיר נישט, ניין, און מיט דיר אין וועלדעלע קאָנען מיר נישט גיין. אַ תּלמוד־תּורה דאָס איז אַ קבר אויף צו־באַגראָבן אָרימע יידישע קינדער, צו־פֿאַרשלאָגן זיי די קעפּ און אָפּצו־רייסן פֿון דער וועלט (מענדעלע). דער רבי האָט זיך אַרומגעדרייט מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט און האָט אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל נישט אַרויסקוקן פֿון דער גמרא אַרויס... און דאָ גיט מען אים אַ פֿאַפּיר מיט אַ בליישטיפֿט און מען הייסט אים באַלאַמוטשן און מענטשעלעך מאַכן (אַש). וואָס טויג דיר מעשׂיות מיר דערציילן און יעדע לעפֿעלע צו־ציילן? (ריוו.). ער האָט אָנגעהויבן שטאַרקער ווי פֿריער צו־הוסטן, צו־שפּייען מיט בלוט. דער טוי פֿון הימל וועט מיך צו־דעקן. צו־האָסטו נאָך וואָס פֿון יום־טוב צו־פֿאַרבייסן? דאָס שנירל קרעלן האט זי צו־גענומען. אַ שניידער צו־זיין איז גאָר אויס די וועלט. ער האט מיר צו־געזאָגט צו־נעמען. משיח וועט קומען צו־פֿאָרן, וועלן מיר האָבן גוטע יאָרן, משיח וועט קומען צו־רייטן, וועלן מיר האָבן גוטע צייטן (פֿ. ליד.). ענגלאַנד איז צו־געשלאָסן. און אַ ווינט האָט צו־געבלאָזן. כ'האָב פֿיינט, אַז יענער לאָזט זיך בעטן, שטאַרק איינריידן און גלעטן. וועלוול האָט געוואָלט צו־שעפּסן זיך פֿאַרקלייבן, מיט זיי די צייט אַ ביסל צו־פֿאַרטרייבן. קען מען אַנדערש ניט זיין אַ קליין מענטשעלע, סיידן טאַקע מען מוז פֿריער אויפֿהערן צו־דענקען און צו־פֿילן. וואָס האָסטו אַזוי האָלט בשתיקה גנבֿענען די הינער? ער דאַרף דאָרט ישבֿענען אַ גאַנצן ווינטער. רייזעלע האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פֿון בעטל, צו־געגאַנגען צום פֿענסטער. האָט ער אים גענומען פֿאַר אַן אויער און צו־געפֿירט צו־דער טיר. זי האָט זיך צו־געטשעפּעט צו־דער מאַמען. ס'איז אַ שטוב, וואָס יעדער האט אַ צו־נעמעניש. איך וועל אייך ווייזן ווי צו־לצעווען פֿון אַ יתום! (ש.—ע.). אַז מען האָט געלט, האָט מען דאָ אַזוי צו־טראַכטן, צו־זאָרגן און צו־מאַכן אַן ערנסט פּנים? דער עולם איז פֿון אַלע קלייזלעך אים געלאָפֿן הערן, דערנאָך געגאַנגען הערן (מענדעלע). איר דאַרפֿט זיך זעצן אַנטקעגן באָק. דו מעגסט מיר גלויבן. הייבט דאָס מיידל אָן צו־פֿאַרשטיין. איך בין צו־אים צו־געגאַנגען. איך האָב ליב געהאַט צו־ציילן און דווקא אויף אַ קול. לבן האָט זיך צו־געהערט צום קראַצן. דעם פֿערדל דאָרט אין יענעם וואָגן איז נמאס געוואָרן

צו־שטיין אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט, גאָרניט צו־טאָן... איז דאָס זיך מישב אָפּצו־שטעקן אַ וויזיט אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע אָקסלעך (מענדעלע).

צו־וואָס שטייט זי אונטער אַ ביימעלע?
בלעטעלעך צו־רייסן!
צו־וואָס טויגן איר בלעטעלעך?
קיעלעך צו־שמייסן.
צו־וואָס טויגן איר קיעלעך?
מילך אָפּצו־מעלקן.
צו־וואָס טויג איר מילך?
קינדערלעך צו־געבן.
צו־וואָס טויגן איר קינדערלעך?
אַ נחת צו־דערלעבן! (פּ. ליד).

233. 1) אויף וואָס ענדיקט זיך דער אומבאַשטימטער אופן? נאָך וועלכע צייטווערטער שטייט דער אומבאַשטימטער אופן אָן „צו“? ווען ווערט אַריינגעשטעלט דאָס ווערטל „צו“ אין מיטן וואָרט? פון וועלכע צוויי טיילן באַשטייט די קומענדיקע צייט פון דעם באַשטימטן אופן?

2) צוקלערן זאַצן, וואו דער אומבאַשטימטער אופן זאָל זיין: א) דער זאַכטייל, ב) די זאָגבאַשטימונג, ג) אומשטאַנדבאַשטימונג, ד) זאַכבאַשטימונג, ה) אַ טייל פון זאָגטייל.

234. מען דאַרף דאָ צונויפשמעלצן דאָס ווערטל „דו“ מיט דעם צייטוואָרט?

אין אויוון [שטייסט דו], אין מויל [צעגייסט דו], ווי [הייסט דו]? (פּרט.). האָרעווע, מיידעלע, [ווערסט דו] האָבן אַ קליידעלע (שפּר.). וואָס [גלאָצט דו] אויף מיר מיט די אויגן ווי אַ קאָטער? וואָס [זיצט דו] צונויפגעלייגט די הענט ווי אַ שטאָטבאַלעבאָס? (ש.—ע.). וואָס [דרייסט דו] זיך אַרום? פאַרוואָס [שלאָפסט דו] ניט? אַליין [ביסט דו] אויף צרות און טויגן [טויגסט דו] אויף כּפּרות (מרד.). קוק אַראָפּ, [ווערסט דו] וויסן ווי הויך דו שטייסט (שפּר.). וואָס [ווערסט דו] טאָן אין אַזאַ ווייטן וועג? (פּ. ליד). [געדיינקסט דו] דאָס שענע לידל? (פּ. ליד). וואָס [מוזסט דו]? וועמען [שלאָגסט דו]? (ש.—ע.).

דער באַפעל־אופן און דער תנאי־אופן.

ב ייש פּ י ל ן.

1. אַך, גאָט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב!
פּ אַ ר נ ע ם דאָך מיין תּפילה
אין הימל געצעלט,
און ש י ק מיר פּרנסה,
און ר י כ ט א ו י ף מיין מזל,
און ליכטיק ז אָ ל ו ו ע ר ן
מיין פינסטערע וועלט (אד.).

טאָ לויבט זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זי פון האַרצן מיט ליבשאַפט און הייס!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט די מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים! (פרוג).
לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם נעמען אַ ביסעלע וויין! (פ. ליד).

2. וואָלט איך געווען אַ רב,
קען איך ניט קיין תורה.
וואָלט איך געווען אַ סוחר,
האָב איך ניט קיין סחורה.
וואָלט איך געווען אַ שוחט,
האָב איך ניט קיין חלף.
וואָלט איך געווען אַ מלמד,
קען איך ניט קיין אַלף (פ. ליד).

זיין וואָרט וואָלט זיין אַ בריק, וואָלט איך מורא געהאַט אַריבער־צוגיין (שפר.). אַ קאַץ זאָל האָבן פליגל, וואָלט זי אַלע פייגעלעך אין דער לופט אויסגעוואָרגן (שפר.).

אויספיר: § 47.

דער באַפעל־אופן און דער תנאי־אופן האבן ניט קיין באַזונדערע פארמען פאר פארשיידענע ציימן. דער באפעל־אופן האט פשוטע און צונויפגעזעצטע פארמען. דער תנאי־אופן האט צווי פארמען מיט דעם זעלביקן באטייט, און ביידע זיינען זיי צונויפגעזעצטע.

אויפגאַבעס.

235. שטעלט צונויף אַ פולע רשימה פון אַלע פאָרמען, וואָס עס פאַר־מאָגט דאָס צייטוואָרט „שרייבן“ אין באַפעל־אופן. פאַרגלייכט זיי מיט דעם זעלביקן צייטוואָרט אין דער איצטיקער צייט. פאַרוואָס איז ניטאָ קיין פאָרם פאַר דער ערשטער פערזאָן אין איינצאָל? וועלכע הויפּטווערטער בילדן די צונויפגעזעצטע פאָרמען פון באַפעל־אופן?

236. שטעלט איבער די צייטווערטער אין אַנדערע פערזאָנען און צאָלן.
הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט;
ברעכט די צווייגן, וואַרפט די ביימער,
טוט וואָס אייך געפעלט.

טרייבט די פייגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט,
די, וואָס קענען ווייט ניט פליען,
טויט זיי אויפן אָרט.
רייסט די לאָדן פון די הייזלעך,
שויבן ברעכט אַרויס!
ברענט אַ ליכטל ערגעץ טונקל —
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט;
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער
זומער איז נאָך ווייט. (א. רייזען).

הער און זע, קוק און שווייג (שפּר.). נו, ווער האַלט דיך צו? פּאָר! לויף! פלי! (ש.־ע.). לויף ניט, שפּרינג ניט, גיי ווי אַ מענטש (ש.־ע.). גרונם! זעט, עס איז דערווײַלע נאָך ניט שפּעט. ניט זייט בײַ זיך גענאַרט! פאַרריכט די ברעט, ניט וואַרט! (ריוו.). זאָלסט אונדז טאַקע ווײַטער בענטשן מיט הצלחה און מיט ברויט. לאָזן אונדזערע קינדער וויסן פון אַ לעבן אויף דער וועלט (וואַרש.). לייגט זיך פּאַמעלעך אויף דרערד אַנידער, באַהאַלט דאָס פּנים אין די גרעזער, האַלט איין דעם אָטעם! (אַש). און רייד ניט מער, ניט וויין, ניט שריי, בייג־אָן דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט (ביאַל.). ברענג מיך נאָר אַהין בשלום, נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק, גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע און דערצייל זיי פון מיין גליק (ביאַל.).

237. שטעלט צונויף אַ רשימה פון אַלע פאָרמען, וואָס עס פאַרמאָגט דאָס צײַטוואָרט „שרייבן” אין דעם תנאי־אופן. וועלכע הילפצײַטווערטער נעמען אָנטייל אין בילדן די פאָרמען פון דעם תנאי־אופן?

238. אינם § 16 ווערט געזאָגט, וואָס דאָס איז די בייגונג פון צײַטווערטער. ס'איז אינגאַנצן ריכטיק דאָרטן? שטעלט צונויף אַ פולשטענדיקן לוח פון אַלע פאָרמען (אופנים, צײַטן, פערזאָנען, צאָלן) פון פאָלגנדיקע צײַטווערטער:

ריידן, לויפן, שיסן, הייצן.

239. ווײַזט אָן דעם אופן און דערקלערט, פאַרוואָס ער ווערט דאָ באַנוצט.

לאָמיר שמועסן פאַרקערט, איך בין דען נאָר איין גנב אויף דער ערד? (ריוו.). אויב ס'האָט דער שטראָם אַזאַ מין ווערט, ווען ער איז בלויז די גרייס אַ שפּאַן, וואָלט זיין אַ גוטער פּלאַן אים מאַכן ברייטער מיט אַ צענדליק פוס (יהואש). ווען ס'וואָלט ניט געווען מיין נאַר, וואָלט איך אויך געלאַכט (שפּר.). דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן, גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל ווערן (ביאַל.). עס קאָן זיי גאָרניט עסן קיינער, ווייל הייליק מאַכן זיי די ציינער (ריוו.). אַלטער טרויער, ווער פאַרשוואונדן, לאָז כאָטש פרײלעך זיין איין נאַכט (ר.). איך וואָלט צוגעפאַלן צו דיין ערד, איך וואָלט אויסגעקושט איר יעדן פוסטרעט, יעדעם שטיינדעלע באַזונדער (ביאַל.).

אַ גליק, וואָס איך אַליין האָב מיך געהאַלטן אויף די פיס. איך האָב ניט געקענט קוקן קיינעם אין די אויגן אַריין. דער הונט זאָל ניט ליגן אין גאָרטן, וואָלט איך זיך אַראָפּגעוואָרפן און געהרגעט פאַר בזיון. ערגער פאַר אַלץ איז מיר געווען דער מאַמעס טרערן. זי האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגן און צו יאָמערן און צו באַוויינען מיך. ער חזרט איבער מיט מיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פון אָנהייב ביזן סוף און הייסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגן אַליין, אָבער עס גייט ניט. ער נעמט מיך אָן פאַרן אויער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפשטיין און זען, וואָס פאַר אַ זון ער האָט . . . — וואָלט איך

פאַרשפּאָרט זאָגן קדיש . . . אַזוי זאָג איך צו מיין ברודער אליהו און כאַפּ פון אים אַ געשמאַקן פּאַטש. אין חדר גיי איך ניט, לערנען לערן איך ניט, זינגען זינג איך ניט — פּטור פון אַלצדינג. מיר איז גוט — איך בין אַ יתום. קיין פּיש זאָלט איר ניט זוכן. אַבי ער זאָל ניט זיין קיין שייגעץ. אַניט וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פּוס, מעגסט מיר גלויבן אויף נאמנות. וויפּיל, מיינט איר, האָבן זיי שוין געכאַפּט פּעטש דערפאַר, זיי זאָלן ניט רופן קיין קאַץ מיט אַ מענטשלעכן נאָמען? (ש.-ע.).

איך וואָלט אפשר, שווער איך אייך, שוין מאָרגן זיך באַלד דערוואָרגן, ווען איך אַליין וואָלט אויך געוועזן אַזוי שיין. וואָלט איך אייך ווינטשן זען, ווי טריי זי האָט געדינט. לאָמיר אַלע אינאיינעם דעם חתן מקבל־פּנים זיין. לאָמיר טרינקען נאָך, מיר האָבן אויסגעבעטן אַ גוטע וואָך (פּ. ליד). וואָלט זי האָבן פערד־און־וואָגן, וואָלט זי צו אים לויפן; וואָלט זי האָבן אַ זעקעלע געלט, וואָלט זי אים אָפּקויפן (פּ. ליד). מיינע רייד, זאָלסטו געדענקען. מע קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פרעגט ער — וואָ? וואָסער מעסערל? גיי שוין! גיי וואַש זיך! (ש.-ע.). און זאָל ווי וויט נאָך זיין די צייט פון ליבע און פון שלום, — דאָך קומען וועט, צי פרי, צי שפּעט די צייט — עס איז קיין חלום! (ר.).

די צייטווערטער מיטן „ע“ פאַר די פערזענלעכע ענדונגען.

ב יי ש פּ י ל ן.

א ו מ ב אַ ש ט י מ ט ע ר א ו פ ן.

קוויטש ע ן.

ב אַ ש ט י מ ט ע ר א ו פ ן.

א י צ ט י ק ע צ יי ט.

	אייינצאל.	מערצאל.
1־טע פערזאָן:	איך קוויטש ע	מיר קוויטש ע ן.
2־טע פערזאָן:	דו קוויטש ע סט	איר קוויטש ע ט.
3־טע פערזאָן:	ער קוויטש ע ט	זיי קוויטש ע ן.

פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ע צ יי ט.

	איינצאל.	מערצאל.
1־טע פערזאָן:	איך האָב געקוויטש ע ט א. אַז. וו.	מיר האָבן געקוויטש ע ט. א. אַז. וו.

ב אַ פ ע ל ־ א ו פ ן.

	איינצאל.	מערצאל.
1־טע פערזאָן:	— — — — —	לאָמיר קוויטש ע ן.
2־טע פערזאָן:	קוויטש ע	קוויטש ע ט.
3־טע פערזאָן:	זאָל ער קוויטש ע ן	זאָלן זיי קוויטש ע ן.

אויספיר § 48.

פאַרגלייכן מיר די בייגונג פון ציטוואָרט „קוויטשען“ מיט דער בייגונג פונם ציטוואָרט „שרייבן“, זעען מיר, אַז איצט האָבן מיר אַן „ע“ אומעטום פאַר די פּערזענלעכע ענדונגען אין דער איצטיקער צייט און אין באַפעל־אופן. דער דאָזיקער „ע“ בלייבט אויך פאַר דעם „ן“ פון דעם אומבאַשטימטן אופן און אין צווייטן ניט בייגעוודיקן טייל פון דער פאַרגאַנגענער צייט. אַט דער „ע“ געהערט צום שטאַם און דעריבער בלייבט ער אויך אין אַלע פאָרמען ביי דער בייגונג. די ערשטע פּערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט פאַלט צונויף מיט דעם שטאַם, בכן — ענדיקט זיך די ערשטע פּערזאָן איינצאָל אין דער איצטיקער צייט אויף אַן „ע“, האָבן מיר אים שוין אומעטום.

אויפגאַבעס.

240. צי זיינען אפשר פאַראַן באַזונדערקייטן אין דער קומענדיקער צייט און אין תנאַי־אופן פון אַזוינע ציטווערטער ווי „קוויטשען“?

241. אין וועלכע פון די פאָלגנדיקע ציטווערטער ענדיגט זיך דער שטאַם אויף אַן „ע“?

סאָפּען, ראַבעווען, שרייען, טוליען, דריידלען, קומען, ברענען, האָרעווען, זשאַלעווען, טריקענען, הרגענען, הוליען, דרייען, בלאָנדזשען, כראָפּען, טרינקען, ברענגען, טובלען, גנבענען, קוליען, פּסלען, קייען, שאַנעווען, קלינגען, הודיען, דרשנען, כליפּען, חתמענען, שדכנען, ציען, לערנען, חלומען, סטאַרען, מעקען.

242. אָנשטאָט דעם פּרעגצייכן שטעלט אַוועק, וואו מען באַדאַרף, אַן „ע“.

ער הויק?ט ווי אַ הינטל, מיאַיק?ט ווי אַ קאַץ, מעק?ט ווי אַ קעלבעלע, מרוק?ט ווי אַ הון. (י. ר.). די וויסטע מוטער וויינט און קוואַק?ט ביטער. עס פּאַד?ט אַרום די קלומבעס דער שומר. טאַטע־מאַמע האָבן זיך צווישן זיך געשושק?ט. ווי אַזוי טראַסק?ט דאָס!. דאָס קינד שוויינג?ט און כליפּ?ט שטיל. די פענסטער זיינען פּאַרקאָוו?ט, באַדעק?ט מיט שניי. סקראָב?ט ער זיך צו צום פענסטער און קוק?ט אינדרויסן אַרויס. אייזיק הויד?ט אונטער, פּאַרג?עטער?ט אַלץ דאָס פייער. וואָס באַלעבאַטעוו?ט זי דאָ? יינגלעך בלאָז?ן זיך, קאַלופּ?ן די נאָז און שיס?ן פּלוצים אַרויס אַ געלעכטער (מענדעלע). עס גלוסט זיך מיר לאַכן, שריי?ן, קוויטש?ן (ש—ע.). מאַטל, כראָפּ?ט, כאָרכל?ט. זי טולי?ט אים צו זיך. משהלע האָט הירשל?ן געסטראַש?ט. און חברה זינג?ט אַ רוסיש לידל, טאַנצ?ט און פּלעסק?ט צו מיט די הענט (ש.—ע.). די שטריק סקריפּ?ן ביי דיביימער, זיי רייס?ן זיך. פון די דעכער קאַפּ?ט, אין די רישקעס יאָג?ט עס, פּלייצ?ט אין כליופּ?ט (נסתר). ער שמעק?ט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברומ?ן, סאָפּ?ט און דריג?ט מיט די פיס (מ.מ.ס.). אין טיפן בלוי?ן הימ?ל בלישטש?ט די זון. אַ ציג וויל מעקן, מעק?ט זי, און אַ שאָף וויל שוויג?ן, שוויינג?ט זי (בערג.). פּעמטעט אים — זאָגט זי צו דער מומען. זיי טערעליק?ן, שנאָרכ?ן, פּליעסק?ן.

ווילדע געגנדז פּליעסק?ן זיך ערגעץ צווישן וויספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דריי?ן זיך אַרום דעם טשערעט. שוועלבעלעך פּלאַטער?ן, שוועב?ן אַהין, אַהער אין דער לופט, שטאַרק פּאַרטאָן אין דעם בוי?ן, פּאַרריכט?ן נייע און אַלטע נעסטער. עס שפּרינג?ן, קוואַק?ן זשאַבעס. די גאַנצע וועלט איז עפּעס

ווי לעבעדיק געוואָרען און באַקומען אַ פריילעך פּנים. אַ פרייד, אַ פאַרגעניגען צו הערען, צו זעען, צו שמעקען די זיסע ריחות פון אַלע זייטן. נאָר קאָמאַרען, מיקען, טראָגען ווי די ווילדע רוחות זיך אין דער לופט אַרום, פליען טאַנצענדיק פאַרביי די אויערען, טוען אַ גרילץ, אַ זשוזשע, איינריימענדיק עפּעס אַ סוד. נאָר צווישן היי, צווישן תבואות דאָרט שמוצערן די גרילען, זומען, צימבלען און גייען מיט די טאַצען (מענדעלע).

לאָמיר בעסער מאַכען אַ כוסע! זיך מוטשען און זינגען לידער—פליעסקעט, פליעסקעט, ברידער! (וואַרש.).

דאַס אומשטאַנדוואָרט.

ביישפּילן.

1. אַלע שוסטער גייען באָרוועס (שפּר.). אַמאָל איז געווען אַ מעשה. דאָס וויגעלע וויגט זיך אַהין און אַהער. דערפאַר ברום איך. דערצו טויג זי. עס הייבט זיך שטאַרק די יונגע ברוסט, די פרייד ווערט פריי געשעפּט. פאַרוואונדערט וועט פרעגן דער אַלטער, דער וואַלד: וואָס טוען דאָ יידישע קינדער? (ר.). שווימען שווימט עס טאָג און נאַכט.

2. שטאָלץ איז זי געקומען און שטאָלצער נאָך אַוועק (סעג.). און די פייגל איבער דעכער פליען הויך און זינגען העכער (ר.).

3. ביינאַכט זיינען אַלע קי שוואַרץ. מאָטקע האָט דערזען פונדערווייטנס. אַך ווי פריילעך איז דאָס לעבן אין דער לופט פריי צו שוועבן! (ר.).

אויספיר § 49.

דאס ווארט „בארוועס" איז אין זאץ אן אומשטאנדבאשטימונג. סאיז אבער ניט קיין זאכווארט, ניט קיין צייטווארט א. אז. וו. „שטארק" און „פריי" זיינען אויך אומשטאנדבאשטימונגען און געהערן אויך ניט צו קיין שום קלאס ווערטער, מיט וועלכע מיר האבן שוין געהאט צו טאן (זיי קענען ניט באטראכט ווערן ווי בייווערטער, ווייל בייווערטער, כידוע, מוזן זיך באציען צו עפעס א זאכווארט און זיינען אין זאץ ס'רוב זאכבאשטימונגען אדער זאגטיילן). הכלל, ס'איז פאראן א באזונדערע גרופע ווערטער, וואס דינען פאר אומשטאנד־באשטימונגען. זיי הייסן טאקע דעריבער אומשטאנדווערטער. פאראן ווערטער, וואס זיינען לכתחילה און שטענדיק נאר אומשטאנדווערטער. ס'זיינען אבער דא אפולע ווערטער, וואס אין איין זאץ זיינען זיי בייווערטער אדער זאכווערטער, אין דעם צווייטן — אומשטאנדווערטער. דאס ווענדט זיך דערפון, וואסער ראלע זיי שפילן אין זאץ, וואסער ארט זיי פארנעמען דארטן.

וויפיל מינים אומשטאנד־באשטימונגען — פונקט אזויפיל מינים אומשטאנדווערטער (בײשפּ. 1).

די אומשטאנדווערטער פון שטייגער, וואס נעמען זיך פון בייווערטער, האבן פארגלייכגראדן ווי בייווערטער (בײשפּ. 2).

צונויפגעזעצטע אומשטאנדווערטער קענען געשריבן ווערן צוזאמען, זיי בילדן דאך איין ווארט! (בײשפּ. 3).

אויפגאַבעס.

243. וואָסערע מינים אומשטאַנדווערטער זיינען פאַראַן און אויף וועלכע פראַגעס ענטפערט יעדער מין?

244. שטרייכלט אונטער די אומשטאַנד־ווערטער פון אָרט מיט איין שטריכל און די אומשטאַנדווערטער פון צייט מיט צוויי שטריכלעך.

וואו ס'איז אונדזער וואוינונג, דאָרטן איז אונדזער לאַנד (פ. ליד). אַרום הענגט אַ נעפּל געדיכט. די טייכעלעך פליסן אַהין און אַהער. נעכטן איז ער דאָ געווען. שלאָף־זשע, שלאָף אַצינד. די מאַמע וויינט דערווייל. זיי שלאָפן שוין איין. ווער דאָס היינט זיין אַ שפּאַציר? זעלטן ווען אַ פויגל טרילערט. ערגעץ האָב איך געזען אַזאַ בליק. מיין קינד איז ווייט פאַרשוואומען, דאָרטן בליען בלימעלעך. איך שטיי אויף פרי. צי געדענקט איר פון אַמאָל? איצטער פאַרשליסט זי די טירן. וואַלד פון הינטן, וואַלד פון פאָרנט, אויף די זייטן וואַלד. איך גיי אַהין. דאָס פעלד ווערט שוין ליידיק, דאַן פול ווערט דער שייער. פריער געמאַכט און נאָכדעם באַדאַכט האָט שוין ניט איינעם פיל צרות געבראַכט (שפּר.). אַנטקעגן יאָגט אַ ווינט. אויפן שלאַכטפעלד אונטן, אויבן, פליען קוילן. דאָרטן אַקערן צוויי אָקסן, דאָ — אַ דאַרער ברוינער פערד. איצט שטיי איך אונטער אייער טיר. זינט דעמאָלט וואַנדער איך אַליין. אַלץ איז היינט פאַרענדערט. קומען באַלד די ליבע געסט.

245. קלייבט זיך פונאַנדער אין אַלע מינים אומשטאַנדווערטער.

קום אַהין נאָר פריש, געזונט. דעריבער גייען די גענדז באָרוועס. שטיל וואַסער גראָבט טיף (שפּר.). אַזוי האָט דער רבי געפּסקנט. איך זיץ אַליין. פּלוצלונג לויפט דאָס מיידל צו. די שוואַלבן פליען מחנות־ווייז אוועק אין דרום־נענגט. גאָטס וועלטל איז פון דעמאָלט אַ ווייסע געוואָרן. עס הערט זיך דער דונער פון ווייטן. איך דאַנק דיר דערפאַר. אומעטיק שפּילט ער. און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי. דערווייל איז ראובן אָנגעקומען. איינזאַם זיץ איך אין מיין חדר. אַלע וועלן דערנאָך באַקומען פליגלען. צינד געשווינד אין אייוועלע אַריין! באַלד וועט זי אין דעם ים פון בערג זיך פייערדיק דערטרינקען. דעמאָלט ערגעץ פון דער ערד קומט דער אָוונט שטיל אַרויס. דאָרטן עפנט זיך גאָר אַ נייע וועלט. דערויף זיינען זיי געשטעלט. ווידער איז דער מאַי געקומען. עס דרייען זיך שוין קוים די רעדער. שווימט אַוועק מיין שיפעלע טרויעריק אַליין (נאָמ.). בעסער פריער איין וואָרט איידער צוויי דערנאָך (שפּר.). אַמאָל איז געווען פיש אויך, היינט איז ניטאָ. פּאַוואָליע'הויב איך מיך אויף. דאָס קליינע שטעטל איז שוין לאַנג אַ שטאָט געוואָרן. למאי איך לאַך פון איר? דאָרטן פליסט שטיל די ווילִיע. טרויעריק ניט זעלטן זעט ער אויס. עס הערן זיך לידער אַרום. עס טרילערט דער קאַנאַריק אין רייכסטן פּאַלאַץ שוין. באַלד וועט זיך אויפכאַפּן דער דאָרף. די אויגן פאַמעלינקעם שליסן זיך צו. פאַרוואָס באַהאַלט זיך פון מיר די זון? באַזונדער ליגן זיך די כאַטקעס דאָ און דאָרטן. אויף מאָרגן האָט דער עולם הייס און ערנסט אים באַוויינט. עס פּעקלט זיך דער זומער שוין און זיפצנדיק זיך זעגנט (יהואש). עס טרילערט דער קאַנאַריק אין פרייען וואַלד אַליין (מ. ר). איך האָב דאָס מיר טאַקע אַליין געמאַכט. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, עלעהיי עס איז אַ מעסערל און סע שניידט (ש.־ע.). ברענגסט דערקוויקונג אונדז אַצינד. (פיכ.).

מלכים שלאָגן זיך ווי לייבן.
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן.

246. זעט נאָך אין דעם מאַטעריאַל פון די אויפגאַבעס 134, 141, 145, 149, 152, 156, 161, 166 — דורך וואָס ס'ווערן אויסגעדריקט די אומשטאַנד־באַשטימונגען?

247. שטעלט צונויף אַזוינע זאַצן, וואו די פאָלגנדיקע ווערטער זאָלן פריער זיין אומשטאַנדווערטער און נאָכדעם זאָלן די זעלביקע ווערטער זיין אין אַנדערע זאַצן זאַכווערטער אָדער בייווערטער:

לוסטיק, ריין, טאָג, יאָר, מאכלדיק, וואָך, ווייט, פריער, געפערלעך, יום־טוב.

248. מען מוז שרייבן אָפּגעטיילט: „אין דער היים דער ליבער וואַרט אויף מיר די מוטער”. פאַרוואָס מעג מען שרייבן צוזאַמען: „אומעטום איז גוט, אינדערהיים איז נאָך בעסער”? צי מעג מען ווען ניט איז שרייבן אין דערהיים אָדער אינדער היים?

249. צי מען מוז שטענדיק שרייבן אַזוי, ווי דאָ איז ווייטער געדרוקט? וועלכע ווערטער און אין וועלכע פאַלן מעגן געשריבן ווערן אַנדערש?

מען הייסט זיי לויפן אַהער, לויפן זיי אַהער; מען הייסט זיי לויפן אַהין, לויפן זיי אַהין (ש.—ע.). מיט די שטאַרקע פליגלען פאָכט ער אין דער לופטן. גוט צו זיין איז אונטערוועגנס אין די ערשטע וואַרעמע רעגנס און זיך צוהאָרכן פאַרקלערט (נייד.) זיצט דען איצט ווער אין דער היים? איך בין אין גאַנצן געוועזן דאָרטן אויבן. איך האָב אַ זומער אָפּגעשפּילט אַ גאַנצן. איך זע אים נאָר ביינאַכט. איך פאַרלאָז אַציינד די שטאָט. קומסט פון ווייטן לאַנד אַצינד. איר הערט זיין קרעכצן איז זיין סקריפּען פון דער ווייטן? (ביאַל.) זי ווינקט צו מיר פונדערווייטן. זיי שווימען פאַרשלאָפענערהייט. מירטן אים צוקאָפּנס, רויזן צודיפּיס אים (מ. ר.). גייט ער שוין צוריק־וועגס צופוס. דאָס איז באַשיינפּערלעך צו זען. גאָטס באַשעפעניש רירט זיך אומעטום: אויפן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט (מ.מ.ס.). אויב ניט היינט, איז מאָרגן, אויב ניט מאָרגן, איז איבער־אַ־יאָר (שפּר.) זוכט זי אויס תירוצים פון אונטער דער ערד. עפּעס נישט מיט אַלעמען האָט זיך דער דרויסן פאַרנאַכט־צו דערפילט. (נסתר). מוז מען פון דאָס ניי זיך זעצן צו דער אַרבעט. ער וועט אַלץ פון אונדזערט וועגן שאַפן, זונעניו (ש.—ע.) אין גאַנצן לאַנד ניטאַ אַזוינער. פאַר־אַ־יאָרן ביסטו אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד נאָך קידוש.

אַזוי זאָג איך אייך אָן:
זאָגט זשע נאָך אַמאָל און טאַקע נאָך אַמאָל;
קמץ אלף — אָ! (וואַרש.)

250. טרעפט די רעטענישן:

א) אַז אַ פּאָפּ טרינקט זיך, ציט מען אים אַרויס פאַר די האָר. פאַר־וואָס ציט מען אַרויס אַ גלח, בשעת ער טרינקט זיך? (פרט.).

ב) פאַר וואָס קויפט אַ גלח אַ שטעקן מיט אַ גרויסן קאָפּ? (פרט.).

דאס אויסרופוואָרט.

ב יי ש פּ י ל ן.

א ו י! א ו י! חסידימלעך! א ו י, א ו י, מתנגדימלעך! ה אַ, ה אַ, וויפיל געלט! ע, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? אַ ך! ברעכט אַרויס דער וואַלד מיט שטורעם און געוויין. אַ ך, ווער זייט איר ליבער ייד? אָ, די מאַמע איז געשטאָרבן! א ז אָ ך א ו ן אַ ז וו יי! און אַ זייגער אויפן וואַנט ציילט זיין ט י ק - ט אַ ק נאָכאַנאַנד.

אַ קליינע מיידעלע קלאַפּט אין טיר.
טוק! טוק! טוק!
ליבע מאַמע עפן מיר!
טוק! טוק! טוק!
איך בין שוין אַהיים געקומען,
ט ר אַ - ל אַ - ל אַ!
דעם גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען.
ט ר אַ - ל אַ - ל אַ!

א ו י ס פּ י ר § 50.

פאראן א ריי ווערטלעך, וואס מיר באנוצן זיי ביים אויסדריקן אונדזערע געפילן (ווי צער, ווייטאג פארוואונדערונג, יאוש א. אז. וו.) דורך אויסרופן. זיי הייסן א ו י ס ר ו פ - וו ע ר ט ע ר. געוויינטלעך געהערן זיי ניט צו די זאצטיילן און ווערן אפגעטיילט פון זיי מיט א קאמע אדער אן אויסרוף צייכן (אויב מיר זאגן זיי ארויס מיט א העכערן, אויפגערעגטן קול).

צו די אויסרוף־ווערטער געהערן אויך אלע נ א כ ק ר י מ ע נ ד י ק ע וו ע ר ט ע ר, וואס קומען ארויס ביי אונדז ביים נאכקרימען, נאכמאכן א קול, א קלאנג, א רעש א. אז. וו.

א ו י פ ג א ב ע ס.

251. גיט אַקאָרשט ביישפּילן פון אויסרופווערטער, וואָס זאָלן אויסדריקן: א) שמחה, 2) צער, 3) פאַרוואונדערונג, 4) ביטול, 5) באַדויערונג, 6) אַן אָנוויז, 7) שרעק.

252. שייקעלע - פייקעלע!
ער מאַכט נאָך דאָס זשומען
פון בין און פון פליג,
ער קרייט ווי א הענדל
און שפרינגט ווי אַ ציג.
ער בילט ווי אַ הינטל
און וויינט ווי אַ קינד,
ער ברומט און ער וואָיעט
אַזוי ווי דער ווינט.
ער מעקעט און בעקעט
און קלאַפּט אין אַ טאַק,
מיאַוקעט און יאָמערט

אַזוי ווי אַ קאַק.
ער מאַכט נאָך, ווי פייגעלעך
עסן — פּיק - פּיק! (גר. ביים.).

אַנו, איר זייט אויך אַזוינע בריות ווי שייקעלע־פּייקעלע?

וואָס זאָגט דער פּויער צום ערשטן, ווען ער קומט צופאָרן אויפן מארק? (גר. ביים.).

253. ווייזט אָן די אויסרופוועטער און דערקלערט, וואָסער מין געפיל דריקן זיי אויס, וואו זיינען דאָ נאָכקרימענדיקע ווערטער? באַקוקט גוט די אָפּ־שטעל־צייכנס נאָך די אויסרופווערטער.

1. אַליע - ליוליע, אַליע־ליוליע!
שלאָף, מיין טייערער, און רו,
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען,
און אַ וויגעלע דערצו (איינ.).

נו? — מאַך המוציא. פלוצלונג אַזוי ווי די מומע יענטע גוואַלדעוועט דאָ, הערן מיר: טררראַך — טאַראַראַך — באַם — דזין — באַם! אוי, אַ שמחה, אוי, אַ פרייד! אוי, געוואַלד! אַ גנב האָט דאָך מיך באַגנבעט! אָ, איר קליינע ליכטעלעך, איר דערציילט געשיכטעלעך, מעשהלעך אָן צאָל (מ־ר.). ניט פּאַר אונדז, נייטערקעס, בליט דער שיינער מאַי. עט, וואָס האָב איך זיך פאַררעדט? אוי, איך האָב נאָך ווערטער פיל.

טראַם! טראַם! צו מאַכן „פּוי"!
כלעבן איז אַ סך גרינגער.
דאָ מוז מען שפּילן אָט אַזוי —
און מאַכן מיט די פינגער
טראַ - טאַ־ראַ - ראַ! טראַ - טאַ - ראַ - ראַ!
און מאַכן מיט די פינגער (וואַרש.).

2. ## דאָס ריטשקעלע.

מורמלט זיך אַ ריטשקעלע:
— מור, מור.
וואַרפט מען דעם אַ שטיינדעלע:
— בור, בור.
קומט אַהער אַ ציגעלע:
— הופּ, הופּ.
לאַדט דאָס איין דאָס ריטשקעלע:
— זופּ, זופּ.
דאַנקט דערנאָך דאָס ציגעלע:
— מע, מע.
לאַכט מיט פרייד דאָס ריטשקעלע:
— כע, כע.

וואַרפט דאָס נאָך, דאָס ריטשקעלע:
בליצט, בליצט.
קומט אַהער אַ פּאַסטעכל,
זיצט, זיצט.
זופּט ער מיט אַ שטרויעלע
— טריף, טריף.
כאַפּט זיך באַלד צום פייפעלע:
— פיף, פיף.
נאַכט שוין, שרייען קראָעלעך:
— קראַ, קראַ.
גריסט אַ פראָש דאָס ריטשקעלע:
— קוואַ, קוואַ.

ס'איז דעם גוט, דעם ריטשקעלע,
— אָ ־ וואַ!
בלעבלט עס, דאָס ריטשקעלע:
— כאַ, כאַ . . . (ל. קוויטקאָ).

די ווענדונג.

ביישפּילן.

1. דעם העלפאַנט, בּרודער, האָב איך גראָד ניט געזעען. וואָס זאָגט איר, פּעטערל, צו דער הוויה פון דער פאַרשייטער חיה? טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ מיטן בלומען־קראַנץ!

2. ר' בּערל, זייט אַזוי גוט און טוט אַ קוק אויף דער משונהדיקער בּריאה. ר' וועלוועלע! וואָס רעדט איר, גוואַלט! ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, שמערקע? זאַמל כּוחות פאַר דער צוקונפט, זאַמל, איינציק קינד! הוליעט, הוליעט, בּייזע ווינטן.

3. מיין קינד, מיין טרייסט, דו פאַרסט אַוועק. שלאָפן מוז מען, בּיימעלע גרין! הער נאַר, דו שיין מיידעלע, הער נאַר, דו פיין מיידעלע, וואָס ווילסטו טאָן אין אַזאַ וויטן וועג? (פ. ליד). אוי, שוועסטערל! ניט גלויב! מיר טאָרן אויף דעם נס ניט האָפן. אָ מאַמע, מאַמע ליבּע, קום צו מיר. אָ, איר קליינע ליכטעלעך, איר דערציילט געשיכטעלעך (מ. ר.).

4. שלאָף, מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שיינער,
שלאָף, מיין זונעניו!
שלאָף, מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע, ליו־ליו (ש.־ע.).

אויספיר § 51.

דאס ווארט, וואס באצייכנט די זאך, וואס צו איר ווענדן מיר זיך מיט אונדזערע רייד, הייסט די ווענדונג. די ווענדונג איז ניט קיין זאצטייל און דעריבער טיילט זי זיך אויס פון זאץ מיט אפשטעל־צייכנס. אלע ווערטער, וואס באציען זיך צו דער ווענדונג, ווערן אויסגעטיילט צוזאמען מיט איר.

די ווענדונג שטייט אלעמאל אין ערשטן פאל.

אויפגאבעס.

254. אין וועלכער פּערזאָן איז אויסגעדריקט דאס צייטוואָרט אין אַזאַ זאַץ, וואו ס'איז אַריינגעשטעלט אַ ווענדונג? דורך וואס דריקט זיך געוויינטלעך אויס דער זאַכטייל אין אַ זאַץ, וואס האט אַ ווענדונג? וועלכע אָפּשטעלצייכנס קענען שטיין פאַר און נאָך אַ ווענדונג? ווי טיילט זיך אויס די ווענדונג, וואס שטייט אין מיטן זאַץ? וואָס שטייט אנהייב זאַץ? וואָס שטייט סוף זאַץ? פון וואס ווענדט זיך דאָס שטעלן אַ קאָמע, אַ פּינטל אדער אַן אויסרופצייכן נאָך דער ווענדונג? [ביישפּ. יאָמע, יאָמע, זינג מיר אַ לידעלע, וואָס דאס מיידעלע וויל (פ. ליד). כאַצקעלע! כאַצקעלע! שפּיל מיר אַ קאַזאַצקעלע (פ. ליד)]. צי קען

אַמאל אן אויסרופֿווארט פֿאַרשטאַרקן די ווענדונג? צי דאַרף מען אזאַ אויסרופֿ־ווארט אפּטיילן פֿון דער ווענדונג?

255. שטעלט צונויף דריי זאַצן, וואו דיזעלבֿיקע ווענדונג זאל זיין אין אנהייבֿ, אין מיטן און צום סוף זאַץ.

256. טיילט אָפּ די ווענדונג מיט די געהעריקע אָפּשטעלצייכנס.

1. איך בעט דיך ברודער־לעבֿ בײַם עפּעס צו. טראָג מיך שיף צו אים געשווינד. לאמיר ברידער פֿריילעך זיין. פֿיר אונז פֿורמאַן גיך אַהין. אין דיין שוים מאַמע וויל איך אַלץ פֿארגעסן. מיין ליבֿער פֿריינט מיר שיינט, דו ביסט שוין מער ניט מונטער. מיין האַרץ מיין קרוין ווי דו ביסט שיין. גאט גאט גיבֿ אַ רעגן פֿון די קליינע קינדער ווענן. קינדער ניט פֿאַרגעסט די פֿייפֿלעך. גרויסער גאט מיר זינגען לידער אונדזער הילף ביסטו אַליין, נעמט צונויף די סנאָפּעס ברידער ביז די זון וועט אונטערגיין (וואַרש.). ניין מאַמעשי ניין! דו קענסט מיך ניט פֿאַרשטיין. ליבֿע שוועסטער טאַנץ מיט מיר. כ'לעבֿן זופּ אויס יאָסל נאָך אַ טעלער פֿיש מיט ראָסל (מרד.). ווער וועט דיך מיין קינד פּוצן און צירן? ווער וועט דיך מיין קינד אין חדר אַוועקפֿירן? (פּ. ליד). דו שמערקע זיי קלוג. וואָס זאגסטו שוועסטערל עס קלעקט? עט ברודערל לאז מיך צורו. מיידעלע דו בלייכינקע מיידעלע דו מיין טאג און נאַכט דו האָרעוועסט האָרעוועסט אין פּיין (הורוויטש). זיי זשע מיר געזונט מיין ליבֿע מוטער. הערט בחורים היינט איז פּורים! ניט פֿאַרגעסט! אַלטער טרויער ווער פֿאַרשוואונדן. קילער, שטילער אָוונטווינט קומסט פֿון ווייטן לאַנד אצינד. הער ברודער דו זעץ דיך אַ רגע צו. און אויבֿ דו ווילסט אברהמל טאָ כאַפּ טאַקע א דרעמל. אט־אט דערפֿאַר מיין זאָלד האבֿ איך דיר אמת האָלט. מיין קרוין איך האבֿ אַ גוטע בשורה. מיין קרוין מיין האַרץ קענסטו דאָ ניט אַ גוטן פֿויער, וואָס זאָל מיר עפּענען אַ טויער? (ריוו.). טראָג מיך ים צום מוטערס שוים. און דו מערבֿ־ווינט געטרייער טרייבֿ מיין שיף צו יענעם ברעג. פֿלאַטער זעגל בייג זיך מאַסטבוים דו מיין האַרץ בלייבסט פֿעסט און שטאַרק (ביאַל.).

פּסח.

2. גלי שטיינדעלע
קלאַפּ העמערל
לאך טייכעלע
וואַש און רייבֿ
דעם ווינטער אָפּ.
קלינג שטויסעלע
קנאַק מצהלע
שפּיל וויינעלע
און בענטש
דעם פּסח אונדז.

דריי רעגעלע
צוויטש פייגעלע
שמעק ערדעלע
ציר און פוץ
דער יום טוב אויס. (ל. קוויטקאָ).

257. ווי אַזוי קען די ווענדונג זיין אַ נאָמען פון אַן אומבאַלעבטער זאַך?

דערצייל־זאַץ. פרעג־זאַץ. אויסרוף־זאַץ.

ב י י ש פ י ל ן.

1. לויפט אום ווינטל איבער וואַלד, האָט פאַרנאַכט ניט וואָס צו טאָן. שווין אין ראָד ביים טייך געשאַלט און געטאַנצט מיט שטויב אין קאָן, ביים געפוצט שווין פאַר די האָר און ס'איז אומעטיק ביז גאָר. לאָזט זיך ווינט אין הימל וווייט. (דאָבר.). ס'פאַלט צו די נאַכט. שטילער, שטילער ווערט דאָס גערויש, דאָס געווימל אַרום און אַרום. איינס נאָך דאָס אַנדערע צינדן זיך אָן שטערנדלעך אין הימל. וואַלד און פעלד שווייגט. אַלצדינג רוט דאָרטן. עס גלעט זיי, פאַרוויגט זיי דאָס מילדע וואַרעמע ווענטע ווינטל. דער סאָלאָוויי זינגט זיי אַ שיין לידל (מענדעלע).

2. אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב! אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק! (מ. ר.). וואָלט איך געלאַכט! וואָלט איך געזונגען! (פ. ליד). אַך, ווי פריילעך איז דאָס לעבן אינדערלופטן פריי צו שוועבן! רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי! די מיזינקע אויסגעגעבן! (ווארש.).

3. צי יאָגט מען אים נישט ווי אַ נביא? צי וואַרפט מען אים נישט נאָך קיין שטיינער ווי אַ נביא? צי לייכטן אים נישט די אויגן ווי די שטערן? צי קלינגט ניט זיין שטים ווי די פיינסטע האַרפע? צי ליגט ניט אין אים דער שמאַרץ פאַר אַלע, דאָס ליידן פאַרן גאַנצן דור? אפשר וויים ער טאַקע אויך, וואָס שפּעטער וועט זיין? (פרץ).

אויספיר 52 §.

דאָס, וואָס מיר טראַכטן, קענען מיר דעם צווייטן איבערגעבן, דערציילן רואיק, געלאַסן אָדער עס אויסשרייען, אַנשטרענגען אונדזער קול, עס אויסרופן אונטער דער ווירקונג פון אַ שטאַרקן געפיל, וואָס כאַפּט אונדז בשעת מעשה אַרום.

דער זאַץ, וואָס דערציילט וועגן עפעס רואיק, געלאַסן, איז דערצייל־זאַץ (ביישפ. 1). דער זאַץ, וואו עס שפיגלט זיך דער אויסבראַך פון אַ געפיל און ווערט אַרויסגערעדט אויפגערעגט, מיט אַן אַנשטרענגונג — איז אַן א ו י ס ר ו ף ־ ז א ץ (ביישפ. 2). דער זאַץ, וואָס האַלט אין זיך אַ פראַגע, איז אַ פ ר ע ג ־ ז א ץ (ביישפ. 3).

258. מיט וואָסער אָפּשטעלצייכן ענדיגט זיך אַן אויסרופזאַץ? מיט וואָסער אָפּשטעלצייכן אַ פרעג־זאַץ? מיט וואָסער אָפּשטעלצייכנס קען זיך ענדיקן אַ דערצייל־זאַץ? לויט וועלכע סימנים דערקענט מען אָט די אַרטן זאַצן אין דער געשריבענער שפּראַך? ווי דערקענט מען אָט די אַרטן זאַצן אין דער גערעדטער שפּראַך?

וועלכע ווערטלעך לייגט מען געוויינטלעך צו אין אַ פרעג־זאַץ? אין אַן אויסרוף־זאַץ?
וואָס איז אַזוינס דער „טאָן”? וואו שטייט געוויינטלעך דער זאַכטייל אין אַ פרעג־זאַץ?

259. שטעלט צונויף אַ פינף זאַצן, אין וועלכע ס׳זאָלן ווערן אויסגעדריקט צער, פֿרייד, פאַרוואונדערונג, באַפעל, שרעק. שרייבט זיי אויף אָט די זאַצן און לייענט זיי פאָר. שטעלט צונויף אַ פאָר פרעג־זאַצן פריער מיט, נאָכדעם אָן באַזונדערע פרעג־ווערטלעך, רעדט זיי אַרויס.

260. וואָסערע זאַצן זיינען עס? וואָסערע אָפשטעל־צייכענס פעלן דאָ?

ראַטעוועט אַ מענטשען פון טויט שוין דריי טעג און דריי נעכט אין מויל ניט געהאַט (פרק). זאָל איך גיין אַהער וועט ער גיין אַהין וועל איך גיין אַהין וועט ער גיין אַהער (ש. — ע.). וואו נעמט מען אַזאַ לייטער פון טויזנט מיילן וואו נעמט מען אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל קאָנען די שטערן ציילן (פ. ליד.). וואָס זשע דאַרף מען ברידער אומעטיק זיין (וואַרש.). אוי מיר זאָלן זיין יידישע קינדערלעך פאַר אייערע כשרע אייגעלעך (ביאַל.). ווער וועט דיר מיין קינד פוצן און גלעטן ווער וועט דיר מיין קינד דאָס וויגעלע אויסבעטן (פ. ליד). היי היי העמערל קום צו מיר אין קעמערל איך וועל דיר עפּעס ווייזן (פ. ליד). שרה שרה אַ רעגן גייט כאַפּ אַריין דאָס חופּה קלייד (פ. ליד). קום נאָר אַהער תכשיט מיינער — מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַטע: — האָסטו ניט געזען ערגעץ דאָס מעסערל (ש. ע.). פילט איר ניט דעם ווינטל שטילן הערט איר ניט, ווי ס׳טייכל פליסט זעט איר ניט די זון זיך שפּילן און די שטראַלן, וואָס זי גיסט. אויף די פליגלען פונם ווינט פלי דיר, פלי מיין שיפעלע — און וואוהין פֿליסטו מיין שיפֿעלע — צו דער פרייער וועלט, אַהין, וואו ס׳איז ליכטיק, וואו ס׳איז גרין פייגעל זינגט בלומען בליט — שיפעלע שיפעלע נעם מיך מיט (פרק). ווער קאָן ריידן הניפהדיקע רייד און ווער קאָן נייען שיין אַ קלייד און ווער איז טאַקע אַ פיינער יונג טאַקע איך — משה קלונג. דו גלויבסט אין משיחס צייטן — פרעג איך אים — געוויס — ענטפערט ער שטיל און זיכער — משיח מוז קומען (פרק).

261. כ׳שטיי אויף פרי — דער דאַך געזילבערט
און אַ בעלמע אויף די שויבן;
דאָך אין דרויסן פליען העכער
צו דעם הימל ווייסע טויבן.
און די צעפלעך אייז ווי ליכטלעך,
אָנגעצונדן מיט אַ העלן
שטראַל, צעשמעלצען זיך און טריפן, —
צי זיי וויינען, צי זיי קוועלן?
און דער טייך? איר הערט זיין קרעכצן
און סקריפען פונדערווייטן?
עפּעס נעצט דאָרט, עפּעס פּלאַצט דאָרט,
עפּעס שפּאַרט דאָרט אין די זייטן.
עפּעס רודערט זיך דאָרט אונטן...
באַלד אָט באַלד וועט זיך באַווייזן,

וואָס דעשטיקטע קרעפטן קאָנען,
ווי די נויט ברעכט אייז און אייזן...
אַלע שטראָמן שטילע וואַסער
ווי מיט איין געדאַנק און עצה
וועלן זיך אַ נעם טאָן „ראַזאָם"
און אַ שפּאַר טאָן מיט איין פּלייצע
„ראַזאָם, ברידער!" און צעבראָכן
מוז די גראָבע אייז־דעק ווערן,
די וואָס האָט פון זיי פאַרשטעלט
הימל, זון, לבנה, שטערן.
און באַפרייטע, ברייטע כוואַליעס
וועלן טרייבן דורך די בריקן
גאַנצע מחנות שטיקער אייז —
זיי צום שוואַרצן ים פאַרשיקן.
„גייט צו אַלדי שוואַרצע ימען" —
און צעבראָכענע אויף פּיצלעך
וועלן זיי אין וועג באַקומען
קאַלטע פּעטש מיט הייסע שמיצלעך. (ח. נ. ביאַליק)

צונויפגעזעצטער זאַץ.

ביישפּילן.

1. עס וויינען די קינדער, עס קלאָגן די ווייבער. עמעץ פרייט זיך, עמעץ לאַכט. צען דינגען און איינער קויפט. עס ליאַרעמט דער ווינט און עס הייבן זיך כוואַליעס. די מאַמע גיט מיר אין חדר אַריין אַ גאַנצן עפּל מיט צוויי גראָשן, און אויך דער דייטש שענקט מיר אַ פּאָר קאָפּיקעס מיט אַ קניפּ אין בעקל (ש.־ע.). אַלע כּלות זיינען שיין, אַלע מתים זיינען פרום (שפּר.). אַלע סימנים גייען אונטער, נאָר דער סימן דלות בלייבט (שפּר.). אומזיסט איז נאָר דער טויט, דאָך קאָסט עס דאָס לעבן (שפּר.). דו האָסט מיך שוין לאַנג פאַרגעסן, אָבער איך בין דיר נאָך טריי (פ. ליד).

2. נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער ביז די זון וועט אונטערגיין (וואַרש). דער פוילער ווערט פלייסיק, ווען אַנדערע גייען שלאָפן (שפּר.). אַז די מויז איז זאַט, איז דאָס מעל ביטער (שפּר.). איצטער שלאָפט דער רויטער האָן, ווייל ער האָט ניט וואָס צו טאָן (מ. ל.). געבאָרן בין איך פון אַ באַרג, וואו שיינע בלומען בליען (מ. ר.). אַז די לבנה ביי נאַכט וועט אַ קוק טאָן פון אויבן, וועט זי אַ פאַריתומטע פעלד שוין געפינען (טייטש).

3. דאָס גאַנצע לאַנד, וואוהין איך גיי און קען איך מיטנעמען, איז איין גאָרטן (פּרץ). די מעשה, וואָס איך וועל אייך דערציילן, איז ניט קיין אמת און ניט קיין ליגן (הירש.).

4. דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן, די מלכּה געוואָרן פאַרדאָרבן, דער צווייג איז אָפּגעבראָכן, דאָס פייגעלע אַנטלאָפן (פ. ליד). איר וועט, קינדער, עלטער ווערן וועט איר אַליין פאַרשטיין, וויפיל אין די אותיות ליגן טרערן און וויפיל געוויין (וואַרש.). אוי, העלפט מיר קינדער אונטער, קיין כּוחות איז ניטאָ, געקומען איז דער ווינטער, דער ווינטער איז שוין דאָ (וואַרש.). קלינגט זשע הויך, איר שיינע קלאַנגען, ווייל דער מערב איז נאָך רויט, כאָטש די זון איז שוין פאַרגאַנגען, כאָטש דער דיכטער איז שוין טויט.

אויספיר § 53.

צוויי זאצן קאָנען אמאל זיין אזוי נאָענט איינער צום אנדערן לויט זייער אינהאלט, אז זיי שטעלן ביידע צונויף איין זאץ, א צונויפגעזעצטן זאץ. אזא זאץ באשטייט ווייניקסטנס פון צוויי פשוטע זאצן. די זאצן אין א צונויפזעצונג זיינען נישט אלעמאל אין דערזעלביקער מדרגה אפהענגיק איינער פון אנדערן. פאראן אזוינע צונויפגעזעצטע זאצן, וואו די שייכות צווישן די באזונדערע טיילן איז ניט קיין גאר ענגע און דער זאץ לאזט זיך לייכט צעגלידערן אין באזונדערע פשוטע זאצן (ביישפ. 1). ס'זיינען אבער אויך פאראן אזוינע זאצן, וואס זעלבשטענדיג, אן דעם צווייטן זאץ פון דער צונויפזעצונג, האבן זיי גאר קיין זינען ניט און זיינען אומפארשטענדלעך, און דעריבער אויך אוממיגלעך אליין פאר זיך, מחוץ פון דער צונויפזעצונג (ביישפ. 2).

ס'טרעפן זיך אזוינע זאצן, וואו איין זאץ איז אריינגעשטעלט צווישן די ווערטער פונם צווייטן זאץ (ביישפ. 3). א צונויפגעזעצטער זאץ קאן באשטיין ניט נאר פון צוויי, נאר פון דריי, פיר און אפילו מער באשטאנדטיילן (ביישפ. 4).

אויפגאַבעס.

262. קלערט צו פאָרלעך פשוטע זאצן און בינדט זיי צונויף אין צונויפגעזעצטע. גיט ביישפילן פון צונויפגעזעצטע זאצן פון ביידע מינים (על פּי די ביישפילן 1 און 2).

263. מיט וואָסער אפשטעלצייכן ענדיקן זיך געוויינטלעך צונויפגעזעצטע דערציילזאַצן? מיט וואָסער אָפּשטעלצייכן ענדיקן זיך די באַזונדערע גלידער אין דעם צונויפגעזעצטן זאַץ? ווי דאַרף מען איצט אויסטייטשן דעם כּלל, אַז אָפּטמאָל טיילט זיך איין זאַץ אָפּ פון צווייטן דורך א קאָמע?

264. ווייזט אן די טיילן פון די צונויפגעזעצטע זאַצן. צי קען מען די צונויפגעזעצטע זאַצן צעגלידערן אין פשוטע זאַצן?

דאָס הויזגעזינט איז פאַראומערט, אין שטוב הערשט אַ טרויער, אַפילו דער האָן שטייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס קעלבל בלייבט לעבן און מיר פאַלט אַראָפּ אַ שטיין פונם האַרצן. דאָס פנימל שיינט איר, די אייגעלעך פינקלען עפּעס מיט אַ גלאַנץ גאָר משונה, דאָס מיילכל האַלב אָפּן. אויף די ליפּלעך עפּעס אַ פאַרגליווערט מין שמייכעלע. די פרייד מיט מיר איז געווען אַזוי גרויס, גלייך ווי די וועלט איז מיינע, גלייך ווי אַלצדינג אין איר פילט מיין שמחה. איך זעץ מיך אויף די קניעלעך אַ ביסל פונדערווייטנס און באַטראַכט מיר דאָס קעלבל. אין קאָפּ שפּילט מיר אַ טשיזשיק, אין די אויערן זשוזשעט מיר אַ זשוקל, אין נאָז פאַרגייען מיר ריחות. אויב ס'איז נאָר געמאָלט אויף דער וועלט גליק און אויב עס איז געווען דענסטמאָל אַ גליקלעכער מענטש אויף איר, איז דער איינער געווען איך. איך האָב עס אָבער גוט געפילט,

עס האָט אויסגעדריקט אַ פראַגע: וואו ביסטו פלוצים אהינגעקומען? עס האָט מיר געפעלט טעג צום עסן און איך האָב געליטן הונגער (מענדעלע).

דער טאָג איז געווען אזוי ווארעם, די זון אזוי שיין, דער הימל אזוי לויטער, דאָס פעלד אזוי גרין, דאָס גראָז אזוי פריש, און אויפ'ן הארצן איז מיר געווען אזוי גרינג און אויף דער נשמה אזוי גוט, אז איך האָב גאָר פארגעסן, אז איך בין דאָ אַ ווילדפרעמדער און אַז איך בין ארויסגעקומען אהער צו אָנרייסן גרינס אויף שבועות, און האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז איך בין דאָ אַ מושל, אַ פרינץ, און דאָס גאנצע פעלד, וואָס מיין אויג כאַפּט אַרום, מיט אַלצדינג וואָס אין פעלד און אַפילו מיט דעם גאַנצן בלויען שטיק הימל — דאָס אַלץ געהער צו מיר. איך בין דערויף דער איינציקער באַלעבאָס און איך האָב דערויף צו שאַפן (ש.—ע.).

דער מאַי.

ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פראַכט!
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט!
ווידער בליט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.
ווידער נעמט דער פרילינג מאָלן:
מיט זיין פענזל וואו ער שמירט,
ווערן בערגער, ווערן טאָלן,
ווערט די ערד מיט גרינס פאַרצירט. (מ. ראָזנפעלד.)

265. פון די פשוטע זאַצן, וואָס שטייען בשכנות איינער צום אַנדערן, שטעלט צונויף צונויפגעזעצטע זאַצן.

ווינטער איז עס. גאָטס וועלט איז אין גאנצן אין שניי פאַרזונקען (אַש). און דער פראָסט האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. ער מוז ווייזן דעם טייך ווער ער איז! די פעלדער ליגן שוין באַגראָבן אין דעם ווייסן קיטל פון שניי. די ביימער דאָרט שטייען אָפּגעשמיסענע (מענדעלע). אַ כוואַליע וואַסער קומט אָן צו לויפן און גיט זיך אַ גאָס איבערן אייז. באַלד נאָך דער כוואַליע הערט זיך אַ קנאַק. דאָס אייז שפּאַלט זיך (אַש). און געעפנט שטייט די וועלט. בלוי און לויטער ליגט דער הימל (נסתר). דערווייל פאַלט צו די נאַכט. שטילער, שטילער ווערט דאָס גערויש אַרום און אַרום. איינס נאָך דאָס אַנדערע צינדן זיך אָן שטערנדלעך אין הימל (מענדעלע). די מיטאָג-ליכטיקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלץ. דאָ און דאָרט פינקלען קליינע שטיינדעלעך און שטיקלעך גלאָז (ווייסנ.). שמואליק ליגט מיט פאַרטראַכטע אויגן. זיינע גלידער, פילט ער, ווערן שווער. עפּעס ציט אים די ערד שטאַרק צו זיך (מענדעלע). אַ קליין שמאָל וועגל פירט פון דעם וועג אַראָפּ און פאַרשלענגלט זיך אויף די פעלדער. עס פירט צום הייזל צו

(אַש.) דער הימל איז באַדעקט מיט אַ בלייערן־גרויען וואָלקן. דער ווינט בלאָזט און שאָקלט מיט די בלויזעביימער. איבער דער ערד איז שוין דורכגעגאַנגען די שאַרפע קאָסע און איבערגעלאָזט נאָר עטלעכע דערנער. די ערד איז הויל און וויסט (פרץ).

צונויפגעצויגענער זאַץ.

ביישפּילן.

עס פייפט דער ווינט. עס ברומט דער ווינט.	עס פייפט און ברומט דער ווינט (נאָמ.)
כ׳וועל טרייסטן. כ׳וועלן בעטן. כ׳וועל וויינען. כ׳וועל וועקן.	כ׳וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן. (ביאל.)
יינגעלעך שפּילן זיך אין גראָז. מיידעלעך שפּילן זיך אין גראָז.	יינגעלעך און מיידעלעך שפּילן זיך אין גראָז.
ער האָט געדינט זיין פאָלק. ער האָט געדינט זיין לאַנד.	ער האָט געדינט זיין פאָלק, זיין לאַנד (פרץ.).
פייגעלעך זינגען אין וואַלד. פייגעלעך זינגען אין פעלד.	פייגעלעך זינגען אין וואַלד און אין פעלד.
לאָז לעבן לאַנגע יאָר די גליקלעכע פּאָר. לאָז לעבן לאַנגע יאָר די טייערע פּאָר. לאָז לעבן לאַנגע יאָר די אויסדערוויילטע פּאָר.	לאָז לעבן לאַנגע יאָר די גליקלעכע, די טייערע, די אויסדערוויילטע פּאָר. (נייד.)
נאָטקע טראָגט זיין קאַפּאָטקע פון דער חופּה אָן. נאָטקע טראָגט זיין קאַפּאָטקע שבת. נאָטקע טראָגט זיין קאַפּאָטקע יום־טוב. נאָטקע טראָגט זיין קאַפּאָטקע אומדערוואָכן.	נאָטקע טראָגט זיין קאַפּאָטקע פון דער חופּה אָן, שבת, יום־טוב, אומדערוואָכן (מרד.)
מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט. מיר שווערן צו קעמפן פאַר רעכט.	מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט (אַנסקי).

2. איך גיב דעם ברודער דאָס בוך. יעדער ייד האָט זיך זיין פּעקל. דער ווינט האָט זיך געלעגט און דער ים האָט זיך באַרואיקט. מיר וואוינען אין דעם פּעטערס גרויסן הילצערנעם הויז. מיר זיינען ביינאַכט שטיל געגאַנגען דורך וועלדער אויס מורא פאַר דעם פיינט. איך פאָר פון בויבעריק קיין יעהופּעץ.

אויספיר § 54.

מיר קענען צוויי אדער מער זאצן צונויפציען אין איין זאץ און ׳עס באקומט זיך יעמאלט א צונויפגעצויגענער זאץ. אין א צונויפגעצויגענעם זאץ זיינען פאראן א פאר זאכטיילן, וואס באציען זיך צו איין זאגטייל, א פאר זאגטיילן ביי איין זאצטייל. עס קענען זיין: 1) א פאר זאגבאשטימונגען, וואס ענטפערן אויף דער זעלביקער פראגע און באציען זיך צום זעלביקן ווארט, 2) א פאר זאכבאשטימונגען, וואס ענטפערן אויף דער זעלביקער פראגע, באציען זיך צו איין ווארט

און ווייזן ארויס ענלעכע סימנים פון דער זאך (שילדערן זי פון איין געוויסער זייט), 3) צוויי אדער א פאר ארטבאשטימונגען, וואס ענטפערן אויף דער זעלביקער פראגע און באציען זיך צו דער זעלביקער טואונג 4) צוויי אדער א פאר צייטבאשטימונגען אדער בכלל אומשטאנדבאשטימונגען פון זעלביקן מין, וואס ענטפערן אויף דער זעלביקער פראגע און באציען זיך צום זעלביקן ווארט. א צונויפגעזעצטער זאץ האט ע נ ל ע כ ע זאצטיילן.

אויפגאבעס.

266. וואָסערע זאצטיילן הייסן ע נ ל ע כ ע? פאַרוואָס זיינען ניט קיין צונויפגעצויגענע זאַצן די וואָס פון די ביישפּילן 2? מערקט זיך אָן און באַקלערט די אָפּשטעלצייכנס אין די צונויפגעזעצטע זאַצן.

267. שטעלט צינויף צונויפגעצויגענע זאַצן מיט א פּאָר זאַכטיילן, מיט א פּאָר זאָגטיילן, מיט א פּאָר זאַכבאַשטימונגען, מיט א פּאָר גרונטבאַשטימונגען.

268. פאַרוואָס זיינען דאָס צונויפגעצויגענע זאצן? קוקט זיך צו צו די אָפּשטעלצייכנס.

אדיע, אדיע דער ליבער זון, דעם הימל און די שטראַלן. פּורן פּאָרן, פירן קאָרן דורך די בערג און דורך די טאָלן. די זון גיסט אַרונטער אירע ליבע שטראַלן אויף די פעלדער, אויף די בערג און גרינע טאָלן, אויף די שיינע, אויף די יונגע בלומען־קנאָספּן. אַ נאַכט אַ גאַנצע טרוימען זיי פון בלומען און פון פייגעלעך. ווײנשל בלינצלען עפּעס ממזרש, גנבהש, ווי מיט אויגן. פאר רעכט און פריידהייט גייט אלץ אין קאָן. פון שרעק און פון כעס איז ער בלאַס און דערנאָך רויט געווארן. שטיל און רואיק גייט די צייט אין קליינעם, פאַרוואָרלאָזטן שטעטל. אין מיין זכות בלויז האָט איר דאס שמעקעדיקע בוימל און אייער שיינעם פלאַם צו דאַנקען. ערלעכע יידן זיצן דאָרטן טאג און נאַכט און האָבן הנאה פון דער שכינה. איך מוז אי וויינען אי זיך פרייען. שופרות בלאָזן, רוישן, ברומען, אז ער זאָל בשלום קומען. כמורנע גיסט און גיסט מיט מענטשן, פוילע, געלע ווי דער מאָרגן. אונטער זיין פערד וויגט זיך די ערד, ציטערט דער באַרג און דער טאָל. אין קעלט, אין היץ און רעגן, פינסטערניש און שטורעם בין איך געגאַנגען אויף דער וועלט. און שלאַף און טונקל זיינען מיינע אויגן. טויזנטער גאָלדענע אויגן פון הימל פינקלען און שפּיגלען אין וואַסער זיך אָפּ. טו ווי דער הימל, דער טייך און די ווערבעס, — איטלעכער חלומט זיין טרוים אין דער שטיל (יהואש). נישט געשווינט די מידע הענט, נישט די קרעפּטן, נישט די ביינער, האַקן מיר די קאַלטע שטיינער, און מיר האַקן טאָג און נאַכט (אנסקי).

ער האָט געזען: איר פוילט און פאַלט. האָב איך געמיינט, איר פילט און ווייסט און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט. און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער, אזוי די ערד זאָל טאָן אַ ציטער און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס. איין געפיל און איין פארלאנגען האָט טיף געגליט אין מיינע ביינער. איר זיינט ביי שלאַנגען, און מיט אייך, ביי אייך — קיינער, קיינער! (ביאל.)

דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפן זיך באַהאַלטן אין וועלדער און אין היילן און אין פעלזן־שפּאַלטן. עס רייסט דער צוואַנג פון אים קיין איינציק וואָרט ארויס, קיין קרעכץ, קיין זיפץ, קיין קרים. איך האָב גערעדט צום פאָלק, געוועקט זיין גלויבן, האָפן (וואַלט).

269. ענלעכע און אומענלעכע זאַצטיילן.

די ציגעלע איז געפאַרן האַנדלען, קויפן ראָזינקעס מיט מאַנדלען. פון באָרשטש מיט ברויט ווערן די באַקן רויט. איך מיט מיין שוועסטערל זיינען אַוועק אין וואַלד. מיר זיינען געפאָרן זוכן גליק אין דעם וואונדערלעכן לאַנד פון דאָלאַרן. עס איז היינט אַ ליבער, קלאָרער טאָג פון פריען פרילינג. שיינע ליכטיקע וואָלקנדלעך ציען זיך איבערן נאַכטיקן הימל. אַמאָל האָט ביים טייכל אַ יונגפרוי געלעבט און נעצן פון שטראַלן און גינגאָלד געוועבט. שטיל און פינסטער איז געווען אין דעם אַלטן ענגן שטיבל. זאָל שוין אפּרוען מיין אַלטער, קראַנקער, גרויער קאָפּ. גרויסע רויטע קאַזאַרמעס ציען זיך אויף ביידע גאַסן. ווייסע דופטיקע קווייטן וואַלגערן זיך, אַראָפּגעריסענע פון ווינט. פישערס שלעפּן אויף דעם געלן זאַמדיקן ברעג שווערע נאַסע נעצן. אויף דעם וויסטן בלאַסן הימל כאַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגן. אַ שיין זעקסיאָריקע מיידל האָט אַלעמען צעטיילט פרישע ווייסע רויזן. מיר וועלן שרייבן קליינינקע, מאָנ־טשינקע אותיותלעך.

270. פשוטע, צונויפגעזעצטע און צונויפגעצויגענע זאַצן.

אין א ווינטער־נאַכט.

די באָבעניו זיצט מיט דער זאָק אין
דער האַנט.
דאָס לעמפּעלע צאַנקט. פון די שפּיזלען
צעוויגן זיך, לויפן קרום אויף דער וואַנט
אי חיות, אי פייגל, אי ריזן.

די באָבעניו שווייגט. אַלע מעשיות פון לאַנג
איבערדערציילט פאַרן זומער.
אין האַרצן ביי איר ליגט
אַ גיפטיקע שלאַנג,
אַ טיפער, אַ גליענדער קומער.

אין דרויסן איז פינסטער, אין
דרויסן איז קאַלט,
דער שניי האָט די סטעזשקעס פאַרשאָטן.
אַן אומעטיק בילד, אַ פאַרטרויערט געשטאַלט
שוועבט לאַנגזאַם און שטיל ווי אַ שאָטן.

די אַלטיטשקע זיצט ביי דעם
לעמפּעלע. שווער
און טיף איז איר רוקן געבויגן.
זי זיצט און זי שעפּטשעט, אַ טרער
נאָך אַ טרער
באַלייכטן די טונקעלע אויגן.

— „אוי נעסטעלעך, נעסטעלעך
פוסטע! מיט שניי
פאַרשאָטן, פאַרגליווערט געוואָרן.
עס פליען די ווינטן און קלאָגן אויף זיי
און רוישן און גרימען מיט צאָרן.

אוי, פייגעלעך ליבע! וואו זיינען
זיי איצט?
אַוועק איבער בערג, איבער „מערן",
אַהין וואו דער מאָרגנשיין פינקלט און בליצט
און שמייכלען די גאָלדענע שטערן.

אַהין וואו די לופט איז געזונט,
ריין און פריי,
וואו שניי־ווייסע וואָלקנס נאָר שוועבן —
אָנצוהייבן דאָרט פון דאָס ניי,
פון דאָס ניי
אַ פרייען, אַ גליקלעכן לעבן.

דער ווינטער איז לאַנג, נאָר דער
שניי וועט צעגיין,
דער גאָלדענער פרילינג וועט קומען.
דער הימל וועט ווערן אי ליכטיק אי ריין,
די גערטנער — באַשאָטן מיט בלומען.

די ערד אין איר אַלטן, געוואוינטן גליק
וועט ווידער אי שיינען אי בליען,
און פריילעך אַהער וועלן קומען צוריק
די פייגעלעך ווידער צופליען.

אוי, קינדערלעך מיינע, פון ווינטן און קעלט
פאַרגליווערטע, קראַנקע נשמות!
זיי זיינען אַוועק ערגעץ ווייט אין דער וועלט
צו זוכן הצלחות, נחמות.

זיי זיינען אַוועק אין אַ פינסטערער צייט,
אין שווערע, און ביטערע יאָרן.
און זייער געבורט־אָרט איז פרעמד שוין און ווייט
פון זייערע אויגן געוואָרן.

צי האָבן זיי דאָרטן שוין נעסטן געבויט
צו פירן אַ פרייען, אַ זיסן,
אַ ליכטיקן לעבן, פון שרעק און פון נויט,
פון קעלט און פון ווינטן ניט וויסן?

און אפשר אויך דאָרט איז ניטאָ וואו פאַר זיי
צו צוטוליען זיך מיטן אַלטן
פאַרמאַטערטן קאָפּ, און פון קעלט און פון שניי
די עלנטע ברוסט צו באַהאַלטן.

(פרוג).

דאס בינדווארט.

ביישפילן.

1. נאָטקע מאַכט עס אויך מיט אַלע פליטער ווי אַ שניידער אַ געניטער. בוי איך מיר אַ שיפעלע צו פאָרן איבער ימען. און ביידע שווייגן: אי דאָס וועלדל אי די האַרמאַטן. עס טאָר ניט וויסן דערפון ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע, ניט דער רבי.

2. זע ביישפילן צו די §§ 54 און 55.

כאָטש אין גלות זיינען מיר, דאָך קיין מוט פאַרלירן מיר. זאָל זי מיר זאָגן, צי די מאַמע לעבט נאָך. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, עלעהיי ס'איז אַ מעסערל אין סע שניידט. און בכדי צו איבערצייגן זיין יינגערן ברודער משהלע און זיין קליין שוועסטערל דבורהלע, אז ס'שפּאַלט זיך דער הימל, גייט אַברהמעלע צו צו דער מאַמען, שלעפּט זי פאַרן קלייד. און טאָמער וואָלט זי אַמאָל אַ הוסט געטאָן, האָט זי אַזויפיל מענטשן, וואָס וואָלטן איר אַפילו וויין דערלאַנגט. מיין ברודער אליהו איז נעבעך געגאַנגען צו אים דריי מאָל, איידער ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט. מחמת איך זאָג קדיש אינדערפרי און אויפדערנאַכט, גיי איך שוין ניט צו הערש־בער דעם חזן. הגם צו אַזעלכע מיני מסחרים איז אַ מענטש נישט אַזוי שטאַרק נייטיק... געזונט אָבער באַדאַרף מען טאַקע האָבן. למאי זידלסטו זיך? סיידן אפשר דיין פעטער דער זייגערמאַכער וועט דיר אונטערהעלפן?.

אויספיר § 55.

פאראן א באזונדערער קלאס ווערטער, וואס דינען דערצו, כדי צונויפבינדן זאצן צווישן אנאנד און אויך איינציקע טיילן פונם זאץ מיט די איבעריקע זאצטיילן. אזוינע ווערטער הייסן בינד־ווערטער. דאס בינדווארט איז, פארשטייט זיך, ניט קיין זאצטייל.

אויפגאבעס.

271. לייענט דורך די זאצן, וואס געפינען זיך אין די ביישפילן פאר די §§ 54, 55, און 56 און לאזט דערביי דורך די בינדווערטער.

272. שטעלט צונויף זאצן, וואו ס'זאלן זיך איינגעפינען די בינדווערטער: אחוץ דעם, הגם, אויב, באם, הן־הן, פונדעסטוועגן, למאי, דערפאר.

273. שטרייכלט אונטער די בינדווערטער.

מענדעל דעם שוחטס קענט איר צי ניין? אבי ער זאל ניט זיין קיין שייגעץ. זי וויל ניט, אז די קינדער זאלן שפילן אין טאמע־מאמע. עד האט ביי אונדז אין קליינעם שטעטל אי גענעכטיקט אי געטאגט. איך וועל גיין אין אלע גאסן, איך וועל שרייען: „וועש צו וואשן!", אבי מיט דיר צוזאמען זיין. אז משיח וועט קומען וועלן מיר מאכן א סעודהניו. כאטש אן ארעמע, פארט א מומע! נעכיי וואלט זי מיך כאטש געכאפט אליין אן עדות. אויב אזוי, טא מעגן מיר דאך טאקע מנחה דאווענען. צי זיי פאסן, זעט. זע נאר, ווי ער האט זיך צעבלוטיקט, דער קדיש דיינער! — שרייט דער טאטע און נעמט מיך אן ביי די פינגער אזוי, אז די ביינדלעך קנאקן. דאס ערשטע מאל, פון זינט דאס מעסערל איז מיינס, קומט מיר דאסדאזיקע שרעקלעכע ווארט אויף די געדאנקען. און טרערן האבן זיך אים געוויזן אין די אויגן, ווארעם דאס קול איז געווען זייער זיס און שטארק. למאי האט זיך ניט לאנג געטראפן נאך א שענערע מעשה. מחמת איך האב געהערט דערציילן, אז פאראיארן איז ביי איר פארפוילט געווארן א קעלער עפל. כאטש דאס לידעלע איז אלט, נאר ס'וועט ווערן יינגער באלד. צי די סטרונעס אלע אן, ווייל דאס לידל הויבט זיך אן (ווארש.). ער האט אי געשפילט אי געדיריזשירט. זאל זי מיר זאגן, צי די מאמע לעבט נאך. און רייכע לייט האבן ליב לעקעך צו עסן, אבער ניט לעקעך צו באקן. אברהמעלע ווייס, אז א בוים וואקסט. פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאל זיין אזא מיוחס ווי אצינד. אזוי זאגט אברהמעלע און די קינדער הייבן אן טרעפן, וואס וועט דער טאטע זיי ברענגען א מתנה פונם מארק. קיין געלט לייזט זי סיי ווי סיי ניט. זי האט געווארט, ביז עס איז פינסטער געווארן, און זיי זיינען ביידע אהיים געגאנגען. און אפשר האט זי אים ניט אריינגעשעלט צווישן די עסערס דערפאר, ווייל ער איז שוין זייער אלט און האט קיין ציין ניט אויף צו קייען. קייען קייט ער טאקע ניט, דערפאר אבער שלינגט ער ווי א גאנדז און כאפט (ש.־ע.). זי האט געדענקט דעם טאטן ווי דורך א חלום, מחמת זי איז אלט געווען סך־הכל זיבן־אכט יאר, בשעת ער איז געשטארבן. ניט איין טאג, ניט צוויי און ניט דריי טעג האט דער פראסט געפרואווט אפצושטעלן דעם טייך. עס ווייס נאר גישט, ווי און ווי אזוי דאס וואקסט. די קרעטשמע איז געווען באלעגערט אין דרויסן

מיט פּורלעך און וועגלעך אַלערליי, אַ טייל ליידיקע, נאָר מיט אַ ביסל שטרוי, אַ טייל פֿאַרנומענע מיט מיני זאַכן און חפצים, סיי נישט קיין פֿאַרקויפֿטע, סיי געקויפֿטע דאָרטן אויפֿן מאַרק (מענדעלע). זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פֿון די נייטיקסטע באַדערפֿעניש, בכדי צו צאָלען פֿאַר משהלען שכר־לימוד, אַבי זייער משהלע זאָל קענען לערנען, און דערמיט אַליין זיינען זיי געוועזן זאַט (מענדעלע). [אַ קאַשקעטל], ס'זאָל זיין אי פֿיין, אי שיין, אי גוט, אי וואָלוול, אי אַזוי...

274. אפֿשר האָט איר באַמערקט אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען אַמאָל בינדווערטער און אַמאָל גאָר אומשטאַנדווערטער אָדער פֿאַרנעמען? ווי שיידט מען אונטער אין אַזוינע פֿאַלן, צי דאָס וואָרט איז באמת אַ בינדוואָרט? וואָסערע בינדווערטער באַנוצט מען ביי פֿאַרגלייכונגען? וואָסערע קענען אָנגערופֿן ווערן אַנטקעגנשטעלנדיקע? וואָסערע בינדווערטער ווערן באַנוצט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צייט פֿון אַ טוּאונג? מיט דעם גרונט פֿון אַ טוּאונג?

די קאָמע אין פּשוטן, צונויפֿגעזעצטן און צונויפֿגעצויגענעם זאַץ.

ביישפּילן.

1. דער פֿרילינג, דער פֿרילינג וועט קומען.
   מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע.
   ער אָטעמט רק שווערער, שווערער.
2. זע ביישפּילן צו די §§ 54, 55, און 56.

אויספֿיר: § 56.

וועגן דער קאמע אין פשוטן זאץ איז שוין גערעדט געווארן אין די פאראגראפן 52—51. איצט זאל נאך צוגעגעבן ווערן, אז די קאמע ווערט געשטעלט ביים איבערחזרן דאסזעלביקע ווארט אדער א גאנצן אויסדרוק.

אין דעם צונויפגעזעצטן זאץ טיילט זיך איין זאץ אפ פון צווייטן דורך א קאמע. די קאמע ווערט אבער דורכגעלאזט, ווען די זאצן זיינען קורצע, ניט קיין שטארק פארברייטערטע און ווערן צונויפגעבונדן דורך אזוינע בינדווערטער ווי „און" „אדער" „אי—אי" א. אז. וו.

אין דעם צונויפגעצויגענעם זאץ טיילט מען אפ דורך קאמעס די ענלעכע זאצטיילן. די קאמע איז אבער איבעריק, ווען די ענלעכע זאצטיילן פארבינדן זיך צווישן אנאנד מיט פאראיי־ניקנדיקע בינדווערטער, ווי: „און" „הן", „אי — אי" א. ד. גל. פאר בינדווערטער מיט אן אנטקעגנשטעלנדיקן באטייט (דהיינו: „נאר", „אבער", „נייערט", „דאך") שטעלט מען א קאמע.

באמערקונג.

די אנגעגעבענע כללים שעפן נאך לגמרי ניט אויס אלע פאלן, ווען מען דארף שטעלן א קאמע. זיי גופא, ד. ה. די אנגעוויזענע כללים, נייטיקן זיך נאך אין א ריי דער־גאנצונגען, דערקלערונגען, אויסנעמען. דעריבער וועט איר דערווייל זיך נישט תמיד פונאנ־דערקלייבן, ווען צו שטעלן די קאמע, און ס'וועלן נאך געמאלט זיין א סך ספיקות און אומ־פינקטלעכקייטן.

אויפּגאַבעס.

275. שטעלט צונויף אַ פּאָר פּשוטע זאַצן, אַ פּאָר צונויפגעזעצטע און אַ פּאָר צונויפגעצויגענע, וואו מען באַדאַרף באַנוצן די קאָמע. טראַכט צו אַ פּאָר צונויפגעזעצטע זאַצן, וואָס זייערע באַשטאַנדטיילן ווערן ניט אָפּגעטיילט דורך אַ קאָמע.

276. וואו פעלט דאָ קאָמעס?

מען דאַרף גיין לאַנג לאַנג. באַלד באַלד וועט זיך אָנרוקן אַ כמאַרע. קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי ניט געגאַרט צו האָבּן ווי אַ מעסערל ווי אַן אייגן מעסערל. פאַרן שלאָף האָב איך דאָס אויסגערייניקט אויסגעשייערט אויסגעפּוצט גענומען דאָס שאַרפשטיינדל (ש.־ע.). דער גאַנג אַהין איז געווען לעבּעדיק רעשיק בּגראַנדע (מענדעלע). דער גאָנער סאָפּעט שמאָרעט מיט די נאָזלעכער. און דאָרטן ליגט מיין מאַמע אַליין און הוסט הוסט און בעט זיך. אין שטוב איז אַ יאָמער אַ קלאָג. אלע אלע שטעלן זיך איין פאַר מיר. אַ זון וואַקסט אַ געזונטער אַ וואוילער. איך פאַרשטעל דאָס מעסערל מיטן העמדל. גיי איך אַרום שול. מיין מאַן מיין מאַן איז ער געבּליבּן. ס'קינד וועט שלאָפן און שוויגן. און די שניטערס גייען איילן. סערפּעס קאָסעס גלאַנצן קלינגען. אויף די טאָלן אויף די פעלדער הער איך זיסע שטימען זינגען (פרוג). עס איז געוואָרן טרויעריק־טונקעל פּראָסטיק. חברה שפּילעט זיך אָפּ קנעפּלט זיך אָפּ. נאָכדעם ווישט זי אויס די אויגן רופט אָפּ מיין בּרודער אליהו אויף אַ זייט. [איך וועל] תמיד זיין אַן ערלעכער אַן ערלעכער! (ש.־ע.). יאָמעלע שרייט צאַפּלט זיך בּייסט דאָס בענקל פאַר ווייטאָג (דינ.). כ'בּין אויסגעפאָרן אויף אַלע שיפן איבּער אַלע ימען. זיי קושן דיך טייערע מאַמע. זאָלסט אונדז טאַקע ווייטער בענטשן מיט הצלחה און מיט בּרויט. קיין מענטשן קיין ציגן קיין הינט ניט אין גאַס. עס שווימט זיך דאָס שפּענדל און טראָגט ערגעץ וואו. ער רופט ער רופט מיין אַלט־בּאַקאַנטער ליבּער צוג. די לעצטע בּלום איז שוין פאַרוועלקט פאַרדאָרבּן. קומען קומען אָן צופליען מלאָכימלעך מיט זיסע אויגן. ס'איז דאָ אַ וועלט פון שיינקייט פון בּיימער בּלומען גראָז. די האַרטע אָפּ־געריסענע טענער פאָרן דורך די בּיינער. דו בּיסט נאָך יונג דו בּיסט נאָך יונג געזונד און פריי. דער אָרימער משוגענער האָט קיינעם ניט גערעדט קיין שלעכט וואָרט קיינעם ניט אָנגערירט מיטן מינדעסטן פינגער (פרץ). פון יעדן לייכטן גערויש פון יעדן לייכטן שאָטן פון אַ צווייג פון קלענסטן גרעזל האָט זיך מיר אַריינגעזאַפּט דורך די אויגן ווי דורך די אויערן אַ מין שווידער אַ שרעק (פרץ). דעם גאַנצן טאָג האָט זיך געטראָגן אין הימל צום פאָדערפאַלאַץ די יידישע תפילה און די יידישע תשובה קרעכצן קלאָגן און געוויינען; עס האָבּן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע פון דער נשמה אויסגעלייטערטע דורך פיין און צער זינד און חטאים (אַנסקי).

לויפט שוין ווינטל פייל פון בּויגן
אַ דערשראָקענער אַ נאַסער
לויפט בּאַהאַלט זיך אויף אַ בּוים
זיצט און אָטעמט דאָרט נאָר קוים.

וועט שוין ווינטל צווישן צווייגן
נאַכט אַ גאַנצע זיצן שווייגן (דאָבר.).

277. קוקט זיך צו צו די אָפּשטעלצייכנס און דערקלערט, פאַרוואָס זיי זיינען דאָ פאַראַן, אויך פאַרוואָס זיי זיינען ניטאָ.

אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט, לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אונדזער אייגן בלוט. די לאָמפּן ברענען און די שפּיגלען גלאַנצן. די מאַמע פייערט און קאָכט, ווײנט זיך אויס, ווישט אויס די אויגן און בעט זיך באַלד איבער. עס פאַרדריסט מיך און עס ברענט מיך און איך וויין. האָט ער אַ פולן קעלער מיט פוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תבואות, פלאַקס און פעלכלעך. די בעקלעך רייטלען זיך ווי אַ פרישער פרימאָרגן, און דער אָטעם איז רואיק און שטיל און שמעקט ווי אַ פרישע עפּל (פרק). מיכל האָט פאַרשטאַנען, פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף אויף דער פּלייצע, זיך געקראַצט אונטערן בערדל און אַ זאָג געטאָן (ש.-ע.). איז אָנגעפאַלן אַ שניי פון הימל, אַ גרויסער שניי, האָט ער די שטעגן פאַר־יאָגט, די וועגן פאַרשיט, און טעג און אפשר וואָכן וועט קיין אורח איבער דער שוועל ניט קומען (פרק). דער טאַטע מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ זיצט איבער אַ ספר, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט (ש.-ע.). נאָכדעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, איבערשניידן אַ שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן אַ שטרוי אויף דער האַלב און ערשט נאָכדעם צעשניידן מיין חלק ברויט אויף קליי־ניטשקע, קלייניטשקע שטיקעלעך, אָנשטעכן אויפן שפּיץ פון קרינגל און ערשט נאָכדעם לייגן אין מויל אַריין (ש.-ע.). טיף אין וועלדעלע שטייט אַ ביימעלע און די צווייגעלעך בליען, און די צווייגעלעך בליען (פ. ליד). איך האָב ליב זיין קאַלטן ווינט, וואָס ער פאַטשט אין האַלדז און נאַקן, ווען פון פאָרנט קושן, הלובען זיסע ווינטלעך מיינע באַקן (ביאַל.). די אויגן פאַרמאַגן צוויי פינטעלעך, וואָס גליען און פינקלען און טוקן זיך, און עפּעס ווי נביאיש און וואונדערלעך פאַרטראַכטן זיך טיף און פאַרקוקן זיך אויף נעכטיקע טעג און אויף פייגעלעך (ביאַל.). ווען די וועלט איז אין חלום פאַרזונקען, ווען ס'שפּאַלט איבער אַ העלפט זיך די נאַכט, שטייט אויף פון געלעגער דער קיניג, זיין הייליקע האַרפע דערוואַכט (יהואש).

278. וואו פעלן דאָ קאָמעס?

1. קומט דער ליבער זומער שפּילן מיר אין זאַמד (פ. ליד). די באָבע האָט אָנגעהויבן צו דרימלען מיט אַמאָל איר חלום וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדערש מאָל (ווארש.). אויפן צווייגעלע שטייט אַ פייגעלע און דאָס פייגעלע פּישטשעט און דאָס פייגעלע פּישטשעט (פ. ליד). איך האָב געמיינט זי בלייבט ביי אונדז. מיין טאַטע איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג שבועות און איך בין געבליבן אַ יתום. דאָס איז די איינציקע מצוה וואָס זיי קענען מקיים זיין אין דאָרף. בערעלע האָט גענומען שרייבן דער ערשטער יאַנקעלע איז געשטאַנען און געקוקט. און די זיבן יאָר האָבן זיך ניט אויסגעלאָזט כל־זמן טוביה מיט זיין ווייב סערל האָבן געלעבט. זיי האָבן ניט געוואוסט פון וואַנעט דאָס האָט זיך גענומען מיט אַמאָל אַזויפיל סאָלדאַטן. אין שטאָט איז אַ שרפה געווען זיינען זיי געקומען צו אים צוגאַסט. די נאַכט רוקט זיך אָן נענטער און נענטער די

בלאָטע ווערט וואָס ווייטער אַלץ אָפּטער. די זון איז פון לאַנג שוין פאַרגאַנגען און דאָך איז דער הימל אַלץ רויט מיין האַרץ איז איצט פול מיט פאַרלאַנגען איך בין וויינען און לאַכן איצט גרייט (סנג.). אָפּט האָט ער געהערט ווי באַ־קאַנטע האָבן געזאָגט זיין טאַטן אַז משהלע איז אַ טייער קינד (ספּ.). אַז איר ווילט קען איך אייך אויסלערנען. איך ווייס אַז איצט וועט ער מיך ניט אָנרירן ווייל איך בין אַ יתום. און געשעען איז די מעשה פאַרצייטנס ווען עס זיינען נאָך אַזויפיל שטעט און דערפער ניט געווען (פרק). פּיניע הייסט „קלעצל" דערפאַר ווייל ער איז גראָב און קיילעכדיק ווי אַ קלעצל (ש.־ע.). ער קוקט זיך אום נאָך בערלען בערל איז שוין לאַנג ניטאָ און דאָ נעמט אים אָן די שרדהטע ביי דער האַנט (אש). ווי ער איז אַזוי מתפלל דערפילט ער אַז עמעץ גיט אים אַ צי פאַר דער פּאָלע (פרק.). האָבן זיי ערשט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא און זיי האָבן געהאַט אַ פריילעכן יום־טוב. סאַטיע כאַפּט פּיש דאָס ווייב זיינס שטריקט נעצן און פירט די שטוב די קינדערלעך וואַלגערן זיך אין זאַמד און זוכן בורשטין (פרץ). איך זע אירע קליינינקע דאַרינקע הענט איך קוק אין די אַלטינקע טונקעלע אויגן. דער הימל און די געסעלעך זיי סודן זיך פאַרטראַכט די שטערנדלעך ווי דימענטלעך זיי לייכטן צו דער נאַכט. ווי דער צער זאָל זיין ניט גרוים תמיד קען מען אים פאַרוויגן אין דער מאַמעס שטילן שוים (איינ.). וואו נאָר ס'קען דאָס אויג דערגרייכן גלאַנצט גאָטס וועלטל שעמערירט . . . ס'איז דער פראָסט אַליין דער מושל שטאַרק און קרעפטיק איז דער ריז ס'דינען קעלט און שניי צוזאַמען (ביאַל.). ווען איך זע אייך שמינקלענדיק קומט אַ חלום פינקלענדיק רעדט אַן אַלטער טרוים (מ. ר.) ווען זי האָט געפונען שוין וואָס זי דאַרף אין זונענשיין אַרבעט זי אין פינסטערניש זיסן האָניק אוים (יהואָש).

2. דער קבר איז פאַרטיק דער קבר איז אָפן . . .
אַ לעבן אָן פריידן אַ לעבן אָן האָפן
אַ לעבן פון אומעט און ביטערער נויט
אַ לעבן פון צרות פון פיין און פון לייד
אַ לעבן אָן ליבע אָן גליק און אָן מאַכט
אַ לעבן — אַ שטילע אַ פינסטערע נאַכט.
טרויעריק ביסטו זיך נעבעך געגאַנגען
און ווי אַ פייער אין מדבר פאַרגאַנגען! (אנסקי).

באַדעקט האָט דער ווייסער דער זילבערנער שניי
די וועלדער די בערג און די טאָלן.
עס גלענצען די ביימער עס הענגען אויף זיי
די צווייגן ווי העלע קריסטאָלן.
די יונגינקע ווערבע ביים ברעג פונם טייך
די סאָסנעס די שטאַרקע די אַלטע
אין ווייסע תכריכים האָט אָנגעטאָן גלייך
זיי אַלע דער ווינטער דער קאַלטער (פרוג).

פרילינג.

דאָס טייבעלע וואָרקעט
דאָס טייבעלע רופט:
„שטייט אויף קינדער! ליכטיק
און פריש איז די לופט.
עס ציען זיך ציען
פון הימל און פאַלן
ווי גאָלדענע פעדעם
די וואַרעמע שטראַלן.
דאָס בינעלע זשומעט
און זויגט אָן אַ מאָס
די זאַפט פון די רויזן
דעם טוי פון דעם גראָז.

די פייגעלעך זינגען
אין וואַלד און אין טאָל
עס הערן זיך לידער
אַרום אָן אַ צאָל.
די פישעלעך שווימען
אַרויף אויף די כוואַליען
זיי טאַנצן אין וואַסער
זיי שפּרינגען זיי קוועלן.
עס בליען די ביימער
עס שפּראָצן די בלומען
צו אונדז איז דער פרילינג
דער פרילינג געקומען".

(שמעון-שמואל פרוג).

279. אַ לבנה-נאַכט.

פאַרהילט האָט דעם וועלדל אַ זילבערנער נעבל,
באַהאַלטנדיק דאָרטן אַ שטיק פון דער נאַכט,
און איבער די פעלדער, די בלייכלעכע שטרעקעס,
געשוועבט האָבן מערנישט ווי שאָטנס פאַרטראַכט.

פאַרוויגנדיק שטיל זיינע זילבערנע וועלן,
האָט ערגעץ אַ טייכל געשוואומען פאַרבענקט
און שווימענדיק נעצן געפלאָכטן פון שטראַלן,
וואָס האָט אים די קאַלטע לבנה געשענקט.

פון וויטן געצאַנקט האָבן פייערלעך קליינע,
דאָס האָט ערגעץ שטיל וואו אַ דערפל גערוט.

אין לופטן געווייט האָבן וואַרעמע ווינטלעך
און ליבלעך געסודעט: „ווי אַלץ איז דאָ גוט!"

(דוד איינהאָרן).

דער שורש און די ווערטער־משפחה.

ביישפּילן.

1. פאָר־

פאָר־ן, צו־פאָר־ן, אָפּ־פאָר־ן דורכ־פאָר־ן וכדומה.

פאָר־ער, פאָר־עריי, פאָר־עניש, צונויפ־פאָר, דורכ־פאָר, אַרומ־פאָר־ער, אפּ־פאָר, צו־פאָר א. אז. וו.

פיר־ן, אַריינ־פיר־ן, דורכ־פיר־ן א. אז. וו.

פיר־ער, פיר־ונג, אַרויס־פיר א. אז. וו. פאַר־פיר־עריש, פור.

2. זיצ־

זיצ־ן, אָפּ־זיצ־ן, אויס־זיצ־ן א. אז. וו.; זיץ, ביי־זיץ, פאָר־זיץ א. אז. וו.; פאָר־זיצ־ער, זיצ־ונג.

זעצ־ן, צו־זעצ־ן א. אז. וו.; זעצ־ער, זעצ־עריי, גע־זעצ־טער, גע־זעץ, גע־זעצ־לעך;

זאַץ, ביי־זאַץ, אָפּ־זאַץ א. אז. וו.

3. באַ־שולד־יק־ן, באַ־שולד־יק־ער־ס.

אויספיר § 57.

דער גאַנצער ווערטער־אוצר, וואס די שפראך פארמאגט, שטאמט אפ און ווערט געשאפן פון א קליינע צאל אורווערטער, ווארצלען, שרשים.

צום שורש ווערן צוגעשטעלט פארטראפן (פאר דעם שורש). און נאכטראפן (נאך דעם שורש).

אלע ווערטער, וואס שטאמען אפ פון איין שורש, שטעלן צונויף א ווערטער־משפחה.

אויפגאַבעם.

280. וואָס איז דער חילוק צווישן שורש און שטאַם? צי קען געמאָלט זיין, אַז דער שורש און דער שטאַם פון וואָרט זאָלן צונויפפאַלן? ביישפּילן! אויב דער שטאַם איז לענגער פאַרן שורש, וואָסערע טיילן פאַרמאָגט ער אַחוץ דעם לעצטן? גיט אַ פּאָר ביישפּילן פון ווערטער, וואָס זאָלן פאַרמאָגן פאָרטראַפן, וואָס זאָלן באַזיצן נאָכטראַפן, וואו עס זאָל זיין בנמצא הן דער פאָר־, הן דער נאָכטראַף.

281. שטעלט צונויף ווערטער־משפחות מיט דעם זעלביקן שורש, וואָס אין:

וועגן, געבויגן, פאָרוואורף, נעמען, גליטש, פאַרבינדונג, טויט, ניצלעך, צושניידער, אייניקייט, טראַכטן.

282. געפֿינט דאָ דעם שורש און ווייזט אָן נאָך ווערטער מיט דעם זעלבֿיקן שורש. ווייזט דאָ אָן דעם חילוק צווישן שורש און שטאַם.

לערנערל, באַקלאָגסט, פֿאַרבֿיטערטע, צעשרויפֿט, הוליעסט, בֿייגעוודיקע, טריקעניש, שאַרפֿסטער, האַרצינקעס, געלבֿלעכע, בֿלעטערנדיק, דריטער, רעגנדלעך, צערטלעכער, אייגנטלעך, מייזעלעך, געבֿונדענע, פֿונאַנדערגעגאַנגענע, צעטריבֿן, צוגעשלאָסענערהייט, געצויגן, רייכערער, גילדענע, קיכעלעך, פֿאַרלייקענען, פֿאַרבֿרידערונג, צעריסענע, פֿאָרזיצערס, אויסגעשניטן, מיילכעלע, אַריינדרינגלעך, אומגעקומענע.

283. צייכנט אָן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אונדז געבֿן אַ בֿילד פֿון שורש, שטאַם און ענדונג. איז די שפּראַך ניט ענלעך צו אַ וואַלד?

איבערחזרונגען.

וועגן וואָרט־קלאַסן און זאַצטיילן.

אויפֿגאַבֿעס.

284. קלייבֿט זיך פֿונאַנדער אין די ווייטערדיקע זאַצן, באַקלערט, וואָסער ראָליע עס שפּילט אין זאַץ איטלעכס וואָרט און צו וואָסערן קלאַס ווערטער עס געהערט.

דער קראַנקער מענטש שטאַרבֿט באַלד. דער קראַנקער מענטש איז געשטאָרבֿן. דער קראַנקער איז געשטאָרבֿן. דו וועסט קומען אַהיים? יאָ. ער איז געשטאָרבֿן. וואָס עס איז געווען, דאָס איז געווען. דער אָרעמער ליידט נויט. „אַמאָל" איז אַן אומשטאַנדוואָרט. „אָי" איז אַן אויסרופֿוואָרט. אַ צוויי זאָגן שיכור דאַרף זיך דער דריטער לייגן שלאָפֿן. זיין איינציקע באַשעפֿטיגונג איז קלייבֿן פֿאָסט־מאַרקעס. קלייבֿן פֿאָסט־מאַרקעס איז זיין איינציקע באַשעפֿטיגונג. אַ שפּאָרער איז בעסער פֿאַר אַ פֿאַרדינער. דאָס שפּאָרן מאַכט רייך. איך בֿין געווען דער לעצטער. איך בֿין געווען דער צוואַנציקסטער. די פֿאָדערשטע ריי איז זיך צעלאָפֿן. די ערשטע ריי איז זיך צעלאָפֿן. זאַלבֿעדריט זיינען מיר געגאַנגען זיך שיפֿן. צוויי שילער האָבֿן ניט געקענט מיטהאַלטן מיטן קלאַס. שלעכטע אומפֿעאיקע שילער האָבֿן ניט געקענט מיטהאַלטן מיטן קלאַס. צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. ער פֿאַרטראָגט זיך אין זיינע דמיונות אין די וועלטישע וייטן. דער „ער" איז אַוועקגעפֿלויגן זוכן שפּייז און די „זי" איז געבֿליבֿן אין נעסט. דער וועלטס ווייטן זיינען ניט אויסצומעסטן. איך האָבֿ אַ שטעקן מיט אַ גרויסן קאָפּ. אַ מיידעל מיט גאָלדענע לאָקן איז אויפֿגעמאָלט אויפֿן בֿילד.

אַ גאָלדלאָקיגע מיידל איז שושנה. יעדער מענטש האָט זיך זיינע חסרונות. דער שטערבֿלעכער מענטש וואַרט דאָך ניט אויפֿן טויט. שטענדיק האָפֿט ער צו לעבֿן. איי, מאָטקע! אַהער! גיכער! קומט, לאָמיר גיין. מיר זיינען נאָך יונג. ווער ס'איז יונג — דער איז שטאַרק, און דעם איז דאָס לעבֿן געגעבֿן.

285. וואָסער שייכות איז פֿאַראַן: 1) צווישען זאַכטייל און זאַכוואָרט, 2) זאָגטייל און צייטוואָרט, 3) זאַכבאַשטימונג און בייוואָרט, 4) אומשטאַנדבאַשטימונג און אומשטאַנדוואָרט? וואָסער ענלעכקייט איז פֿאַראַן צווישען פֿאָרווערטער און בינדווערטער? צי וואָס דאַרף מען זיי? וואָסער זאַצטייל קען זיין: 1) אַ זאַכוואָרט, 2) אַ בייוואָרט, 3) אַ צאָלוואָרט, 4) אַ פֿאַרנאָמען, 5) דער אומבאַשטימטער אופֿן פֿון צייטווערטער (דער אינפֿיניטיוו), 6) אַן אומשטאַנדוואָרט? צי קען מען זאָגן, אַז דאָס צאָלוואָרט איז אין תּוך אַן אָפּטייל פֿון בייוואָרט? צי קען מען ניט איינטיילן די פֿאַרנעמען אין זאַכווערטערישע און בייווערטערישע פֿאַרנעמען? אין וואָסערע גרופּעס, מינים, קלאַסן ווערטער קען מען צעטיילן די מענטשלעכע שפּראַך? וואָסערע וואָרט־קלאַסן ווערן ניט געבייגט? וואָסערע זיינען בייגעוודיקע? צי קען מען זאָגן: 1) אַז אַן אויסרופֿוואָרט איז אַ זאַץ פֿאַר זיך, 2) אַז די ווערטער „יאָ" און „ניין" זיינען זאַץ־ווערטער, 3) אַז אַ ווענדונג איז אַ זאַץ פֿאַר זיך? וואָס הייסט עס, זאַץ־וואָרט? קען זיך אַ זאָגבאַשטימונג באַציען ניט צום זאָגטייל? וואָסערע זאַצטיילן זיינען טוּאונג־באַשטימונגען? צי וואָלט מען קענען איינטיילן די זאַכבאַשטימונגען אין מיטשטימיקע און אומשטימיקע? דורך וואָס קען אויסגעדריקט ווערן די אומשטימיקע זאַכבאַשטימונג? וואָס איז גרינגער צו באַשטימען: דעם זאַצטייל אָדער דעם וואָרטקלאַס?

286. קלייבט זיך פֿונאַנדער אין די וואָרט־קלאַסן און זאַצטיילן.

און דאָס מעסערל מיינס האָט מען פֿאַרוואָרפֿן, פֿאַרוואָרפֿן אַזוי ווייט. אַז איך האָב דאָס אַכט טעג כּסדר געזוכט און האָב דאָס ניט געקענט געפֿינען אין ערגעץ! צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן? עלנט בין איך געבליבן אָן דעם האָרבאַטן מעסערל, עלנט ווי אַ יתום, און קיינער האָט ניט געזען מיינע טרערן, וועלכע איך האָב שטילערהייט פֿאַרגאָסן ביי זיך, אויף מיין בעטל ביינאַכט, קומענדיק פֿונם חדר (ש.־ע.). און איבער דעם בערגל, וואו די ווינטמיל שטייט מיט אַן אויסגעשטעלטן פֿליגל איבערן קיילעכדיקן דעכל, ווי מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט אין הימל אַריין, טוקן זיך עטלעכע ווייספֿאַרטראַכטע וואָלקנדלעך אין דער בלויער לופֿט און קוקן אַראָפּ מיט אַ שטילער אויפֿמערקזאַמקייט, ווי קליינע קינדער, וואָס גייען פֿאַרביי פֿאַר עפּעס און פֿאַרטראַכטן זיך (וויס.). לאַנג פֿאַרבלייבן אין שפּיטאָל האָט ער ניט געקאָנט: אויף זיין אָרט האָבן געוואַרט הונדערטער און טויזנטער. מען האָט אים איבערגעשיקט אין אַ קלענערער שטעטל, ווייט אַרויף אין רוסלאַנד. דאָרטן איז ער נאָר געוועזן אַ חודש. ער האָט געוואַרט, ביז דער טאַטע וועט קומען און אים אַהיים נעמען (אַש). ליגנדיק בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיט אַ זיסן שלאָף פֿון אַ צוועלפֿיאָריקן קינד. אויף אַ לאַנגער באַנק אַקעגן ביי אַ ברענעדיק חלבדיק ליכטל שאָקלט זיך משהלע איבער אַ תּהילימל. אַ שטיל געבעט מיט זודיקע געפֿילן, הייסע טרערן גייען אים טיף אויס דעם האַרץ, טראָגנדיק זיך צום גנעדיקן באַרמהערציקן פֿאָטער אין הימל. ער וויינט, ער בעט, טראַכטנדיק אין זיך: „אָ, רחמנות, האָב רחמנות, הייליקער פֿאָטער! אָ, טו אַ נס, אַלמעכטיקער גאָט! שענק מיר און די קליינטשקע קינדערלעך, וואָס ליגן פֿאַרשמאַכט נעבעך דאָ

אין ווינקל — אָ, שענק אונדז דעם טאַטן!״ דערפֿאַר זאָגט ער צו גאָט ביי זיך אין האַרצן צו טאָן זיין געבאָט און דינען אים געטריי (מענדעלע).

מנחה־צייט. אַ געשמאַק ווינטעלע הייבט אָן צו בלאָזן און אויפֿן הימל ווייזן זיך שטיקלעך וואָלקן, אויף וועלכע מען האָט ווי אויף טייערע געסט שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. די ביימער הייבן פֿאָמעלעך זיך אָן צו שאָקלען, איינער צום אַנדערן איינבייגן דעם קאָפּ און פֿירן צווישן זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָכדעם אַז זיי האָבן שוין לאַנג געשוויגן שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפֿגעוועקט די שלאָפֿעדיקע תּבֿואה, אַלע זאַנגען כאַפּן זיך ווי יונגע קינדער אויף מיט אַ קול און צעקושן זיך גאָר פֿריינדלעך. גאָטס באַשעפֿעניש רירט זיך אומעטום: אויפֿן פֿעלד, אין וואַלד און אין דער לופֿט. איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטן שפּילפֿייגעלעך אַרויס, אויף צווייגעלעך, ביימעלעך, נידעריק און גאַנץ הויך, פּוצן זיך די פֿעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקל, און הייבן אָן די זיסע זמירות צו זינגען, צו סווישטשען. באַבאָטשקעס, רייך געקליידט אין אַטלעס, סאַמעט, מיט טייערע צירונג כאַפּן אַ טענצל שוועבנדיק אין דער לופֿט, הייבן זיך, דרייען זיך און מאַכן חן. צוויי בושלעס, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע רויטע פֿיס שטייען אויפֿן גראָז פֿאַררייסנדיק די קעפּ אין דער הויך און קוקן מיט גדלות. עפּעס אַ קונדס אַ פֿויגל שטיפֿט, פֿליט פֿון איין בוים צום אַנדערן, מאַכט: „קוקו, קוקו!״ ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. אים ענטפֿערט אָפּ פֿון צווישן ווייץ און קאָרן אַן אַנדער מין פֿויגל עפּעס: „פּיק־בער־וויק! פּיק־בער־וויק!״ ווי גערעדט: אייביק וועסטו מיך דאָ ניט כאַפּן, כאַטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפֿן עק. פּאַקט זיך, ר׳ קרובֿ, ווייטער און אַוועק, אַוועק! ניט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צעלאָזט זיך אויף זיין העלדזעלע, מאַכט זיסע שטייגער און שפּילט גאָר מחיה, איטלעכער, וואָס קען נאָר עפּענען אַ מויל, האַלט דעם באַרימטן חזן אונטער. זשאַבעס אַפֿילו פֿון די טייכלעך ערגעץ טערעליקען, אַפֿילו פֿליגן, בינען האָבן ניט געשוויגן. און דער זשוק, דער שייגעץ, דער אָנכאַפּער, האָט פֿליענדיק אויך געזשומשעט. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכן מען האָט געמעגט אויף בילעטן גיין הערן . . .

(מענדעלע מוכר ספֿרים.)

וועגן אויסלייג.

אויפֿגאַבעס.

287. קוקט זיך צו צום אויסלייג און באַטראַכט אים.

אָרעמער דאַך! וואָס קנאַקסטו? כאַפּט זיך טאַקע שמערל האָלצהעקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אַן אָפּגעקאָכטער און אָן אָטעם. גיסט געשווינד אָפּ די נעגל, כאַפּט אויף זיך דעם כאַלאַטל און לויפֿט אַ באָרוועסער פֿון טרוקענעם גיהנום אַרויס. די שנאָבלען פֿאַררוקט אין די פֿליגלען. חיים־יונה איז אַ וואָיללערנער און אַ גאָטספֿאָרכטיקער. אַך, ווי שיין דאָ איז אין דער וואַסערשטוב! נאָך אַ טאָג פֿריער האָבן זיך די וואַסערפֿויגלען פֿון דער אַמעריקאַנער זייט געוויזן. עס רוישט און קאָכט די לופֿט און וויל דעם קאָפּ אַרונטעררייסן. מען באָדט זיך.

ווי טייט מען דעם וויטאָג? און אַז דו עסט לאָקשן מיט יויך, זאָלסטו אַנ־נעמען מיט דער לעפל פּונקט אַזויפיל לאָקשן וויפיל יויך. ער איז פעסט פונם שטורעם פאַררינגלט. שעהן קומען אָן, פאַררינען. געשווינגן הייסט אויך גערעדט. אַז מען טוט אַ הונט גוטס, בילט ער. אַז מען היט אָפּ פרעמדס, קומט מען צו אייגנס. אַז מען רעדט אויס אַן עין־הרע — שאַדט ניט. ער איז גאָרנישט געוויינט צו אַזאַ אויפפירן. גאָלדע די פישערין האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַנטאָניע יאַכטאָוונע אין דעם קליינעם חורבהדיקן הייזל, וואָס אויף יענער זייט טייכל, וואו די ווייבער וואַשן די וועש. דער דלות פאַרשווענדט, וואו עס אַרבעטן די הענט. ברעכט זיך אַ רינג — צערייסט זיך די גאַנצע קייט. מיט שווייגן פאַררעדט מען זיך ניט. יעדער ייד האָט זיין פּעקל. בעסער אַ ביסל און רעכטס איידער אַפּולע און שלעכטס. די שטים מיט די אַלע באַוועגונגען זיינע האָבן אַלעמען איבעראַשט. אַנטקעגן אים פּאָכט הייזעריקלעך אַ לעדערנער געלאַטעטער בלאָזזאַק. אַז מען רעדט, דעררעדט מען זיך. פון דער שול זיינען זיי אַהיים געגאַנגען גלייך, אויפן טיש איז שוין געשטאַנען לעקעך אַ״סך, און די אייניקלעך האָבן געוואַרט שוין פון אינדערפרי — אַכציק ער און זיבעציק זי! (וואַרש.). און וואו דו לייגסט דיין קאָפּ ניט אַנידער, אויפן גינגאָלדענעם ווייכן מאָך, אויף גאָלער ערד, אויף אַ האַרטן, דאַכט זיך, שטיין — שלאָפסטו אַלץ רואיק און געזונט איין . . . שמעקעדיקע לופטלעך שוועבן דיר אַרום פּנים, רוימען דיר די שענסטע חלומות אין אויער אַריין און ווינטשן דיר: „שלאָף, גוטער מענטש, שלאָף — דאָ וועט דיר קיין בייז ניט געשעען". (פרץ). עס שטייען די שניטער אין פעלד און זיי שניידן. עס בלישטשען די סערפּעס אַ בליק נאָך אַ בליק. עס פלעסקען אין טייכל זיך זילבערנע פישלעך און בעטן אויף רעגן. (טייטש).

שאַ, שטיל איז סליחות־צייט אין דעם וואַלד ווי אין שטעטל שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און די שטילקייט וואַרפט אַ מרה־שחורה. די ביימער שטייען פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט. נאָר ניט דער פּנים, דאָס געשטאַלט, וואָס פריער. זייער שאָקלען מיט די צווייגן — דאָס איז אַ ברעכן מיט די הענט; זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצן, אַ קרעכצן פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין, נאָכדעם ווי אירע קינדער צעפאָרן זיך אין אַלע זייטן. דאָרטן, וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גערעשט, געזונגען, געשפּרונגען אין איטלעכן ווינקעלע, איז אַצינד שטיל, רואיק אַזוי ווי אויף אַ בית־עולם. ניטאָ די פריערדיקע לעבעדיקייט, די פרישקייט און אויפגערוימטקייט, אַלצדינג שטייט עפּעס ווי ברוגז, זייער אומעטיק. דער הימל קוקט אויך ניט פריינדלעך און איז עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזן. וויסט איז די נעסט — די פייגעלעך זיינען זיך צעפלויגן . . . פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט שטייט דער וואַלד, גלייך ווי ער פילט, אַז דאָס אויפהייבן זיך און אַוועקפליען פון זיינע שפּיל־פייגעלעך באַווייזט ניט אויף גוטס. ער מעג זיך ריכטן, אַז באַלד וועט זיך אָנרוקן אַ כמאַרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטן, און ער איז אַצינד דעריבער פאַראומערט, שטאַרק באַטריבט (מענדעלע).

288. ווייזט אָן, וועלכע ווערטער ווערן געשריבן (אין דער פריערדיקער

אויפגאַבע) אַנדערש, ווי זיי ווערן אַרויסגערעדט? אין וואָסערע ווערטער שטימט בכלל קיינמאָל ניט דאָס אַרויסריידן זיי צו זייער אויסלייג? און אויב מען וואָלט שוין די ווערטער, וואָס שטאַמען אָפּ פון לשון־קודש, שרייבן פּונקט ווי אַלע איבעריקע, קען מען שוין זאָגן, אַז מיר שרייבן אויף דאָס וואָרט אַזוי ווי מיר ריידן עס אַרויס? פאַרוואָס קען מען ניט שטענדיק שרייבן פּונקט אַזוי, ווי מען רעדט אַרויס? וואָסער מניעה צו דעם איז די וויכטיקסטע:

1. די פּערזענלעכע באַזונדערקייטן פון אויסשפּראַך,

2. די אָרטיקע פאַרשיידנאַרטיקייט, 3) אָדער די אוממיגלעכקייט צוצופּאַסן די געשריבענע שפּראַך צו דער גערעדטער?

פאַרוואָס קען מען טאַקע ניט צופּאַסן די געשריבענע שפּראַך צו דער גערעדטער? פאַרוואָס מאַכט מען רעפאָרמעס פון אויסלייג און קיינער קלערט ניט וועגן רעפאָרמעס פון אויסשפּראַך? וואָס איז דער חילוק צווישן „ריכטיקן אויסשפּראָך” און „ריכטיקן אויסלייג”?

289. ווי איז בעסער צו שרייבן:

יינגעלעך אָדער יינגעלאך; רואיק, רויִק אָדער רוהיג; דער דאָזיקער אָדער דער דאָזיגער; באַשולדיגונג אָדער באַשולדיקונג; פּעאיקער, פּעיִקער, פּייהיגער אָדער פעהיגער; אָרים אָדער אָרעם; טאַטן אָדער טאַטען; אינגער אָדער יינגער; צווייערלייאיק אָדער צווייערלייִיק; פאַרדריסליך, פאַרדריסלאך אָדער פאַרדריסלעך; אונדז אָדער אונז; פינסטער אָדער פינצטער; רעכץ אָדער רעכטס; רעט אָדער רעדט; פאַראיין אָדער פאַריין?

290. איז עס שטאַרק וויכטיק פאַר אַ שפּראַך צו האָבן אַ פעסטאיינגע־שטעלטן אויסלייג? פאַרוואָס האָט נאָך יידיש ניט קיין אַלגעמיין־אָנגענומענעם אויסלייג?

וועגן אָפּשטעלצייכנס.

אויפגאַבעס.

291. וואו קומען דאָ פּינטעלעך, אויסרופצייכנס און פרעגצייכנס?

ווייט פון דער גרויסער וועלט ליגט מיין היים צווי קרומע בלאָטיקע וועגן ציען זיך פון דאָרטן וואוהין פירט אָט דער גלייכער טרוקענער טראַקט. וואָס זאָגט איר אויף אַייער תכשיט אַצינד גלויבט איר שוין די ווערטער האָבן געהערט צו דער רופאטע איך האָב דערקענט איר מאַנסבילשע שטים. צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך איר באַוויזן אין די אויגן זי האָט אָנגעבויגן איר קאָפּ אויף זיין געזיכט און געקושט זיין שטערן אירע טרערן האָבן נאַס געמאַכט זיין געזיכט (אַש). און פון וואַנעט האָבן זיי געזאָלט ווּיסן מער? די ביימער דרעמ־לען אַזוי מיד און פאַרחלשט פון דער היץ די הינטערשטע צווייגן הענגען אַראָפּ און קוקן שטום אויף די בערגלעך ערד אויפן גראָז ליגן דיקע שאָטנס עטלעכער גרעזלעך האָבן פלוצלונג אַ ציטער געגעבן (וויסנ.). איך קען שוין די וועטשערע ניט עסן די מאַמע טאַפּט מיך ביים קאָפּ דער טאַטע וואַרפט אויף מיר בייזע אויגן און שיקט מיך אָפּ שלאָפן איך קען דען צומאַכן די אויגן איך בין אַ טויטער וואָס טוט מען מיטן מעסערל ווי אַזוי לייגט מען

דאָס אנידער צוריק (ש.—ע.). פֿאַרוואָס איז ער אַזאַ גרויסער קבצן אַ מענטש שאַרט רענדלעך פֿון דער פֿאָדעשווע און האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דער אַכסניא (פֿרק). די זון שיקט אונדז אַלע איר וואַרעמען שיין צי דאַרף מען דען רייכקייט אויף גליקלעך צו זיין (פֿיכ.) פֿיל קינדערלעך אין וועגעלע ווי דער מאָן אין זאַק שמייסער די לייצעס נעם און די בייטש און קנאַק. אַ שפּאַציר אין וואַלד אַריין מיט די פֿייגלנבויגן האָבן פֿייגעלעך דערזען און אַוועקגעפֿלויגן (פֿרק.). איך האָבֿ נאָך גאָרנישט אויסגעגעבן און עס פֿעלט מיר אַ צענערל צי האָבֿ איך עס פֿאַרלאָרן (פֿרק). און וואַסער צו וואַשן האָט איר — פֿרעגט דער קונצנמאַכער — איך קען ברענגען וואַסער אויך (פֿרק.) וואָס ביסטו געבליבן שטיין ווי אַ ליימענער גולם פֿאַרוואָס גייסטו ניט אין חדר אריין גיי, מען וועט שוין מערנישט געבן גאָרנישט גדליה דער שוסטער לאָזט זיך גיין און קערט זיך אום צוריק איר ווילט, הייסט דאָס, „נעפֿרעמענא" אויף פּסח? (ש.—ע.). וואָס שטייט איר אין איינע יסורים ס'איז דאָך היינט פּורים לאָמיר מאַכן אַ כוסע און דווקא אַ גרויסע (ש.—ע.). וואָס פּיקט איר צי איז אייך נישט גוט אונטער דער מוטערס שוים (פֿרק.) ווערסט מיך נישט אַראָפּפֿירן פֿון וועג עס איז נישט קיין גאָטזאַך, גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פֿון מענטשן (פֿרק). אפשר מיינט איר אַז ס'איז ניטאָ קיין בתי־מדרשים מיט קיין שולן אהא, נאָך וואָסערע שולן איין שול איז דאָ אַ טערקישע איר מיינט, דאָרטן דאַוונען טערקן נײַן דאָרטן דאַוונען יידן, די אייגענע וואָס מיר (ש.—ע.).

292. דערקלערן, פֿאַרוואָס ס'שטייט דאָ אָדער פֿאַרוואָס ס'איז דורכגע־לאָזט דער אָדער יענער אָפּשטעל־צייכן.

ווען דו ווערסט, אָ זילבערוואָלקן, זען מיין ליבע, גוטע מאַמע, גריס איר האַרציק אין מיין נאָמען. און פֿאַרגעס נישט, זילבערוואָלקן, איר צו זאָגן, אַז מיר בענקט זיך נאָך דעם שטילן, נאָך דעם ליבן קליינעם שטעטל, וואו מיין וויגל איז געשטאַנען, וואו זי האָט מיך איינגעשלעפֿערט מיט אַ זיסן קינדער־לידל. ווען דו ווילסט וויסן, ברודער האָן, דעם רושם, וועלכן איך מאַך אָן, דאַן גיבֿ אַ קוק אויף איר קאָליר און זע, ווי בלאַס זי איז, בשעת איך בייזער זיך אויף איר. אַ הונט לאָזט מען בילן און מען גייט זיך ווייטער. ווער קען זיין שמחה פֿילן, ווער קען זיין פֿרייד פֿאַרשטיין? איך זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן. נאָר כי־פּי־כי — ווי אַזוי קושט מען אַ טאַטען? פֿון דער ווייטן האָט זיך געהערט אַ שטילער דונער, ווי מ'וואָלט ערגעץ אויף אַ בוידעם געקייקלט קליינע שטיינדעלעך. ריין געטובלט, פֿריש געצוואָגן שלאָפֿט דער דונקעל־גרינער וואַלד. דאָ און דאָרט אַ רעגן־טראָפּן ווי אַ דימענט בליצט און שטראַלט. אַ ווילדער פֿרייד־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלע מיילער אַרום און אַז די פֿאַליע פֿון די ווילדע געשרייען איז אַריבער פֿרעגט מען די פֿאַרמשפּטע צום טויט, אויבֿ זי האָט זיך נישט עפּעס וואָס צום לעצטן מאָל צו ווינטשן (פֿרק). מען לויפֿט אין פֿרעמדע שטיבער זיי אַוועקצולייגן אין פֿרעמדע בעטן, צו פֿרעמדע קינדער. דאָס פֿייער יאָגט די מענטשען פֿון די הייזער, טרייבט זיי אַרום ווי ווילדע רוחות און טראָגט זיך פֿון דאַך צו דאַך (אַש). רבונו של עולם! וואָס ליגט אַזוינס אין דיין האַרטער באַנק אין

בית־מדרש, אַז דער, וואָס נעכטיגט אויף איר איבער אַ נאַכט מיטן קולאַק צו־קאָפּנס, שטייט דעם אַנדערן טאָג אויף עפּעס גאָר אַן אַנדער מענטש, ווי נײַ געבוירן? (מענדעלע). גענוג געהוליעט אויף דער וועלט, אַרומגעפלויגן פרײַ און גליקלעך ווי אַ פויגל, פריש און פריילעך ווי דער ווינט. און אַברהמל דער באַהעלפער האָט מיך אײַנגעהילט, פאַרוויקלט אין אַן אַלטן טלית־קטן און אַוועק מיט מיר אין חדר (פרוג).

פ ר י ל י נ ג.

דו זעסט, די ערד האָט זיך באַפרײַט
פון שלאָף — פון פראָסט און שניי!
דו זעסט, די ערד האָט זיך באַנײַט
און לעבט און אָטעמט פרײַ;
ווי מיט דער שטאַרק־פאַרהאַסטער פעל
האָט לײַכט געמאַכט אַן עק
דער בלויער טײַך! און אויף דער שטעל
טרײַבט ער אַליין זײַן וועג!

אָפּגעשאָקלט האָט דער וואַלד
דעם שניי און בליט און שפּראָצט,
און אויך דאָס שוואַכסטע גרעזל שפּאַלט
זײַן „אונטער־דרערד” און גלאָצט
און זוכט די זון, די פרײַע וועלט
און ציט און זויגט זײַן גליק!
און הערסט, ווי איבער בערג און פעלד —
„ציריק! — ציריק! — ציריק!”

(פרץ).

293 צעשטעלט אָפּשטעלצייכענס.

1. פאַרנאַכט אַז חיים־יונה דער תּלמוד־תּורה־מלמד האָט צעלאָזט די תּלמידים אַהיים זײַנען זיי געגאַנגען מקבל־פּנים זײַן כּתריאל דעם וואַסערפירערס פע־דל דער ערשטער האָט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג ראובעלע אַז דאָס פערדל איז אַן אויסגעצייכנט פערדל עס וועט געבן סטרונעס פון זײַן ווײַדל וויפיל מען וועט באַדאַרפן — אַ סימן, אָט וועלן מיר באַלד אַ פּרואוו טאָן און ראובעלע האָט זיך פאַרגנבעט צו מתּושלחן פון אונטען און האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן בײַ אים האָר פון ווײַדל. אַך ווער זײַט איר מײַן ליבער ייד וואָס פאַרציילט מיר אייער ליד. און די בערגלעך ציט זי איבער מיט אַ סאַמעטל אַ גרינעם און באַקוועקזילבערט די טײַכלעך ווי אַ שפּיגל־גלאָז אַ דינעם. טאַטע איך האָב מיט זיך אַ פײַפל איך וועל אַ פײַף טאָן. וואָס בין איך שולדיק אַז איך בין צו שפּעט געקומען. טרעפט קינדער וואָטער יום־טוב איז דער בעסטער פון אַלע יום־טובים. נו בחורל באַדעק דיך און קום אַהער. וויינט ניט יונגע בלימעלעך איך האָב אײַך אָנגעריסן איך זאָל אַליין מיט טרערן אײַך באַנעצן און באַגיסן. זאָג־זשע רבינו וואָס וועט זײַן אַז משיח

וועט קומען. אַי הענדעלע האָסטו אַ כּלי אַ הילכיקע אַ וואוילע . . . און דו קוקוק זינגסט שיין אַ גוואַלד . . . קינדער איך וועל אייך דערציילן אַ מעשׂה מיט אַ פאָן ווי אַזוי איך האָב באַקומען אויף שׂמחת תּורה אַ פאָן ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פאַרלאָרן. אוי קינדערלעך איך האָב קיין ווייסע בולקע אינדערוואָכן קיינמאָל ניט געגעסן. אוי פאָטער אוי טאָטער ברויט מיט זאַלץ וועלן מיר עסן און אונדזער מוטערס כּשרן נאָמען וועלן מיר ניט פאַרגעסן. ליולינקע מיין פייגעלע ליולינקע מיין קינד וואו נעמט מען אַזאַ דאָקטאָר צו היילן מיר מיין וואונד. עס האָט אַ בליק געטאָן גלייך ווי דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און אָפּגעטונקט די וועלט מיט פייער באַלד דערויף האָט אַ הילך געגעבן אַ דונער און זיך אָפּגערופן אַרום און אַרום מיט שרעקלעכע קולות ווי פון טויזנט האַרמאַטן עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעמ־ווינט . . . יעדער באַזונדער האָט געקרעכצט געזיפצט געשריען איינער דעם אַנדערן מבֿלבּל געווען ביז אַ שלאַקסרעגן האָט מיט אַמאָל איטלעכן פאַרשטאָפּט די מיילער (מענדעלע).

2. אַ וויגליד.

ס'לויפן ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקן
ס'פייפט און ברומט דער ווינט
פון סיביריען שיקט דער טאַטע
דיר אַ גרוס מיין קינד

גאָר דער ווינט — ער ברענגט אונדז גרוסן
פון דעם קאַלטן לאַנד
דאָרטן שטייט ער אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנט

און ער גראָבט אַלץ טיפער טיפער
וואַרפט די ערד אַרויס . . .
ניט געזאָרגט דאָך פאַרן שקר
גראָבט ער קבֿרים אויס.

ניט דער ערשטער ניט דער לעצטער
פאַלט ער אויפן פעלד
זאָרג ניט קינד מיינס דיך געבוירן
האָט אַ גרויסער העלד

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן
שלאָף זשע שלאָף אַצינד
זאַמל כּחות פאַר דער צוקונפט
זאַמל איינציק קינד

(ה. ד. נאָמבערג.)

קינדער־יאָרן.

פאַר דעם ציימל נעם מיך מאָטקע
איך וועל זיין דיין פערד
נעם דאָס שטריקל פאַר אַ לייצע
ס'שטעקל — פאַר אַ שווערד
מאַרש אַהין אויף יענע בערגלעך
אין די פרייע לופט
איצקע וואַרט שוין מיט אַ באַנדע
הערסטו ווי ער רופט

קינדער ניט פאַרגעסט די פייפלעך
וואָס איר האָט געמאַכט
פרעגט נאָר בערקען האָט ער אַלע
צווייגלעך שוין געבראַכט
מאַכט זיך גרייט צום לויפן קינדער
גיכער נו גאַלאָפּ
ווייטער ווייטער גייט עס שנעלער
פלינקער באַרג אַראָפּ

היט זיך. ניט צעברעכט די קריגלעך
רואיק מאַכט קיין גוואַלד
ווייסט איר וואו די יאַגדעס וואַקסן
אין דעם טיפן וואַלד
קינדער נעמט זיך פאַר די פאַלעס
יודקע גיי פאָרויס
דאָ איז לייכט צו בלאָנדזשען קינדער
אונדזער וואַלד איז גרויס (מאָריס ראָזנפעלד).

3.

ווי לאַנג וועט זיין דער טאָג פאַרבאָרגן
וואָס הערט זיך וועכטער מיט דער נאַכט
דער וועכטער זאָגט: עס קומט דער מאָרגן
ווי לאַנג עס זאָל ניט זיין די נאַכט

אַז מען צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פאַמעלעך
לאַך איך מיך פון מיינע שונאים אויס
און גיי מיר גאָר אַ פריילעך
איך טאַנץ ווי דער חתן מיט דער כלה
פליעסקעט פליעסקעט אַלע

לאָז מען מוטשען מיך אַפילו מער
זאָג איך דיר צו אוי פּאָטער
איך וועל ניט פאַרגיסן קיין איינציקע טרער
איך הער זיי ווי דעם טאָטער

שטאַרקער בעסער
די ראָד די ראָד מאַכט גרעסער
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט
גליק האָט ער מיר געבראַכט
הוליעט קינדער אַ גאַנצע נאַכט
די מיזינקע אויסגעגעבן
מאָטל שמעון
די אָרעמע לייט זיינען געקומען
שטעלט זיי דעם שענסטן טיש
טייערע ווינען טייערע פיש
אוי וויי טאָכטער גיב מיר אַ קוש
די מיזינקע אויסגעגעבן
די מיזינקע אויסגעגעבן

(מאַרק וואַרשאַווסקי).

באמערקונגען צו די אויפגאבעס.

(ענטפערס אויף א טייל רעטענישן).

אין דער אויפגאבע 41 — צוויי מילן.
„ „ „ 62 — עס פעלט דער חודש „אייר".
„ „ „ 63 — ווינטער.
„ „ „ 88 — גיך, ט, מ.
„ „ „ 143 — בשעתן עסן, אין נחס תיבה
„ „ „ 176 — די גרוב, יונה אין וואלפיש
„ „ „ 215 — קורק, א גרוב.
„ „ „ 225 — דער צווייטער, איין, אבט, א פייג.
„ „ „ 256 — פרר!

אינהאלט

הקדמה 3

ערשטע מדרגה

פשוטער אומפארברייטערטער זאַץ.

וועגן געדאנק, § 2 11
זאַץ און וואָרט, § 2 12
זאַכטייל און זאָגטייל, § 3 13
אָפּשטעלצייכנס, § 4 15
פארברייטערטער און אומפארברייטערטער זאַץ, § 5 . . . 17

זאַך. אייגנשאַפט. טואונג.

וועגן זאַך, § 6 18
וועגן אייגנשאַפט, § 7 20
וועגן טואונג, § 8 22
וועגן איינצאָל־מערצאָל § 9 25

דאָס זאַכוואָרט.

באַגריף וועגן זאַכוואָרט, § 10 26
דאס געשלעכט פון זאַכווערטער, §§ 11, 12 28

דאָם ציישוואָרט.

וועגן צייטן, § 13 30
באַגריף וועגן צייטוואָרט. די צאָלן, § 14 32
די דריי פּערזאָנען, § 15 33
די בייגונג פון צייטווערטער, § 16 35
שטאַם און ענדונג, § 17 38
פארקלענער־ווערטער, פאַרצווייגנע און פאַראכטלעכע נעמען,
§ 18 39

קלאַנגען און אותיות.

וועגן טראַף און נגינה, § 19 41
גערעדטע און געשריבענע שפּראַך, § 20 43
וועגן קלאַנג און אות, § 21 45
טראַפּיקער אָדער לעבעדיקער „למד” און „נון”, § 22 . 47
דומפּע און הילכיקע קלאַנגען, § 23 49
פארטונקלטע קלאַנגען, § 24 51
יוד דער מיטהילכער, § 25 53
די צישקלאַנגען, § 26 55
איבערחזרונג 59

צווייטע מדרגה

פּשוטער פאַרברייטערטער זאַץ.

זאַגבאַשטימונג אָדער צוגאָב, § 27 63
זאַכבאַשטימונג, § 28 65
אָרטבאַשטימונג, § 29 67
צייטבאַשטימונג, § 30 68
שטייגערבאַשטימונג, § 31 70

צילבאשטימונג, § 32 73
גרונטבאשטימונג, § 33 74
אומשטאנד־באשטימונג, § 34 75
דאָס פאָרוואָרט, § 35 78

דאָס זאַכוואָרט.

כלל־נעמען און אייגננעמען, § 36 81
באשטימטער און אומבאשטימטער ארטיקל, § 37 83
בייגונג פון זאכווערטער. נעמען פון באלעבטע זאכן, § 38 85
נעמען פון אומבאלעבטע זאכן, § 39 88
אייגננעמען, § 40 90

דאָס בייוואָרט.

באגריף ווענן בייוואָרט. דאָס געשלעכט. די צאָלן, § 41 91
פארגלייכגראדן, § 42 94
בייגונג פון בייווערטער, § 43 97
דאָס צאָלוואָרט, § 44 99
דער פאַרנאָמען, § 45 101

דאָס צייטוואָרט.

אופנים פון צייטוואָרט. באשטימטער און אומבאשטימטער
אופן, § 46 104
דער באפעל־אופן און דער תנאי־אופן, § 47 107
די צייטווערטער מיטן „ע" פאַר די פערזענלעכע ענדונגען,
§ 48 109
דאָס אומשטאַנדוואָרט, § 49 111
דאָס אויסרופוואָרט, § 50 114
די ווענדונג, § 51 116
דערצייל־זאַץ, פרעג־זאַץ, אויסרוף־זאַץ, § 52 118

צונויפגעזעצטער זאַך, § 53 121
צונויפגעצויגענער זאַך, § 54 123
דאָס בינדוואָרט, § 55 127
די קאָמע אין פשוטן, צונויפגעזעצטן און
צונויפגעצויגענעם זאַך, § 56 128
דער שורש און די ווערטער־משפחה, § 57 . 133

איבערחזרונגען.

וועגן וואָרט־קלאַסן און זאַצטיילן 134
וועגן אויסלייג 136
וועגן אָפּשטעלצייכנס 138
באַמערקונגען צו די אויפגאַבעס 144

ביכער-לאגער
„ליכט"

קאָוונע,
פרייהייטס-אַלעע 40, דירה 1.

אויפן ביכער-לאגער „ליכט" איז שטענדיק צו באקומען
די נייסטע יידישע ליטעראַטור צו פּאַרלאַג-פּרייזן.

ביכער אויף מתנות

אויפן לאגער קאן מען שטענדיק באַקומען
יידישע ביכער אין פּראַכט-בענדער.

זשורנאַלן און צייטשריפטן

אין ביכער-לאגער „ליכט" קאן מען באַקומען די נייסטע און
מאָדערנסטע זשורנאַלן און צייטשריפטן, וואָס ערשיינען איצט
אין אויסלאַנד.

אכטונג, ביבליאָטעקן!

דער ביכער-לאגער „ליכט" באַזאָרגט די ביבליאָטעקן
מיט אַלע נייע ביכער **צו ביליגערע פּרייזן.**

דער ביכער-לאגער איז אָפן טעגלעך פון 9 ביז 11 און פון 4 ביז 6.
באַשטעלונגען דורך פּאָסט ווערן **פּינקטלעך אויסגעפילט.**

Verlag „LICHT" Kaunas, Laisves aleja 40/1 :אדרעס

פאַרלאַג „ליכט“ קאָוונע

פרייהייטס־אַלעע 40, ד. 1

שוין אַרויס פון דרוק:

פ. מאַרקוס	אַרום שטאַל (ראָמאַן)
יוריקאַ	נייע יוגנט (לידער)
ה. בלאָשטיין	אויפן זונענטרעפּ (לידער)

לערנביכער

יודל מאַרק	שול־גראַמאַטיק
א. שולמאַן	ליטוויש (לערנבוך פאַר דערוואַקסענע) נייע אויסלייג כללים

טעאַטער־ביבליאָטעק

ה. בריל	שאול	אַ ביבלישע דראַמע
„	חרוב	אַ דראַמאַטישער איינאַקטער
ה. ראַפאַלאָוויטש	ראָזע	אַ דראַמע אין 3 אַקטן

אויפקלער־ביבליאָטעק

ז. קלמנאָוויטש	אונזער שול־פראַגע
בעל־דמיון	יידיש און יידישע קולטור
יודל מאַרק	איינהייטלעכע פאָלקשול

קינדער־ביבליאָטעק

אַנדערסען	דאָס זילבערנע מטבעלע
„	דער מיסט־זשוק
„	דער שניי באָק
„	דער לעצטער חלום פון אַלטן דעמב יידיש—דער נסתר.

אַדרעס פון פאַרלאַג:

Verlag „Licht“ Kaunas, Laisves aleja 40|1 (Litauen).

נאָטיצן